STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08408

OYFGEVAKHTE ERD

Mendel Mann

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדל מאַן / אויפֿגעוואַכטע ערד

מענדל מאַן

אויפגעוואַכטע ערד

גאָלדענע קייט

תל־אביב, 1953

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון יידישן פען־קלוב אין ניו־יאָרק

מענדל מאַן / אויפגעוואַכטע ערד / דערציילונגען,
געשריבן אין ישׂראל אין די יאָרן 1949—1953 /
פאַרלאַג די גאָלדענע קייט, תל־אביב.

MENDEL MAN / OJFGEVACHTE ERD

נדפס בישׂראל
Printed in Israel, 1953

Copyright by
Mendel Man
Israel, 1953.

געזעצט און געדרוקט אין דער קאָאָפּ. דרוקעריי „אחדות", ת"א

אין שאָטן פון ווייבשטאָק

אין שאָטן פון ווייַנשטאָק

1

אַן אָפּגעריסענער אומבאַקאַנטער געשריי האָט נאַכט נאָך נאַכט, אין דער זעלביקער שעה, אַ זעג געטאָן אין די טרוקענע מאַראַנצן־בלעטער. דערנאָך פלעגט שטיל ווערן, און אין דער נאַכטשטילקייט האָט מען געהערט דאָס שטעפּן פון אַ גריל, אַ ווייטע וואָרקעריי פון אַ טורקלטויב און אַ צישעריי פון אַ נאַכטשלאַנג, וואָס האָט אָנגעפילט דעם חלל מיט אַנגסט.

אין אַזאַ נאַכט־שעה איז סלאַווע אַראָפּ פון געלעגער און געבליבן שטיין ביים אַראַבישן פענצטער. זי האָט זיך אָנגעלענט אָן די אייזערנע קראַטעס און געלאָזט פאַלן אויף איר פּנים דאָס מאַטע, זילבערנע ליכט פון דער לבנה.

דער קאַקטוס־גדר אַרום הויז האָט אין דער לבנה־נאַכט אויפגעלעבט. ס'האָט אויסגעזען, אַז די סאַבּרעס זענען מענטשישע שאָטנס, וואָס האָבן ניט באַוויזן מיטצולויפן מיט זייערע בעלי־בתּים אין דער גרויסער בהלה. איצט וואָגלען זיי אין די נעכט, ווי זיי וואָלטן געזוכט אַ תּיקון, און שאָטענען אויס אַן אימהדיקע בענקעניש.

ווען די פולע לבנה איז אויפגעגאַנגען אין איר לויטערסטן ליכט, האָט סלאַווע געזען ווי אָנצאָליקע סאַבּרע־נאָדלען טוען אַ פינקל מיט אַ דין־שפּיזיקן זילבערפלעמל. דאָס ליכט פון דער לבנה האָט אויפגעוועקט דעם פאַרוויסטן און גוססדיקן אַראַבישן פּרדס צום נאַכטישן לעבן און די סאַבּרע־שאָטנס זענען פאַרצערט געוואָרן פון דעם לבנה־ליכט.

סלאַווע האָט דערזען, אַז דער גראָ קלעטערנדיקער צווייג וואָס האָט געוויגט זיך צווישן די סאַבּרעבלעטער, אַ צעשפּאָלטענער, מיט פאַרקראַמפּטע רייטלעך, עפּנט פולע און אָנגעגאָסענע קנאָספּן.

דער נאָקעטער צווייג איז געלעגן אויף די סאָברעס אַ גאַנצן ווינטער איינגעדאָרט און פאַרקוואָרט. דער קלעטערפלאַנץ האָט ניט געקאָנט פון זיין גורל אַנטלויפן. זיינע ביי־אויפגעשפּראָצטע פרילינגצווייגלעך זענען געבליבן הענגען אין חלל, געזוכט אַן אָנשפּאַר פאַר זיך און תּמיד אָנגעטראָפן אויף שטעכלקעס.

2

ס'זענען געקומען די פרילינגטעג. און אַז דער גרינער אויסשפּראָץ פונעם קלעטער־פלאַנץ האָט זיך געעפנט, האָט סלאָווע דערקענט, אַז דאָס איז אַ ווײַנשטאָק.

סלאָווע איז געלעגן איינגעגראָבן מיטן פנים צום אויפגייענדיקן בייט, זי האָט געפּעלעט, באַוואָסערט דעם יונגן גרין וואָס האָט געלויכטן מיט מילדקייט. דערנאָך איז זי געבליבן לאַנג ביים פאַרקראַטעוועטן פענצטער פון דעם אַראַבישן חדר. דאָס נאַכטליכט האָט אָנגעגאָסן אירע אויגן־אַפּלען מיט אַ שטראַליקער פּייכטקייט, ווי זיי וואָלטן באַלעבט געוואָרן פון נאַכטטוי. ווען אַ פאַרקראַטעוועטער ליכטפּאַס איז געפאַלן אין חדרל און באַלויכטן דאָס פנים פון קינד, האָט זי געזען ווי איר פינפיאָריק ייִנגעלע נעמט אויף זיך אַרויף דעם טאַטנס הויט, ווי דאָס ייִנגלשע גופל ווערט אַלץ מער איינגעשרומפּן, זיין פלייצקעלע איינגעבויגענער, ווי די אַרויסשטאַרנ־דיקע צוויי פּעדערשטע צײנדלעך האָבן אונטערגעהויבן די אייבערשטע קינדערשע ליפּ און אַרויפגעצויגן אויפן קינדס פנימל אַ פאַרגליווערט גע־לעכטערל.

3

אין אַ גרויליקער רגע צווישן טויט און לעבן, ערגעץ ביי די שליימיקע ברעגן פון טייך האַריק, אין אַ האַרבסטיקן טאָרפזומפּ האָט דאָס געיאָגטע ייִדישע מיידל סלאָווע צום ערשטן מאָל דערפילט לעבן זיך דעם אָטעם פון נאָך אַ געיאָגטן מענטשן. דאָס געביל פון הינט און די שטיוולטריט פון פויערים אין די צעפליוכעטע וועגן האָבן זיי צונויפגעקאָרטשעט און פאַר־קלאַמערט לייב צו לייב, אָטעם צו אָטעם. זי האָט אין שיין פון דער אויפגיי־ענדיקער לבנה מיט אַ מאָל דערזען דעם הינקעדיקן מיטן פנים פון אַ יאַריד־

לצל. ערשט שפעטער האָט זי אַרויסגעפּילט דעם קאַלטן שוידער פון דער פאַרכישופטער רגע. קוניעס אויגן האָבן זיך זינט יענער נאַכט אָנגעגאָסן מיט אַ מאַט פּייערל. ער האָט ווי אַן איינגעשרומפּענער נאַכטשאָטן, אומ־באַמערקט פאַר אַ מענטשיש אויג, געוואָגלט איבער כוטאָרן און דערפער, געבראַכט פאַר סלאַוועס שפּייז און געראַטעוועט זי אין כּלערליי סכּנות.

אינעם נייעם לאַנד איז קוניע געוואָרן איינגעטריקנטער. דער שמייכל פון זיין פויגל־פּנים איז געווען מיד, די אויגן־ווינקלען — געראונצלט, זיינע טריט — שטיל, ווי ער וואָלט אויף די שפּיצן פינגער געטראָטן. זיינע גוטע אויגן האָבן אויף יעדן איינעם געקוקט מיטן רחמנות־געבעט פון אַ גאָטס־געשטראָפטער באַשעפעניש.

4

קיינער האָט ניט געוווסט די געשיכטע פון דעם וויינשטאָק לעבן סלאַוועס פענצטער, און ווער האָט דען געקאָנט די געשיכטע דערציילן, אַז די פריִערדיקע תּושבים, די אַראַבער, זענען אין איין נאַכט נעלם געוואָרן? זיי זענען אַוועק און מיטגעטראָגן אין ווייטן מידבר אַריין די קלוגע רייד פון זייערע אַלטעטשקע ביים קלייבן די שיקמה־פּירות.

סלאַוועס האָט באַנומען דעם צער פון וויינשטאָק. זי האָט געזען ווי זיינע אויפשפּראָצנדיקע בלעטער, ערגעץ ביים שפּיץ פון איינגעטריקנטן צווייג, ווערן צעפּליקט פון די נאָדלען איידער נאָך זיי גייען אויף אין זייער פולער בלעטערדיקער גרייס.

קיינער האָט ניט געוווסט די געשיכטע פון סלאַוועס, דעם ייִדישן מיידל פון וואָלין, און ניט די מעשׂה פון דעם סעדעריונג און יאַריד־גייער קוניע. ווער האָט דען געקאָנט דערציילן, וואָס איז געשען יענע נאַכט ביים האָרין. קיינער איז ניט געבליבן פון יענע וואָלדייִדן, און די נאָענטסטע שכנים פונעם פאַרלאָזענעם אַראַבישן געסעלע זענען ייִדן פון תּימן.

קאָן אַ בוים פאַרנעמען דעם צער פון מענטש אַזוי ווי דער מענטש באַנעמט דעם צער פון בוים? האָט דער וויינשטאָק ניט געפילט דעם וואָרעמען גלעט פון סלאַוועס ציטערדיק־ווייסע פינגער?

אַזוי צי אַזוי, עס האָט זיך אָנגעהויבן קניפּן די שותּפותדיקע גורל־דיקייט פון מענטש און בוים.

אין די פאַרנאַכטן האָט זיך קוניע אַרויסגעשאַרט פון שטוב מיט זיין שטיל הינקענדיק גענגל און איז אַוועק היטן די פעלדער פון אַזור, ווו ער איז געווען אַ נאַכט־שומר. סלאַווע האָט געזען ווי קוניעס שאָטן פויזעט איבערן זאַמדיקן וועגל און ווערט נעלם אין די גראָזן פון די ברוינע פעלדער.

אין דעם לאַנד זענען די פאַרנאַכטן קורצע, זיי דויערן געציילטע רגעס. דער ציפּרעס־שאָטן ווערט אויסגעצויגענער, דורכזעעוודיקער ווי בלאָער פעלדשפּינוועבס. דער סיקאַמאָר שענקט אַוועק זיינע שאָטנס די ווייטע פעלדער, זיי גייען אַוועק פון בוים צו די האָריזאָנטן אָנצוהייבן זייער באַכטלעבן.

5

אין די פאַרנאַכטן זיצט אויף זיין שוועל דער ייִד פון תּימן, גמליאל, זיינע אויגן זענען מילד ווי די בלאָע ווייטן פון הרי יהודה. מיט זיין ביגון כּישופט ער אויס די גרויסע זאַמדפלאַכן פון תּימנער מידבריות, די אָנשאָטנדיקע פליינען, געקאַרבטע פון הייסע ווינטן, אויסגעשטעפּטע פון דאָרשטיקע פייגל וואָס קלייבן פאַרבאָרגענע טוי־טראָפּנס. דער מידבר גענענט צו אים מיטן ריח פון טרוקענע זאַמדגעוויקסן, מיטן געזאַנג פון רויטן זאַמדשטויב. גמליאל זינגט דאָס ליד פון מידבר־דאָרן וואָס קיניגט אין דער וויסטעניש און דאָס פייער קאָן אים ניט פאַרברענען, די ווינטן קאָנען אים ניט אַרויסרייסן. מידבר־פייגל מיידן אים אויס, מידע דורכגייער רוען ניט אין זיין איינגעקוואַרטן שאָטן וואָס זעט אויס ווי אַ פאַרקוילטער בליץ, און זיינע האָלאָ־וועשקעס טליִען נאָך מיט אַ בלאָ־קאַלטן שימער. נאָר דער שענסטער פויגל פון דער וויסטעניש, מיט צעפּעכערטע פליגל פון הימלישע פאַרבן זינגט דאָ אויס אין די קילע פאַרטאָגן דאָס וווּנדערלעכע ליד וועגן מידבר־דאָרן וואָס זיינע צווייגן וועלן נאָך אַמאָל אויפגיין מיט שאָטן, מיט קילקייט און גרין געזעטיקטע גן־עדן־פּירות.

די יונגע זהבה קען דאָס ליד פון טאַטן, זי האָט עס נאָך געהערט פון אירע זיידעס, זי זינגט נאָר דעם ניגון. אָפט דוכט זיך איר, אַז זי איז עס דער דאָרן פון מידבר און טייל מאָל מיינט זי, אַז זי איז עס דער שיינער מידבר־פויגל. ווער קאָן דען באַשיידן די רעטעניש פון אַ יונג תּימנער מיידל?

סלאַווע קען דעם ניגון פון שכן גמליאל. זי הערט זיך איין אין די טענער. אָפט גיסט ער זיך מיט אַ היימישער האַרציקייט און בענקעניש ווי

דעם טאַטנס אַ תּפילה. דעמאָלט פילט זי דעם פֿאָטערס מילדע אויגן לעבן זיך, זי דערזעט די וואָלינער היים, דעם גרינעם שינדלדאַך, דעם פֿלעמלדיקן צאַפּל פֿון ליכטלעך אויף ווייסע טישן.

אָפּט ווערט גמליאלס ניגון איבערגעריסן דורך אַ האָלדזכאָרכל, ווי עס וואָלטן ערגעץ זיך אַ שאָט געטאָן טרוקענע צווייגלעך. אַ פּלוצעמדיקער איבעררייס פֿון קלאַנג, ווי אַ טריקעניש וואָלט פֿאַרשלאָסן די קעל, — און דערנאָך גיט דער ניגון אַ פֿלייץ ווי אויפֿגעבונדענע ריטשקעלעך וואָס צעלויפֿן זיך אין פֿריילעכן געשפּרודל, און זהבֿהס קולכל זילבערט זיך לאַנג־לאַנג אין די פֿאַרנאַכטן.

6

אַזוי ווי דער ווייַנשטאָק האָט ניט געקאָנט אָוועק פֿון זיין גורל, ניט געקאָנט זיך אָפּרייסן פֿון די וואָרצלען און געזען ווי סאַבּרעס צעשפּרייטן זייערע שטעכיקע קעפּ און פֿאַרקניפּן זיינע צווייגלעך — אַזוי האָט אויך סלאַווע ניט געקאָנט אַוועק פֿון יענעם האָרבסטיקן האָרין־ברעג. דער מאָכיקער ריח, דער צווייגן־געשאָרך פֿון יענע רגעס, ווען זי האָט אַ דער־וואַכטע דערזען דאָס מיאוסע פּנים פֿון קוניען, איז אַריין אין אירע טיפֿענישן ווי די סאַברע־שטעכלקעס דרינגען אַריין אין צווייגנלייב פֿון גוססדיקן ווייַנשטאָק.

ווער האָט פֿאַרפּלאַנצט אַ ווייַנשטאָק צווישן שטעכיקע דערנער אויף אייביקן געשפּאָט? וועלכער ווינט האָט דאָס פֿאַרטראָגן אַ טרויבקערנדל צופֿוסנס פֿון אַ קאַקטוס־גדר?

אפשר האָט אַ מידער קעמלרייטער אין האַמסינדיקן שטויב געזוכט אַ שאָטן ביי די קאַקטוסן, און פֿון זיין מאָלצייט איז אַ קערנדל אַראָפּגעפֿאַלן אויף דעם אַנגעהויפֿטן סאַברעבאָדן?

אפשר האָבן צעקריגטע שכנים אַ גדר פֿאַרזעצט מיט שטעכיקייטן און אָפּגעטיילט איין נחלה פֿון דער צווייטער, און דער ווייַנשטאָק איז געוואָרן פֿאַרפּלאָנטערט און פֿאַרצערט אין קאָלטגריניקן, שטעכיקן אָטעם פֿון סאַברעס?

און וועלכער גורל האָט דאָס צונויפֿגעפּירט די טאָכטער פֿון זווילער וואַלד־סוחר מיט קוניען, דעם וואָלינער יאַריד־גייער?

איבער די פעלדער פון אַזור האָט אין די נעכט געוואָגלט דער איינ־געפּאַלענער שאָטן פון קוניען. אַזוי ווי אַ קליין נאַכטגעשפּענסטל האָט ער געהיפּט איבער די ירקות־גערטנער, נעלם געוואָרן צווישן די געדיכטע ציפּ־רעסן און געקנוילט זיך ווי אַ אָפּגעבראָכענער צווערגקוסט אין בייזן ווינט.

דאָס זיתים־וועלדל האָט אין דער נאַכט געאָטעמט מיט זילבערדיקער שלווה. די געבויגענע אַלטע איילבערטשטאַמען, די אויסגעקרימטע, פאַר־קראַמפּטע אין ביימערישן ווייטיק פון טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון יאָרן און דעם יאָך פון די פּירות, זענען געווען גוט צום אָרעמען מענטשישן שאָטן. זיי האָבן אים אַריינגענומען אין זיך ווי ער וואָלט געווען ניט דער שאָטן פון אַ מענטש, נאָר דער שאָטן פון אַ לאַנג שוין אויסגעהאַקטן איילבערט, וואָס איז נאָך לאַנגע וואָגלענישן צוריקגעקומען אין זיתים־וועלדל אַריין. און קוניע האָט ליב באַקומען די דאָזיקע ביימער. ער איז צוגעפּאַלן צו די קנאָכיקע שטאַמען, אויסגעדרייטע, צעלאָמעטע, צעמאָרשטשעטע ווי לייבער פון זקנים, און האָט איינגעאָטעמט אין זיך דעם גוטן און קילן אָטעם. געטראַכט האָט ער, אַז די ביימער זענען גוטע, זייערע וואָרצלען און צווייגן גיבן אַלץ אַוועק פון זיך, זיי גיסן אָן די פּירות מיט ערדישע זאַפטן, זיי צירן זיך ניט, זיי שענקען אַוועק דעם מענטש יעדער טראָפּן וואָס שטראָמט אין זייערע ביימערישע אָדערן און בלייבן דערפאַר אַליין אָרעם און פאַרצערט.

7

קוניע האָט אין די וואָלינער זומערן געלעבט אין די גרויסע סעדער אַרום האָשטש און מעזשיריטש. געדונגען האָבן אים די סאַדאָווניקעס פאַר אַ שומר. ער פלעגט ליגן אין די שטרויבודעס אַ פאַרשיכורטער פון עפּל־ריח, און פון דער צווייגיקער געדיכטעניש פלעגט זיך הערן זיין שאַרף־פּישטשענדיקע שטים ווי פון אַ נאַכט־שדל. אַ ווייט געלעכטער פון דאָרפ־שיקסעס ביי די אַמבאַרן און קלוניעס פלעגט זיך אַ קאָלער טאָן, ווי ערגעץ ביים סוף פון סאָד וואָלט מען אָפּגעטרייסלט אַ בוים מיט לבנהדיקע עפּל.

אין די ווינטערטעג פלעגט ער פאָרן אויף וואָלינער יאָרידים מיט פערד־סוחרים און קצבים. זיי האָבן אים מיטגענומען פון פריילעכקייט וועגן.

גוט און מילד איז קוניע געווען צו סלאַוועז. ער האָט תפילה געטאָן צו אַ גאָט וואָס ער האָט אים קיין מאָל ניט געקענט און ניט געהערט וועגן

זיין באַרעמהאַרציקייט, צו אַ גאָט, וואָס קוקט אַרויס דורך אַלע מענטשישע אויגן, אַז ער זאָל אָוועקנעמען דעם טרויער פון סלאָוועס האַרץ, אַז ער זאָל צעטרייבן די באַטריבטקייט אירע ווי ער צעטרייבט בייזע כמאַרעס איבער די מירמלנע ווייטן פון דעם נייעם לאַנד.

סלאָוועס טרויער האָט אָבער קיינער ניט געקאָנט צעטרייבן. אירע טיף־אַריינגעזעצטע שוואַרצע אויגן האָבן ניט דורכגעשניטן די בלאָע ליכטיקייט מיט אַ טונקעלן שימער, זייער שטראַליקייט איז נאָר געפאַלן אויף איר ליכטיקן, שיינעם פנים און אַנטפּלעקט איר צער פאַר דעם שיין פון טאָג. אירע גרויסע אויגן האָבן געטראָגן אין זייערע שוואַרצאַפּלען דעם טרויעריקן אָפּשיין פון איבערגעפולטע טרערן־בעכערלעך. זי איז אומעטיקער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. קוניען האָט זי ניט פיינט געהאַט. זי האָט געזען ווי זיינע וואַרעמע אויגן רוען אין איר שאָטן און גאַרן נאָך איר בליק, נאָך איר אויפגעבונדענעם געלעכטער, ווי אַ מידער נאָך אַ קאַלטן געטראַנק. זי האָט אָבער געוואָלט פאַרגעסן די שליימיקע טאָרפגרוב אין וועלכער עס האָט איר צוריקגעשלעפּט מיט יעדער קער דער אומגליקלעכער קוניע. זיין געפאַלנקייט אין נייעם לאַנד איז געוואָרן ניט איבערצוטראָגן. ער האָט אויסגעמיטן די בליקן פון מענטשן, געשאַרט זיך אומבאַמערקט ביי די ווענט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, גאַנצענע טעג געשלאָפן אַן איינגעקאָרטשעטער אויפן דיל און אין די פאַרנאַכטן אַוועק היטן די פעלדער פון אַזור.

סלאָווע האָט אים ניט צוגעלאָזן צו זיך. אַ שולדיקער האָט ער געפּויזעט מיט זיין הינקעדיקן שאָטן איבערן הייפל. ניין, האָט זי געשריען, זי וועט מער ניט געבוירן פון אים קיין קינדער, ניט ברענגען קיין נייע קוניעס אויף דער וועלט.

איר געשריי איז אים נאָכגעלאָפן אויך דעמאָלט ווען ער איז געלעגן צווישן די איילבערטן מיטן פנים צו זייערע נאַקעטע וואָרצלען. קוניע האָט אַריינגעטריפט דאָרטן זיינע גרויסע טרערן.

און ווייל זיין וועלפּקעלע איז געווען ווי צוויי טראָפּנס טרערן ענלעך צום טאַטן, האָט ער אים ליב געהאַט מיט אַ גרויסער פאָטערישער ליבע. ער האָט זיך שעהן־לאַנג געשפּילט מיטן קינד, געלאָזט וועלפּקען קריכן מיט זיינע פּיסעלעך איבערן קאָפּ, איבער די אַקסלען.

ער האָט פיינט געהאַט, קוניע, די אַלערליי שטעטישע לייט וואָס ער

האָט אין די ערשטע וואָכן פון זיין אָנקומען אין לאַנד באַגעגנט. זיי האָבן געקענט דעם קוניען פון די וואָלינער שליאַכן, פון די יאַרידים. זיי האָבן אים גוטברודעריש געקלאַפּט איבער זיין אויסגעקרימטער פּלייצע און ווילעריש צוגעוווּנקען.

— האַ, קוניע... און דיין סלאַווע וואָס מאַכט?...

זייערע אייגעלעך האָבן זיך דערביי צעשמייכלט מיט אַ שפּיציק גע־לעכטערל, ווי מען וואָלט מיט קראָפּעווע אַ ברי געטאָן זיין לייב.

*

אין די ביירישע לאַגערן האָט קוניע אויפגעלעבט. ער איז דאָרט ניט איינגעזעסן אין די גרויסע הייזערבלאָקן, ער האָט געהאַנדלט און געוואַנדלט, געשלעפּט זיך איבער באַנווענגן און געפירט מיסחר צוזאַמען מיט נאָך יידן פון די לאַגערן. סלאַווע האָט נאָך דעמאָלט ניט באַנומען איר צער, זי האָט זיך געריסן צום לעבן. ער איז זעלטן געווען אין דער היים, און אַז ער איז שוין געקומען, איז ער באַהאַנגען געווען מיט כּלערליי זיידנצייגן און פּאַטשערקעס, אויפגעקויפטע ביי די דייטשן.

גאָר אַן אַנדערער איז קוניע געוואָרן אין לאַנד ישראל. זיין איינגע־פאַלענער שאָטן איז דורכזעעוודיקער געוואָרן, זיין גענגל — וויגנדיקער. די שטאָטמענטשן וואָס ער האָט באַגעגנט האָבן אים אויפגענומען, אַזוי ווי זיי וואָלטן אים געטראָפן אויף אַ וואָלינער יאַריד, מיט איידעלע שפּאָטרייד. ער האָט זיי ניט פאַרטראָגן, געווייכט פון זייערע בליקן און געזוכט שוץ אין די באַכטיקע בלאָנדזשענישן אַרום די שאָטנס פון איילבערטוואַלד.

8

אַלט זענען די קעמלווענן פון דעם לאַנד. זיי האָבן ניט קיין אָנהייב און ניט קיין סוף. זיי פאַרקניפּן יישוב מיט יישוב, שטאָט מיט שטאָט. אַפילו פאַרשוווּנדענע שטעט, וואָס זעלטן ווער עס געפינט זייערע נעמען אין די אַלטע ספרים, שלאָפן זייער אייביקן שלאָף, פאַרשאָטענע אין די זאַמדיקע פלאַכן ביי די ראַנדן פון די קעמלווענן. טרעפסט ניט אויף זיי די באָרוועסע גייערס וואָס זענען פון די היימען אַוועק זוכן זייער גליק אין די יפוער ליקלעך; זעסט ניט די שיקמה־קלייבערס מיט די געפלאָכטענע קיישלעך פון טרוקענעם פאַלמעבלאַט, ניט די קעמלרייטערס וואָס האָבן זיך געוויגט איבער

דעם שמאָלן וועגל, ניט די אייזלטרייבערס וואָס קערן אום זיך פון רמלה; זעסט ניט די רייכע סוחרים פון לוד מיט די באַצירטע קעמלען פון די ווידערלעכסטע שטאָפן. ריין פון בהמישן אָפפאַל זענען די וועגן, צעכוואַליעטע פון צפון־ווינט, מיט האַלב־פאַרשאָטענע סליאַדן פון טריט.

געבליבן זענען די טונקל צעצווייגטע ריזיק־גרויסע סיקאַמאָרן ביי די קעמלוועגן, זייערע וואָרצלען האָבן זיך אַריינגעקאַרבט אין דער ערד מיט דיקע וואָרצל־אָרעמס און דערגרייכט צו די ערדישע קוואַלן. געבוג, אַז אַ מידער גייער זאָל זיך לייגן אין זייער שאָטן — און ער וועט דערפילן דעם קילן שטראָם וואָס ריזלט פאַרבאָרגן פון די ערד־טיפענישן ביז די הימלשפּיצן פון דעם סיקאַמאָרס קלענסטע צווייגן.

איצט ליגן די וועגן צעהאַלבטע און צעפּערטלטע. אַספאַלט־שאָסייען האָבן צעשניטן זייער העלזאַמדיקן פלאַך, אויפגעפּראַלט די אַלערליי פאַרצוימונגען און דורכגעשניטן מיט אַ מעסערדיקער שאַרף נייע וועגן צו אויפגייענדיקע יידישע ישובים. אַזוי ווי אַ גרויסע שלאַנג, אַ צעשניטענע, אַ צעהאַקטע, לעבט נאָך אַ צייט מיט איר פריערדיקן לעבן, אַזוי האָבן אויך די קעמלוועגן אָן קעמלען, אָן שיקמה־קלייבערס, אָן אייזלטרייבערס אָנגעהאַלטן זייער לעבן.

אין די נעכט האָבן זיך נאַכטפייגל אַראָפּגעלאָזן איבער דעם וועגל און גענישטערט אין די פלעכטגראָזן, פלעדערמייז האָבן מיט אַ שאָרכעריי געזוכט זייערע נעסטן און איבערגעשראָקן די דרעמלענדיקע טורקלטויבן.

ביים ראַנד פון אַזאַ קעמלוועג איז געשטאַנען דאָס פאַרלאָזענע אַראַבישע הייזל, אין וועלכן ס'האָבן זיך אַריינגעקליבן קוניע און סלאַווע.

סלאַווע האָט ליב באַקומען די טויטע שטילקייט פונעם וועגל. אָפּט האָט זי זיך לאַנג איינגעהערט אין נאַכטווינט, געזען אין לבנה־שיין ווי ער קאַרבט דעם זאַמד. זי האָט געפילט אויף איר פּנים די ים־פייכטקייט און דעם אָטעם פון אַ קילער נאַכטישער ווייט.

וועלפקע איז געלעגן אין בעטל אַן אָפּגעדעקטער מיט צעשפּרייטע הענטלעך. סלאַווע האָט אַ שטילע, אויף די פינגערשפּיצן, פאַרריגלט פון דרויסן דעם טויער און אַוועק. אין די שכנישע שטיבער איז שוין דאָס ליכט געווען פאַרלאָשן. ערגעץ גאַר נאָענט האָט אַ שאַקאַל אַ העשע געטאָן און דערנאָך פאַרצויגן אַ לאַנגן געוואָי. איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס

געוואַי וועט שוין ניט איינגעשטילט ווערן, אַז עס וועט אָנהאַלטן דאָ אַזוי לאַנג, ווי לאַנג זי וועט דאָ זיין. און אַז דאָס געוואַי איז פאַרשטילט געוואָרן, האָט אין סלאַוועס אָפּגעקלונגען אַ ווידערקול פון אַ געהעש וואָס איז נאָך געווען טרויעריקער און ווייטיקדיקער.

גרויסע, ליכטיקע שטערן, ווי פולע טרערן־טראָפּנס, זענען געהאַנגען אין טיפן הימל. זי איז געגאַנגען גיך און אַריין אינעם שאָטנקרייז פון סיקאַמאָר, דערנאָך פאַרשלונגען געוואָרן אין דער געדיכטעניש פון אַ פייגנ־בוים ביז זי איז אַרויס אויפן זאַמדוועג. ערגעץ אין די שאָטנס פון די קריכפלאַנצן, וואָס מען רופט זיי — טייוולהאָר, האָט געוויינט אַ באַכטסאָווע. סלאַווע איז געגאַנגען מיט אַ טראָט פון אַ מענטשן וואָס הערט ערגעץ אין דער ווייטעניש רופן זיין נאָמען.

זי איז געלאָפן פון זיך, פון קוניען, פון קוניעס הינקענדיקן שאָטן, פון טרויעריקן וויינשטאָק, פון איר אייגן קינד. וווהין? דאָס ווייס אפשר די וויינענדיקע בלינדע סאָווע.

אין טויקן פאַרטאָג האָט אַ שאַקאַל אַ שטילן כליפּע געטאָן. סלאַווע איז אויפגעשפּרונגען און מיט אויגן אָנגעגאָסענע מיט שיגעון געלאָפן אַ באָרוועסע צוריק אַהיים. געדוכט האָט זיך איר, אַז זי הערט דאָס געוויין פון קינד.

ווען קוניע איז געקומען פון די פעלדער האָט ער זי געטראָפן זיצן אַ באָרוועסע צופוסנס פון גדר, דאָרט ווו עס האָט געקלעטערט דער שטאַרבנ־דיקער וויינשטאָק... זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ דורכדרינגענדיקן בליק. אירע אויגן זענען אים פרעמד געוואָרן, עפּעס אַן אומבאַקאַנט פלעמל, אַ גרויליק־קאַלט פייערל האָט זיך אָנגעצונדן אין אירע שוואַרצאַפּלען, און קוניע האָט זיך גענומען שרעקן פאַר אירע אויגן, פאַר איר שווייגעניש, און נאָך מערער האָט ער זיך געשראָקן ווען זי האָט זיך צוגענאַגלט אין די נאַכט־שעהן אַ פאַרגליווערטע צו די קראַטעס, מיט צעשפּרייטע הענט ווי אַ טויטער פויגל, וואָס איז הענגען געבליבן אויף אַ פאַרצוימונג.

9

אין אַ זומער־פאַרנאַכט זענען אומגעריכט געקומען צו סלאַוועס אירע ווייטע קרובים. זיי זענען אַריינגעפאַלן אין הייפל מיט אַ געטומל.

— זעט נאָר, ווי מען לאָזט פון זיך ניט הערן, דעם קאָפּ שטעקט זי אַפילו ניט אַרויס פון דער וויסטער חורבה!

סלאַווע האָט געעפנט אירע טרויעריקע אויגן. זי האָט געקוקט אויף די געסט, אַזוי ווי מען קוקט אַריין אין אַ נעפּלדיקער ווייט. דער אומהיימ־לעכער גלי פון אירע שוואַרצאַפּלען האָט זיך געלאָשן, און צוויי קליינע פּייכטע וואָלקנדלעך זענען פון ערגעץ אָנגעשוווּמען און געהוידעט זיך ביי אירע שוואַרצע וויִעס.

קוניע האָט געהערט דורכן שלאָף פרעמדע קולות אויפן הייפל. ער איז געלעגן מיטן פּנים צום קילן דיל און איינגעקנוילט זיך, געוואָלט נעלם ווערן, פאַרשווינדן, ניט זען די פרעמדע פּנימער. ער האָט מורא געהאַט פאַר די אויסגעפּוצטע שטאָטישע געסט, פאַר זייער גאווהדיקן האַלטן זיך. קוניען האָט זיך געדוכט, אַז ער ווערט צוריק דער סעדעריונג. ער האָט ניט געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן זייער שפּאָטישן געשמייכל, איז געבליבן אָפּהענטיק אַנטקעגן זיי ווי אַ שוואַך באַשעפעניש, אַ הכנעהדיקס. ערשט אין דער נאַכט, צווישן די איילבערטן, אין זייער שאָטן, האָט אויפגעוואַכט אין אים דער באַליידיקטער און געשטראָפטער מענטש.

ווען עס איז געקומען די שעה פון שמירה, האָט קוניע געעפנט די טיר פון חדר און געבליבן שטיין אויף דער שוועל. די געסט זענען געבליבן אָן לשון. אַנטקעגן זיי איז געשטאַנען אַ קליינוווּקסיקער מענטש, מיט אַרויסגעשטשירעטע פּאָדערשטע ציין וואָס האָבן אונטערגעהויבן די פּאָדער־שטע ליפּ, זיינע אויגן זענען אָנגעלאָפן געוואָרן מיט פּחד און דאָס מויל האָט געשמייכלט. וועלפקע איז צוגעלאָפן צום טאַטן, געקלאַמערט זיך אין אים, צוגעפאַלן מיט זיין פּנימל צום פאָטערס שויס. די געסט האָבן געזען ווי דער אויסטערלישער מענטש האָט אַוועקגעהינקט אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט אַריין.

— קוניע! — האָט עמעצער פון די געסט אויסגערופן.

ווי אַן עכאָ האָבן בוים און פלאַנץ, הימל און ערד גערופן: קוניע! קוניע! אַפילו פייגל האָבן אין זייער פלי גערופן: קוניע! ער האָט פון דעם רוף ניט געקאָנט אַנטלויפן. דער קוניע פון האָטש האָט נאָכגעיאָגט דעם קוניע פון אַראַבישן דאָרף. דו וועסט זיך פון קוניען ניט אָפּטיילן, דו מוזסט נעמען אין זיך אַריין יענעם קוניע פון וואָלין, דעם יאַריד־גייער, דעם

וואָס איז געווען צו חזק און שפּאָט. איין קוניע איז דאָ אויף גאָטס וועלט, דו מוזסט אים געבן אַן אָרט אויף אינעם נייעם לאַנד.

לאַנג איז קוניע געזעסן אין איילבערטוועלדל און עס האָבן אין אים אָפּגעקלונגען די ווערטער פון זיין רבין אין חדר: און גאָט האָט געמאַכט קינען אַ צייכן. קוניע האָט געטראָגן אויף זיך אַ קין־צייכן כאָטש זיין האַרץ איז געווען ריין, פול מיט גוטסקייט און ערלעכקייט.

10

די קרובים זענען פון סלאַווען ניט אָפּגעטראָטן. זיי האָבן געבראַכט מתנות פאַרן קינד, לאַנג אַריינגעטענהט אין סלאַווען, און זי האָט זיי אויסגעהערט מיט פאַרוויינטע אויגן. ערשט דאָ, אינעם דאָרף האָט פּלוצעם גענומען אויפגיין אין איר די היים. אירע מיידלשע יאָרן האָבן זיך אַריינגעפלאָנטערט אין די וואַלדוואַרצלען, אין די זומפּיקע האַרין־פעלדער, אין אַנגסטיקער שרעק פאַרן טויט — ביז עס איז געקומען אַ טאָג ווען זי האָט אַלץ פון זיך אָפּגעטרייסלט מיט אַן אומגעריכטער פאַר זיך אַליין אימפּעטיקייט.

אין אַ סוף־זומערדיקן פאַרנאַכט איז זי געקומען אַן אויסגעפּוצטע מיט איר קרובה, גענומען דאָס קינד אויף די הענט, געקושט עס און אַ זאָג געטאָן צו קוניען:

— איך גיי פון דיר אַוועק.

ער איז אויפגעשפּרונגען. די צוויי גרויסע געלע ציין האָבן אַ בליאַסק־געטאָן, די פאָדערשטע ליפּ האָט לאַנג געציטערט מיט אַ פאַרגליווערטן טויט־געלעכטערל. זיינע אויסגעקרימטע דאַרע הענט האָבן אַ ריס געטאָן דאָס קינד פון אירע אָרעמס און מיט אַלע כּוחות איינגעקלאַמערט דאָס קינדערישע גופל.

סלאַווע איז אַוועק צו אירע קרובים אין דער גרויסער שטאָט אַריין.

*

נאָך סלאַוועס אַוועקגיין איז קוניע געלעגן עטלעכע טעג אַ פאַר־שמאַכטער אין זיין הייפל. ביי טאָג האָבן אים די היצן געשרפהט און אין די פאַרנאַכטן האָט אים אַ ווינטל געקילט. געלעגן איז ער מיט אָפענע אויגן,

מיטן פנים צו די ווייטע, בלאָע הייכן. ביי נאַכט האָט ער געזוכט זיין שטערן אויפן גרויסן ליכטיקן הימלגעוועלב און ער האָט אים ניט געפונען. אפשר וואָגלט קוניעס שטערן ביי די הימלראַנדן אָדער זיין אָרעם ליכט צאַפּלט צווישן די פאַרברענטע קוסטעס.

קוניע איז מער ניט געגאַנגען צו די אַזורער פעלדער. ער האָט געבענקט נאָכן איילבערטוועלדל, געוואָלט פילן דעם קילן זילבערהויך פון זיינע צווייגן. עפּעס פון אַן איילבערטשטאַם האָט זיך פאַרפלאָכטן אין זיין גוף. ער האָט געפילט ווי זיינע אָדערן גיסן זיך אַן מיט ביימערישער קראַפט. מיט אַן אויפגעוואַכטן כוח האָט ער געבומען באַארבעטן זיין גאָרטן. ער האָט באַלעבט דעם פרדס מיט וואַסערשטראָמען, אַרומגעשניטן די טרוקענע צווייגן, אויסגעריסן די דערנער, דורכגעקליבן יעדער רידל ערד פון אַלערליי פאַרבאָרגענע זריעה־קרייטעכצער און סם־גראָזן.

ווען דער יורה איז אויסגעפאַלן האָט שוין אַן איידעלע גרינקייט פאַרדעקט דעם פרדס און דעם גאָרטן.

11

נאָך סלאַוועס אַוועקגיין איז גמליאלס ניגון געוואָרן אָפּגעהאַקטער, טרויעריקער, ווי עפּעס אַ פאַרשטיקטע העשעריי וואָלט זיך געריסן פון זיין קעל. און געזונגען האָט ער אַלץ דאָס ליד פון מידבר־דאָרן און שיינעם פויגל. אפשר איז דער אַלטער ייִדישער ניגון געווען דער זעלביקער ווי פריִער, נאָר אין קוניעס באַטריבט האַרץ האָט ער אַנדערש אָפּגעקלונגען.

אין די פאַרנאַכטן איז גמליאל געקומען מיט זיין טאָכטער צו קוניעס שוועל, געבראַכט מתנות פאַר וועלפקען, און שווייגנדיקע זענען זיי לאַנג־לאַנג דאָרט געזעסן ביז די שטערן זענען אויפגעגאַנגען מיט אַ גרינער ליכטיקייט.

גמליאל האָט דרך־ארץ באַקומען פאַרן שכן, פאַר זיין פלייסיקייט, פאַר זיין שטילקייט, פאַר זיין ליבע צום פעלד און בוים.

אין די לעצטע האַרבסטטעג האָט קוניע דערזען דעם נאַקעטן ווייב־שטאָק צווישן די קאַקטוסן. ער איז אַלץ נאָך געהאַנגען ווי אַ געקרייציקטער אויף די שטעכלקעס וואָס האָבן זיך אין דער רעגנצייט געמערט; די

סאַברעבלעטער זענען געוואָרן אָפּענערע און אַנטפּלעקט זייערע שטעכיקע פּלאַכן.

לאַנג האָט קוניע געגראָבן מיטן רידל אַרום די וואָרצלען. די אַנגע־הויפּטע פּייכטלעכע ערד מיטן ברוינעם אָפּפאַל האָט ניט געלאָזן איינשניידן זיך דעם רידל אין איר ערדישער אינגעווייד. די וואָרצלען פון ווייִנשטאָק זענען געווען אַרומגעפלאָכטן און פאַרוועבט מיט די האָריקע סאַברע־וואָרצלען. אַ שטיק גדר איז איינגעפאַלן און פון די אויפגעריסענע סאַברע־בלעטער האָט געטריפט אַ געל־גרינע פליסיקייט ווי שלאַנגענבלוט.

דעם ווייִנשטאָק האָט קוניע איבערגעפלאַנצט אין מיט פון הייפל, אויסגעבעט די ערד אַרום שוואַכן שטאַם און אים אונטערגעשפּאַרט מיט פּאָדפּאָרעס.

אין די ווינטער־פאַרנאַכטן איז זהבה אָפּט שטיין געבליבן ביים גדר און גערופן קוניען. זי האָט געבראַכט שיינע מתּנות פאַר ווּלפקען. דאָס קינד האָט שוין געוווּסט ווען דאָס שמאָלע שוואַרצאויגיקע מיידל וועט קומען, ער האָט לאַנג געוואַרט ביים פאַרקראָטעוועטן פענצטער אויף איר דיניקן קולכל און זיך איינגעקוקט אינעם ליכטיקן זאַמד פון וועגל.

זהבה איז לאַנג געשטאַנען לעבן קוניעס הייפל, זי האָט געקוקט אויף דער שפע פון גרינס, געקוקט דורך די ווי׳עס אויף קוניען. ער האָט געשפּירט, אַז עפּעס אַ פאַרבאָרגעניש טראָגט זי אין זיך, אַ סוד פון דער גרויסער שטאָט.

און די פאַרבאָרגעניש האָט אַנטפּלעקט פאַר קוניען דער שכן גמליאל. ערגעץ אין די ווייטע גאַסן פון דער שטאָט תּל־אביב, אין די שיינע הייזער ביים ים וווינט סלאַווע מיט איר נייעם מאַן. זי וווינט אין ליכטיקע חדרים, מיט טייערן מעבל, מיט שפּיגלען און טעפּיכער, און זהבה איז איר דינסט. אַלע מתּנות וואָס זיין טאָכטער ברענגט פאַרן קינד זענען פון סלאַווען.

קוניע האָט געשוויגן. דעם תּימנערס ווייִנענדיקע רייד זענען געבליבן הענגען אין גרינעם חלל. ער האָט פון זיין האַלדז אַרויסגעבראַכט משונהדיקע טרייסטווערטער מיט אַ ניגון וואָס האָט אין קוניען געצומען אויפטויכן פון די פריסטע יינגל־יאָרן. דערנאָך האָבן זיך דעם תּימנערס רייד אַ קייקל געטאָן ווי פאַלנדיקע שווערע טראָפּנס אויף אויסגעטריקנטע בלעטער ביי אַ רעגן־אָנהייב. קוניע האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען פון די רייד, נאָר געפילט

האָט ער אויף זיך צוויי גוטע הענט וואָס האָבן מיט ציטערנדיקע פינגער באַרירט זיין ברוסט, געגלעט זיינע אַקסלען און לאַנג־לאַנג גערוט אויף זיין פּלייצע. דעם שכנס הענט האָבן אים אַ היילונג געטראָגן.

12

סלאַווע איז ניט איינגעזעסן אין אירע חדרים נאָר געשפּאַצירט איבער די זוניקע גאַסן, פאַרבראַכט אין די רוישיקע און איבערגעפּולטע קאַפעען און ערשט אין די מיטאָג־שעהן געקומען אַהיים אַ צעפּלאַמטע. איר מאַן איז שטענדיק געווען פאַרטאָן אין מיסחר. זי האָט ניט געוואָלט בלייבן אַליין מיט זיך. אַ שגעונדיקער אומרו האָט איר געיאָגט און געטריבן. אָט האָט זי געזען פאַר זיך איר וויינענדיק קינד, און אָט איז קוניעס שאָטן אַריינגעשווומען דורך די ברייטע גלעזערנע טירן און זיך באַזעצט מיט רוגזה אויבנאָן. אָפט האָט זי אין ים־ווינטל דערפילט דעם ריח פון זומפּן... און מער ווי אַלץ האָט זי באַאומרויִקט דער אויסגעפּייניקטער ווייבשטאָק, דער שטאַרבנדיקער. זי האָט געזען אין די חלומות ווי בייזע ווינטן שליידערן אים פון איין גדר צום צווייטן, און געציטערט האָט זי פאַרן גורל פונעם לעצטן בלעטעלע וואָס איז נאָך געבליבן אין שפּיץ פון אַ דין צווייגעלע, ווי דער איינציקער צייכן פון אַ נאָך ניט־אויסגעגאַנגען לעבן.

זהבהס גרוסן האָבן סלאַווען נאָך אומרויִקער געמאַכט. זי האָט מיט פאַרדאַכט און אומגלויבן זיך צוגעהערט צו אירע רייד.

— הוא איש טוב, — האָבן דער מידבר־מיידלס לעפּצן געשטאַמלט, און אַנגסטן האָבן באַשלאָגן איר טונקלהויטיק פּנים. אַ שעמעוודיקע גוטסקייט האָט אַרויסגעשיינט פון אירע אויגן.

אָפט איז סלאַווען באַפאַלן אַ ווילדע אייפערזוכט צו זהבהן. זי האָט באַהאַלטענערהייט נאָכגעפאָרשט אירע באַוועגונגען, איר בליק. זי וועט ווערן די מאַמע פון איר וואַלדקינד, זי וועט אים שלאָפן לייגן, זי וועט צו אים זינגען מידבר־לידער, און וועלפּקע וועט לאַכן...

דער געדאַנק האָט זי געפּייניקט. זי האָט זהבהן געשטעלט די משונהדיקסטע שאלות, געפרעגט צי גמליאל קומט אויך צו קוניען, און וועגן וואָס זיי ריידן, ווי עס זעט אויס אין הויף, — און דאָס שמאַלפּנימדיקע, קליינ־

װוּקסיקע, שװאַרצע מײדל האָט מיט אַן עקשנותדיק דין קולעכל אױס־געשריִען:

— הוא איש טוב... קוניע...

סלאַװוע האָט זי געװאָלט פאַרטרײבן, זאָל דער טונקעלער שד מער אירע שװעלן ניט איבערטרעטן. אפשר האָט סלאַװוע אין די שגעונדיקסטע רגעס אַרױסגעלײענט פון זהבהס האַרץ טיף פאַרבאָרגענע מײנען װאָס זענען זהבהן אַלײן געװען אומבאַקאַנט און נאָך געלעגן פאַרשלאָסן אין אירע בשמה־טיפענישן?

װען עס איז געקומען דער צװײטער פרילינג פון קוניעס באַזעצן זיך אינעם אַראַבישן דאָרף, און דער איבערגעפלאַנצטער װײנשטאָק האָט געעפנט זײַנע צאַרטע װײַנטרױבבלעטער מיט אַנזאָג אױף פולע טרױבנ־שטענגלעך, האָט גמליאל אַרײַנגעפירט זהבהן אין קוניעס הױז און זי איז אים געװאָרן פאַר אַ װײַב.

*

הױך זענען די סיקאַמאָרן, זײערע שפּיצן רירן אָן די שטערן און אַן אײביק קיל װינטל דערצײלט דאָרט מעשיות פון די קעמלװעגן און זײערע װאַנדערער. די שיקמה־קלײבערס, די גראָ געקלײדטע קלוגע אַלטע לײַט האָבן די מעשיות צעטראָגן איבער שטעט און דערפער. װאָרעם זײ האָבן פאַרשטאַנען דעם מײַן פון די װינטלעך אין די אַלטע צװײַגן.

איצט איז דאָ שטיל. די צעשניטענע קעמלװעגן האָבן אָנגעהױבן אַ נײַ לעבן. די נאַכטסאַװוע און דער אומבאַקאַנטער פױגל פון האַלבנאַכט װעלן אָפּגעפינען סלאַװועס באַרװעסע טריט, דער װינט װעט אַװעקטראָגן גמליאלס ניגון, און די בלאָע קרישטאָלרײנע הימלען װעלן אָפּשפּיגלען װײַט־װײַט, העט איבער די הרי יהודה, די גרינע רחבות פון קוניעס װײַנשטאָק.

אויפן מעטשעט־בערגל

א

ווען דער געלער שטויב האָט זיך גענומען אָפּזעצן נאָכן דורכלויפן פון די אייזעלעך, איז יאָס געגאַנגען אין מיטן געסעלע. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ רענצל. די שיך פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען, האָט ער געשטעלט די באָרוועסע פיס פּאַמעלעך, פון שטיין צו שטיין, ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף טרעפּ. דאָס געסל איז געלאָפן באַרג אַרויף און ביים הויכן טונקל געפאַרבטן הויז האָט עס זיך מיט אַ מאָל אַ בייג געטאָן אין אַ האַלב־קיילעך ווי אַן אָנגעצויגענער בויגן. דאָס געסל האָט זיך איצט געשלענגלט אַרום אַ הויכער טונקעלער געביידע. ווו יאָס איז ניט געגאַנגען האָט ער געזען די שווערע מויערן פון אַלטן מעטשעט. ריזיק גרויסע שטיינער זענען געלעגן איינער אויפן צווייטן. פון די שפּאַלטן האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ ברוינער מעך און גראָע פלעכטגראָזן זענען זיך צעוואַקסן. אַנשטאָט פענצטער האָבן פון די ווענט אַרויסגעקוקט טונקעלע, שמאָלע עפענונגען, זיי האָבן געשאָטנט מיט פאַרהוילעניש און אומרו.

יאָס איז שטיין געבליבן פאַר די טויערן, איבער וועלכע ס׳זענען געווען איינגעמויערט געבלימלטע טעלערס מיטן פלאַך צו דער גאַס. ער האָט געזוכט אין געסל אַ ליידיקן חדר. ס׳רוב הייזער זענען שוין אָבער געווען פאַרנומען פון נייע תושבים, האָט מען אים געעצהט צו גיין העכער מיטן געסל.

— אוי, אַ שאָד, צו שפּעט. ערשט היינט האָט מען פאַרנומען דאָס הייזל.

— גייט אויפן מעטשעט־בערגל! — האָט אַ רויטהאָריקע פרוי נאָכגעשריִען יאָסן. דאָס געסל איז געוואָרן שמעלער, ענגער און זיך געוויקלט אַרום מעטשעט־בערגל אַזוי ווי אַלטע פאַרמעטן אַרום וויקלהאָלץ.

יאָס איז אַריין אין אַ זייטיקן ליקל. זיינע אַקסלען האָבן זיך געריבן אָן די שטיינערנע ווענט. ער האָט געאָטעמט מיט ליימיקן שטויב, מיט פּאָלין־טריקעניש און אייזלמיסט. פאַר אים האָט זיך מיט איין מאָל אַנטפּלעקט די רחבותדיקע ווייט. ער האָט זי מיט די אויגן ניט געקאָנט אַרומנעמען: ווייסמויערדיקע יידישע ישובים, גרינע פעלדער, העלזאַמדיקע פּלאַכן, שאָסייען און לאַנגע שורות ציפּרעסן. פון דעם בערגל איז דער פאַרנאַכטיקער הימל בענטער געוואָרן און מילדער.

יאָס איז געשטאַנען אויפן סאַמע שפּיץ פון מעטשעט־בערגל וואָס איז גלייכצייטיק געווען דער דאַך פון מעטשעט. אַן ערדאַנשיט מיט איבערגע־טריקנטע גראָע געוויקסן־ריטלעך, וואָס האָבן מיט אַ סקריפּעריי זיך געבראָכן אונטער יאָסעס פיס. לאַנג איז ער געשטאַנען אויפן ערד־אָנהויף פון מעטשעט. ער איז געווען פול מיט טראַכטעניש ועגן זיך, און ניט געפילט ווי די נאַכט פאַלט צו. אַ האַלבע זונראָד איז פאַרשוווּנדן, און אין דעם קילן פאַרנאַכט האָבן לאַנגע שורות ציפּרעסן אַוועקגעשפּאַנט אין דער בלאָער ווייט אַריין.

אַ מידער האָט יאָס זיך פאַרשלעפּט אין אַ ליימיקן ווינקל און שטיין געבליבן ביי אַן עלנט הייזל. זיינע באַרוועסע פיס זענען געווען צעבריט און צעשטאָכן. די מענטשישע קולות, וואָס האָבן זיך אַהער דערטראָגן פון די אונטערשטע הייזער, האָבן אים געמאַניעט. ווהין וועט ער גיין אין דער נאַכט? יאָס איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם טויער. דער ברוין־ליימיקער הויף, מיט אַ קרומען גדר, ווי וועגט פון אַ פאַרהוילעגער ליימגרוב, האָט אים ניט געשראָקן. ער איז אַריין אין אַ הייזל. פון געוועלבטן פענצטערל איז געפאַלן אַ צאַפּלדיקער ליכטפּאַס און צערונען געוואָרן אין דער פינצטערניש. ער האָט אויסגעטאָן דאָס רעקל, אויסגעשפּרייט עס אויפן דיל און געגרייט פאַר זיך אַ געלעגער. אַ צוויטשעריי האָט זיך געטראָגן פון טרוקענעם פּלעכטגראָז.

די נאַכט איז צוגעפאַלן צו די ליימיקע ווענט מיט מילדקייט און היימישקייט. די שאָטנס זענען פּלוצעם אָנגעלאָפן ווי צעפּליקטע שטיקער זעגלען. אַ געפּאַנגענער ליכטקנויל, וואָס האָט זיך ניט געקאָנט אַרויסרייסן דורכן פענצטער, האָט געוואָגלט אין דער ליימיקער ברוינקייט ווי אַ ליכטיקער טויבן־פליגל, איז צוריקגעפאַלן צום זאַמדיקן דיל און זיך איינגע־

לאָשן. ער האָט געזען ווי פֿון דעם לעצטן ליכט וואָס קומט פֿון געוועלבטן פֿענצטערל, ווערט אַ דינער שפּינוועבסענער ליכטפּאָדעם וואָס קאָן מיטן מוילאָטעם צעפּליקט ווערן. די ליימענע שטילקייט האָט מיט טרוקענעם גראָזגעשאָרך באַרירט דעם ליכטפּאָדעם, ביז ערגעץ צווישן די חורבות האָט די נאַכטסאָווע געלאָזט הערן איר קול; דעמאָלט האָט דער ליכטפּאָדעם זיך אַ קנויל געטאָן און איז צוגעפּאַלן צו די גרויסע ווייסלען פֿון יאָסעס אויגן. ער האָט פֿאַרשלאָסן אונטער די וויִעס דאָס לעצטע ליכט פֿון זיין ערשטן טאָג אויפֿן מעטשעט־בערגל.

די זעונגען פֿון דער ערשטער נאַכט אין דעם ליימיקן שטיבל זענען געקומען צו יאָסן אָן שום סדר. עפּעס אַ מיש־מאַש, אַ צעשורפּעטער אַרויפֿרודער פֿון בילדער, רייד, שוויגענישן, מענטשן און שטעט, אַ צענויפֿ־קנויף פֿון ווייט מיט נאָענט, הימל מיט ערד, ים מיט וואַלד, מענטש מיט חיה. אין דער מיט פֿון די אַלע זעונגען האָט זיך אַרויסגעהויבן דער אויסגעצויגע־נער, איבערמענטשלעך־גרויסער שאָטן פֿון יאָסן. זיינע צעדרויבלטע, גראָע און שווערע שאָטנפֿלעקן זענען געפּאַלן אויף אַלעם, אַפֿילו אויף דער ווייטער חרובער היים, אויף די לאָנקעס און וויִעזשבע־וועגן. ער האָט געזען ווי די שאָטנפֿלעקן קנוילן זיך אין די פֿאַרלאָזענע שפּייכלערס, אין סטאָדאָלעס, ביי נאַכט זענען זיי אָנגעשווומען ווי שטיקער צעריסענע כמאַרעס, ווי טיילן פֿון אַ צעפֿלאָשעטער פֿייגל־חתונה וואָס אַ קאָרשון האָט צעטריבן. אָט בראָדזשעט ער איבער די געלע האַרבסטפֿעלדער, אָט שאָטנט ער זיך אין די נאַסע אָלשינעס, ערגעץ שטייט אָן אַלט־פֿאַרגעסענער הייסטויג, גראָבט זיך יאָס אַריין אין זיין אינעווייניק ווי אַ קראָט. אויף די פֿאַרשנייטע קאַרטאָפֿל־פֿעלדער, דאָרט ווו פּויערטעס האָבן אַ פֿייער צעלייגט און געבראָטן די טרוקענע קאַרטאָפֿל־נאַטשעס, ליגט יאָס און זוכט אין דער נאַכט קאַרטאָפֿל, און פֿלוצעם דוכט זיך אים, אַז ער איז אויף אַ יאַריד און זינגט קניִענדיק אַלטע פּוילישע קאָלענדעס. אַרום אים פּויערים. זייערע שמאָלע אויגן־פּאַסיקלעך ווערן שפּיזיקער, אָט וועלן זיי זיך ווי די שטעכלדראָט־שפּיצן איינפּרעסן אין זיינע שלייפֿן; נאָר דאָס קלויסטערליד וואָס יאָס זינגט גיט עפּעס אַ צאַפּל מיט אַזאַ דינעם שוידער אין די פּויערישע הערצער, אַז זייערע בייזע אויגן־שפּעלטלעך ווערן פֿאַרגאָסן מיט אַ מאַטן נעפּל, און זיי טראָגן זיך אָפּ פֿון יאַריד מיט שווערע מחשבות.

— ניט־גוטע, ביעסן, האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אונדז... — מורמלען צווישן זיך די פויערים.

פון די חורבות האָט ווידער אַ סאָווע אַ כליפּ געטאָן, דערנאָך האָט אָפּגעקלונגען אין דער נאַכט אַן אָפּהילך ווי ערגעץ וואָלט זיך פון אַ שווערער ברונעמקייט אַן איבערגעפּולטער עמער אָפּגעריסן און אַ פּאַטש געטאָן אין טיפן ברונעם־שפּיגל.

*

די נעכט אויפן מעטשעט־בערגל זענען קילע. די ווינטלעך וויקלען זיך אַרום די נאַכטמויערן, קעמען די צעשויבערטע, טרוקענע האָר פון די קריכ־פלאַנצן און קרישלען דעם ליים פון די צעשאָטענע קעמלמיסט־שטיבלעך. אַן איינגעטריקנטער פייגנבלאַט פּאַלט מיט אַ בלעכערדיקן געסקריפּ אויף אַ שטיין, אַן אָפּגעבראָכענער קוסט, אַ פאַרטריקנטער, אַ קיילעכדיקער גיט זיך אַ קייקל פון די שטיינערנע טרעפּ ביז עס ווערט שטיל. די אונטערשטע צווייגן, די איינגעקוואַרטע, וואָס הענגען אויף דער פעכער־פּאַלמע ווי פאַרגעסענע, אָפּגעטראָגענע מלבושים אויף אַ פּלאָט, גיבן פּלוצעם אַ שעלעשטש מיט טריקעניש און שטעכיקייט. אין ליימיקן מויער טוט זיך אַ וויג דאָס טירל און — ס'איז ווידער שטיל. יאָס הערט זיך איין אין דער פרעמדער אומעטיקער נאַכט און פאַרנעמט שווערע טריט און אַ פאַרקערײ אין הייפל. ער שפּרינגט אויף.

— ווער איז עס דאָרט? האַ? ווער?

אַ שווייגעניש. אַרום דער פולער לבנה זענען העל־גרינע וואָלקנס געשווומען. דאָס גדר־טירל האָט זיך צעסקריפּעט. יאָס האָט דערזען ביי זיך אין הייפל אַן אייזעלע. דאָס אייזעלע איז געשטאַנען אין אָפענעם טירל, מיט אָנגעשפּיזלטע אויערן אויף יאָסן און האָט אויפגעכאַפּט יעדער קער זיינעם.

ער איז צוגעאַנגען צום אייזעלע און אַרויפגעלייגט זיין גרויסע האַנט אויפן אייזלס רוקן. די אייזלפעל האָט אַ צוק געטאָן. דער אייזלסקרוך האָט זיך איבערגעטראָגן אויף יאָסן, ער האָט דערפילט די באַרוועדיקע וואַרעמע גלאַטיקייט פון אייזלשן רוקן.

דאָס אייזעלע האָט דערשפּירט אַ וואַרעמע האַנט און דעם גוטן מענטשישן אָטעם, האָט עס די אָנגעשפּיזלטע אויערן אַראָפּגעלאָזן, צעשפּרייט די נאָזלעכער און אַרויסגעלאָזן אַן אומעטיקן, האַרצרייסנדיקן געוויין. יאָס האָט פון רענצל אַרויסגענומען אַ פאַרדאַרטן האַלבן ברויט און געגעבן דעם אייזעלע צו עסן. דאָס אייזלשע קייען האָט זיך אויסגעמישט מיטן געשאָרך פון די קריכפּלאַנצן.

— פאַרבלאָנדזשעט... טרעפט ניט אין אייגן שטעלעכל... — האָט יאָס צו זיך אַליין גערעדט.

דאָס אייזעלע איז געשטאַנען ביי דער ליימיקער וואַנט רויִק מיט גרויסע צעעפנטע אויגן. די נאָזלעכער האָבן געסאָפּעט, די אייבערשטע טייל פון אייזלמויל האָט זיך געעפנט צום גרויסן געוויין וואָס וועט באַלד אָפּיאָמערן אין די ווייטקייטן מיטן שאָקאַלן־געוואָי, מיטן פרעמדן געסקריפּ פון עפּעס אַ נאַכט־באַשעפעניש ווי ס׳וואָלטן זיך ערגעץ איבערגעבראָכן אַלטע שטאַמען. נאָר דאָס אייזעלע האָט דאָס מאָל קיין געשריי ניט אַרויסגעלאָזן. דער אייזלשער אומרו האָט זיך איבערגעטראָגן אויף יאָסן.

ב

מיט יאָרן צוריק אויף די פעלדער פון מאַזאָווּשע.

אין דער אַלטער ווינטמיל לעבן וויעזשבע־וועגל האָבן געוווינט די גרעסטע יאַריד־שלעגער פון פלינצק, די ראָשאַקס. געלעבט האָבן זיי פון גניבה. די יידישע דאָרפס־גייער האָבן אויסגעמיטן די וועגן אַרום דער מיעלניצע. קיינער האָט ניט געדענקט די צייטן ווען דער וויעטראַק האָט געמאָלן, זיינע פליגלען זענען געשטאַנען ווי אַן אָפּענע שער אין הימל אַריין. אַ קיילעכיק יאָר זענען די וואָראָנעס ניט אָפּגעטראָטן פון וויעטראַק. זיי האָבן פאַרלייגט זייערע נעסטן צווישן די גרין־שימלדיקע מילשטיינער, אין צעשאָטענע שטרוי־וויעכעטשעס פון אַן איינגעפאַלענעם דאַך.

אין אַ סוף־זומערדיקער נאַכט האָט יאָס זיך דערנענטערט דורך הינטערוועגן צום וויעטראַק. ער האָט געזוכט דאָס ברוין־פעליקע לאָשיקל וואָס מ׳האָט פון שטאַל אַרויסגעגנבעט. אַרום דער ווינטמיל איז שטיל געווען. ער האָט אַ פייף געטאָן, אַ הייזעריק הינט־בילעריי האָט זיך

דערקייקלט ביז די קוסטעס און איז שטיל געבליבן, די פליגלען האָבן אַ ציטער געטאָן און עס האָט זיך צעהירזשעט זיין לאָשיקל. אַז ס'איז גוט פינצטער געוואָרן, איז יאָס געגאַנגען מיט אַ סענקאַטן שטעקן צום שטאַל, געשאַרט זיך ביי די קוסטעס, ביי די ווענט פון דער ליימענער כאַטע. ער האָט דערפילט אין זיך גבורה. די שטאַל איז געווען צוגעלענט מיט אַ הילצערנעם פּרענט. אויפן היי האָבן געכראָפּעט ראָשאַקסביידע זין. דאָס לאָשיקל האָט זיך אַ ריס געטאָן צום אויפגעפּראַלטן שטאַלטויער. די שוואַרצע קודלאַטע הינט האָבן זיך צעבילט. יאָס איז געלאָפן מיטן לאָשיק איבערן הויף, אַרויס צו די נאַכטיקע פעלדער.

די ראָשאַקס זענען אים דעם וועג פאַרלאָפן. די שוואַרצע הינט זענען אויף אים געשפּרונגען און געריסן ביי די פּאָלעס, געקנוילט זיך צופוסנס כדי ווידער זיך אַ וואָרף צו טאָן מיטן הינטישן אימפּעט. ער איז געבליבן שטיין אַנטקעגן די ראָשאַקס פּנים אל פּנים.

— טאָ טי, יאָס? — האָבן די ראָשאַקס אויסגעשריִען אין ווילדער רציחה. זייערע אויגן־ווייסלען האָבן געבלענדט ווי דאָס שטאָל פון די מעסערס. ביי דער לבנה־שיין האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג. ער האָט זיך פאַרמאָסטן מיט ביידע ברידער. די הינט זענען באַפאַלן דעם לאָשיק. זיי האָבן אים געצויגן פאַרן עק, געשפּרונגען אויפן האַלדז. אַן אימהדיק בילעריי, הירזשעריי און געשריי פון די זיך ראַנגלענדיקע מענטשן און חיות האָט לאַנג אָנגעהאַלטן אין דער נאַכט. דערנאָך איז יאָס געזעסן ביים טייך, געוואַשן ס'פּנים פון בלוט. דעם לאָשיקס פעל איז געווען צעביסן און צעריסן. ער האָט דערפילט אַ קלעפּיקייט ביים לאָשיקס האַלדז און שטיקלעך שוואַרץ פאַרגליווערט בלוט זענען אים געבליבן אויף דער האַנט. יאָס האָט אים געפּלאָוועט, די וואַסער־קילקייט האָט אים אָפּגעפרישט. דער לאָשיק האָט שטיל געהירזשעט, פון די פעלדער האָט דער ווינט געבראַכט דעם ריח פון טרוקענע קאָניטשינע.

אַרום די ווינטמילן איז שטיל געווען. די הינט זענען מידע געלעגן און געסאָפּעט. די ראָשאַקס האָבן מיט קללות אַרויפגעקלעטערט אויפן היי, נאָר זאָכע איז אין דער נאַכט ניט געשלאָפן. זי האָט געזען ווי יאָס שאַרט זיך לעבן די שטאַלווענט, זי האָט אים געזען עפענען דעם טויער און איז נאָכגעלאָפן די ברידער און צוגעקוקט זיך צום געשלעג. זי האָט זיך דערנאָך אויסבאַהאַלטן

אין די אַלשינעס און געקוקט ווי יאָס טוט זיך אויס און וואַשט זיך ביים ברעג פון טייך. זי האָט געזען ווי ער שטייט אַ האַלב נאַקעטער אין נאַכטיקן וואַסער און אַרום אים זילבערן זיך לבנה־קרייזן, שווימען אַוועק איבערן טייך און ווידער צאַפּלען אויף נייע זילבערדיגע אַרום יאָסעס ברוסט. זאָכע האָט פיינט געהאַט אירע ברידער, זיי האָבן איר געטריבן פון הויז מיט געשרייען: „דזשאַבאַטע, ברענג געלט, פאַרדין!" — און די געשטופּלטע יונגע שיקסע האָט זיך אַרומגעדרייט לאַנגע טעג איבער די פּליצקער ייִדישע געסלעך, געדרוימט אין ייִדישע שטיבער, וואַסער געטראָגן, און אין די נעכט האָבן די ראָשאַקס געגנישטערט אין אירע קליידער, געזוכט די פאַרדינטע גראָשנס.

יאָסעס האַלב נאַקעטקייט האָט זאָכען אַ וויג געטאָן די שלייפן, זי האָט דערפילט ווי די ברוסטן שפּאַרן דורך דעם לוויזן קלייד און די קילע וואַסערדיגע וואָס קרייזן אַוועק פון יאָסן שווימען צו נאָענט צו איר און וויקלען זיך אַרום אירע באָרוועסע פיס. אַ געפּלעפּטע פון יאָסעס נאַקעטקייט, האָט זי זיך אַ וואַקל געטאָן, און דער טייך האָט זיך צעפּליעסקעט. יאָס האָט אויפגעציטערט. לעבן אים איז געשטאַנען די געשטופּלטע זאָכע. זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט אין אַ בייזן גרימאַס. זאָכעס אויגן האָבן מיט הינטישער הכנעה געקוקט אויף יאָסן, דערנאָך האָט זי, אַן איינגעקאָרטשעטע, זיך אַראָפּגעזעצט אויפן גראָז. יאָס איז אויפגעשפּרונגען און איר אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט.

— ראָשאַק! — טריפהנע יוכע!...

פונעם קלאַפּ האָט זאָכע דערשפּירט אַ מאָדנע וואַרעמקייט, אַ קאָפּשווינדל. אירע ליפּן האָבן געשעפּטשעט: שלאָג, יאָס, שלאָג... נאָך אַ מאָל... די מיידלשע ברוסט האָט געאָטעמט און איבער זיך האָט זי געזען דעם נאַקעטן, גרויסן, שטאַרקן יאָס. יעדער קלאַפּ האָט איר געמאַכט נאָכגע־ביקער, זי האָט געוואַרט אויף זיין געשריי, אויף זיינע שטויסן, און ווען זיי זענען מער ניט געקומען האָט זי אַ צאַפּל געטאָן, זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיינע פיס און אַרומגענומען זיי מיט וואַרעמע אָרעמס. ער האָט דערפילט אויף זיינע קני:ען דעם הייסן הויך פון זאָכעס מויל. זי האָט געמורמלט, יאָס... יאָס... זאַבי, הרגע, נאָך... נאָך... אין לבנה־ליכט האָט ער געזען אירע גרויסע אויגן, די לויטערע, די ליכטיקע, ער האָט מיט די וואַרצלדיקע פינגער באַרירט די

גריבלעך פון איר געשטופלטן פנים און דערפילט, אַז דורך זײַנע פֿינגערשפּיצן רינט אין אים אַרײַן אַ מײדלשע װאַרעמקײט.

עס איז אַדורך דער האַרבסט און דער װינטער. זאַכע האָט אין די פֿרילינגנעכט געװאָגלט איבער די געסלעך און געװאַרט אויף יאַסן. זי פֿלעגט איבערלאָזן פֿאַר אים אַ פֿריש שטיקל פּוטער, אַ פֿריש קעזל. דערנאָך האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן בײַ יאַסן אין שטאַל און ניט געװאָלט גײן צום װיעטראַק. די ברידער פֿלעגן איר פֿון שטוב טרײַבן מיט געשרײען:

— מענטשן, קוקט, אַ ייִדישן בענקאַרט טראָגט די דזשאַבאַטע!...

זאַכע איז איבער דערפֿער געגאַנגען, געאַרבעט בײַ פּויערים פֿאַרן שטיקל ברויט. און געװאַקסן איז איר יונג, אַ געזונטער, אַ העלאויגיקער, מיט שװאַרצע האָרקרײַזן. אין חגא־טעג איז אָפּט זאַכע צום װיעטראַק געקומען, געבראַכט מתּנות פֿאַר די ברידער, צוזאַמען אין די נעכט געטרונקען און מאַזאָװשער ניגונים געזונגען. אין שטאַל האָבן די געגנבֿעטע פֿערד געהירזשעט, שאָטנס האָבן געװימלט אַרום װינטמיל. הפקר־יונגען האָבן דאָרט אויסבאַהאַלטן זײערע גניבֿות, און אַז זײ זענען שיכּור געװאָרן האָבן זײ לאַנג געקוקט אין די אויגן פֿון קלײנעם יאַן און געשריִען:

— יאַס! זשידעק!...

די ראַשאַקס זענען דעמאָלט אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ װיסטן געקײך, זײער געלעכטער האָט לאַנג אָפּגעהילכט אין דער נאַכט, דערנאָך זענען זײערע אײגעלעך אַנגעלאָפֿן געװאָרן מיט אַ פֿײַכטן גלאַנץ און דאָס געלעכטער איז איבערגעגאַנגען אין אַ געשרײ, און אַ העליש פֿלעמל האָט זיך גענומען צינדן.

— זשיד...

— בענקאַרט...

— איז ער באַשניטן?..

עפּעס אַ גויע מיט אַן אײנגעפֿאַלן שטשאָקע־פּנים האָט געריסן יאַנס הײזעלעך, ער, דער צען־יאָריקער, האָט זיך ניט געלאָזן, ער האָט געקאָפּעט, אײַנגעביסן זיך מיט די צײנער אין דער קנאָכיקער האַנט פֿון דער טשאָטשע סטעפֿע. זי האָט אים אַ װאָרף געטאָן אויפֿן שטרויבעט מיט אַ שפּיציק געלעכטערל, אירע אויגן זענען פֿול געװאָרן מיט רויטקײט און אַ סלינע האָט איר פֿאַרגאָסן דעם האַלדז און געשפּאַרט ביזן גומען.

— האָ־האָ! זעט, זעט, לודזשיע... ניט באַשניטן, יאַק באָגאַ קאָכאַם...

און דאָס שטעכיקע געלעכטערל האָט זיך אַריינגעפּרעסט אין יאַנס לייב.

ער איז אַנטלאָפן אין דער נאַכט אַריין, געלאָפן איבער פעלדער ביז צום טייכברעג. זאַכע איז אים נאָכגעלאָפן מיט פאַרבראָכענע הענט און געשריען אין דער נאַכט:

— יאַן! יאַ—אַ—אַ—ן!

— — — דאָס איז געשען ערב דעם אַריינקום פון דייטש אין פלינצק. ווען ס׳זענען אָנגעפאָרן די דייטשן אויף גרויסע מאַשינען און פאַרנומען די מאַזאָווישער ערד, איז זאַכע געוואָרן נאָך היימלאָזער. די ראָשאַקס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויפן קאָזשע־געסל, זיי האָבן געזוכט יאָסן, געראַבעוועט יידישע האָב און גוטס און געזוכט יאַנען. זאָל ער גיין אין געטאָ, זאָל ער גיין צו די ישידעס!

אין האַרבסט האָט יאָס געטראָפן זאַכן מיט יאַנען אין אָלכע־וועלדל. יאָס איז דורך דער צייט געוואָרן עלטער און מידער, אין די געקנייטשטע אויגן־ווינקלען האָבן געבלינצלט טרערן. זאַכע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קניען, אַרומגענומען זיינע באָרוועסע פיס, פאַרבונדן זיי מיט אָניעטשעס, אָנגעטאָן אויף זיי כאָדאַקעס, געטיילט זיך מיטן ברויט וואָס זי האָט געבעטלט ביי גוטע מענטשן.

— יאָס, זאָל גאָט דיך באַשיצן, האָט זי גערעדט. זי איז דורך דער צייט אויסגעאיידלט געוואָרן, אירע פּאָקן־גריבלעך זענען פלאַכער געוואָרן, אירע אויגן — מילדער און גרעסער. זיי האָבן געלויכטן מיט אַ גוט און מילד ליכט.

— זעגן זיך מיט דיין טאַטן, — האָט זי אַ זאָג געטאָן צו יאַנען. דער יונגער שוואַרצהאָריקער יאַן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קניען און געקושט דעם פּאָטערס האַנט. טרערן האָבן געשטיקט יאָסן אין האַלדז און ער האָט זיך צעכליפּעט. זיי האָבן אַראָפּגעשפּאַנט מיטן טאָל צום גרויסן שליאַך און זאַכע מיט יאַנען זענען אַוועק מיטן וויעזשבע־וועג וואָס פירט אין ווייטע, גרויסע שטעט.

ג

פאַר טאָג האָט יאָס געפירט דאָס אייזעלע איבערן געסל. די שטיינער פון דער מעטשעט־געביידע האָבן געאָטעמט מיט נאַכט־קילקייט. זיי האָבן

זיך אָנגעהויבן צו ביסלעך אויסצוטיילן פון דעם גראַליימיקן אַרום. דאָס אַרויסשטאַרצנדיקע טרוקנגראָז איז געווען באַהאָנגען מיט טויפּערעלעך ווי אויסגראַווירט אויף אַלטע זילבערקרוגן. דאָס אייזעלע האָט זיך אָנגעטרונקען ביים וואַסערער אין אָנהייב געסל, דערנאָך האָט יאָס עס צוריקגעפירט אויפן מעטשעט־בערגל און געלאָזן אין הייפל.

עמעץ האָט גערופן פון אַן אָפן פענצטער:

— אַדון!

יאָס איז אַריין אין אַ געוועלבטן חדר. אַרום אַ טיש זענען עטלעכע יונגע מענטשן געזעסן.

— נעכטן געקומען? געפונען אַ חדר?

— יאָ, האָט יאָס געענטפערט.

מען האָט פאַרשריבן זיין נאָמען, געגעבן אים עטלעכע געלטפּאַפּירלעך און אַן אייזערן בעטל. יאָס איז געבליבן אין געוועלבטן חדר, איינגעקוקט זיך אין די געפאַרבטע באַלאָטן און געוואָלט עפּעס זאָגן. עמעץ האָט געוואַרט כּדי יאָסעס אָרט צו פאַרנעמען.

— איר דאַרפט נאָך עפּעס, — האָט אומרויִק אַ פרעג געטאָן איינער פון יענער זייט טיש.

— איך וויל ס'אייזעלע... — האָט יאָס שטיל געבעטן.

די מענטשן האָבן זיך פאַרחידושט איבערגעקוקט.

— נעמט זיי, די אַראַבישע אייזעלעך, גיט זיי נאָר צו עסן...

אויפן מעטשעט־בערגל האָבן אין יענע טעג אַרומגעבלאָנקעט היימלאָזע אייזעלעך. זיי זענען געקומען פון די ווייטע הפקרדיקע פּרדסים, פון די זייטיקע אייזלשטעגלעך און פאַרווילדטע פעלדער, ווו ס'איז געוואַקסן אַ ברוינער סאָכניאָק מיט שאַרפע האַלברונדיקע שטעכשפּיצן ווי נעגל פון מידבר־פייגל. זיי, די אייזעלעך, זענען אין די הייסע נאָכמיטאָגן געשטאַנען אומבאַוועגלעכע ביי די שאָטנס פון אַלטע ווענט, זייערע פעלן האָבן אויפגעציטערט ביי מענטשישע טריט, אַ דרעשטש איז אַדורך זייער הויט ווען זיי האָבן דערהערט אַ מענטשיש קול, די פעל־הערעלעך האָבן אַ צאַפּל געטאָן ווי גרעזעלעך אין מילדן ווינט. זיי האָבן אויסגעצויגן די העלדזער און געוואַרט טעג, אַז אַ מענטשישע האַנט זאָל אָנטאָן אויף זיי דעם כאָמעט. אין די נעכט האָבן זיי געזוכט זייערע שטאַלן, געקלאַפּט מיט די פעדערשטע

פיס אין ליימענע וועגט, אַריינגעהעשעט דערנאָך אין דער לבנה אַריין, ביז דער האַלב נאַכטיקער לבנה־שטויב איז געפאַלן אויפן מעטשעט־בערגל.

יאָס האָט געגרייט פאַר זיך אַ היים. ער האָט געזוכט אין די חורבות; ברעטלעך, טירן, כּלים, ער האָט אויסגעפונען אַ האַלב פאַרשאָטענע קאַלכ־גרוב און געקאַלכט זיין חדר, די ווענט פון הייפל, פון די ברעטלעך איז אַ בענקל געוואָרן און אַ טיש. פון ערגעץ האָט ער אַ ראַם מיט שויבן געבראַכט, און אין שטוב איז ליכטיקער געוואָרן. אין הויף האָט ער געפונען אַ פּאָר־זשאַווערטע קנויטלאָמפּ, האָט ער דעם בלעך לאַנג געריבן אין זאַמד. אין הייפל איז ריין געוואָרן, ער האָט אַוועקגענומען די ליימגרודעס, די קרישל־שטיינער, דעם אָנהויף פון אייזלמיסט.

אין שפּייזגעוועלבל האָט יאָס באַקומען פאַר דעם געלט וואָס מ'האָט אים געגעבן — ברויט, קעז, פיש. עס איז אים געבליבן נאָך אַ היפשע רעשט. ער האָט לאַנג געהאַלטן אויף זיין גרויסער האַנטפלאַך די ניקלנע מטבעות וואָס דער קרעמער האָט אין געאייל אים אַריינגעציילט, מיט בייגער געקוקט אויף די היימישע יידישע אותיות, וואָס ער האָט זיי דאָס ערשטע מאָל געזען ניט אין אַלטע סידורים, נאָר אויף ניקל. זיין האַנט איז געווען פול מיט קליינגעלט, און אַז דער קרעמער האָט זיך אָפּגעקערט פון אים, איז יאָס נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דער שוועל מיט דער צעעפנטער דלאָניע. עס האָט ווי אַ פּלעמל אַ זילבער געטאָן אַ טרויבשטענגל, אַן איילבערטצווייגל און אַן אלף. ער האָט מיט די גרויסע קנאָכיקע פינגער גענומען שליסן די האַנטפלאַך, איינגעקאַרבט אין דער האַנט די יידישע צייכנס און איז מיט שווערע טריט געגאַנגען איבערן געסל, אַרויף צום בערגל.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט שוין יאָס געטראָטן איבערן מעטשעט־געסל מיט זיין אייזל איינגעשפּאַנט אין אַ צווייראָדערדיק וועגעלע. ער האָט ערגעץ געפונען צוויי אַלטע רייפן פון אַ לאַסטוואַגן, פון בלאָ־געפאַרבטע פענצטער־לאָדן האָט ער צונויפגעקלאַפּט אַ וואָגן־קעסטל. יאָס איז געגאַנגען לעבן אייזעלע, געפירט עס פאַרן ציימל.

לייכט איז געווען יאָסן אויפן האַרצן. ער האָט געזען אומעטום יידן, געהערט יידיש־לשון. ס'איז אים גוט געווען צווישן יידן, ווי גוט עס איז אַ ביישטאַמיקן צווייג, וואָס דערפילט איבער זיך דעם שאָטן פון אַ גריך־בלעטערדיקער קרוין. אין דעם בלעטערדיקן שאָטן פון דעם יידישן שטאַם

האָט יאָס געלעבט זיין שטיל און אייגן לעבן, און זיין האַרץ איז פֿול געווען מיט לויב צום באַשעפֿער וואָס ער האָט זוכה געווען צו פֿירן זיין רויִק לעבן אונטער יידישע הימלען. זיין גרויסע ליבשאַפֿט האָט ער אַוועקגעשאָנקען די טרויעריקע ליימענע ווענט פֿון זיין גדרל, דעם אייזעלע, דעם באַכקלאַנג פֿון יידישן לשון וואָס איז דערגאַנגען צו אים פֿון די אונטערשטע הייזער, און דעם גוטן און מילדן בליק פֿון יידישע פּרויען פֿון מעטשעט־געסל. ער האָט געפֿילט דעם הייסן אָטעם פֿון דער אומבאַקאַנטער באַרג־ווייטעניש און ליב געקראָגן די הויכע, איינזאַמע פּאַלמעס וואָס האַלטן אויס אויף זייער רונדיקן געצווייג דעם בלאָען הימל־געוועלב. יאָס איז זיכער געווען, אַז ער איז שוין אַמאָל איבער די וועגן געגאַנגען, געזען די טיפֿע, ריינע הימלען, געהערט דעם פֿרימאָרגן־געצוויטשער פֿון פֿייגעלעך אין די צווייגן און געזען דעם צייטיקן, רויטן שימער פֿון מילגרוימען ביי די ראַנדן פֿון אייזלוועגן. אַמאָל, אַמאָל, אפֿשר אין פֿריִען יינגל־חלום, האָט אים געפֿירט אַן אַלטער ייִד מיט אַ ווייסער באָרד איבער די אַלטע יידישע וועגן און איבער זיי האָט זיך געוויגט דער ניגון פֿון חדר, דערנאָך איז דער רבי פֿאַרשוווּנדן. געבליבן איז יאָס, דער פֿערדטרייבער, דער יאַריד־גייער, דער איבערגעוואַקסענער יונג פֿון קאָזשע־געסל.

אַנדערע צייטן זענען שוין דעמאָלט געווען אינעם לאַנד פּוילן. יאָס האָט ניט איין מאָל ביז בלוט געביסן די ליפּן, געזעצט זיך מיט די פֿויסטן אין דער אייגענער ברוסט אַריין און געבראָכן אויף די קניִען דעמבענע קלאָניצעס, יידן האָבן ביי אים רחמים געבעטן:

— האַלט איין די טרפֿהנע בלוט, יאָס, וועסט אויף אונדז אַן אומגליק ברענגען.

איצט, אין די ערשטע נעכט אויפֿן מעטשעט־בערגל, איז דער רבי פֿון חדר געקומען — און יאָס האָט דערזען דעם ערשטן גרויסן אות פֿון געלן סידור, דעם אַלף.

די דרום־געסלעך פֿון דער גרויסער שטאָט תּל־אָביב זענען ענגע, שמאָלע, מיט פּלויטן פֿון זשאַווערדיקע בלעכן, פֿון ברוינע דראָטן. אין די אָפֿענע הייף וואַלגערן זיך הויפֿנס אייזנוואַרג; בעטלעך מיט צעפּליקטע פּרוזשינעס ווי געפּלאַצטע סטרונעס פֿון משונהדיקע האַרפֿעס, פֿאַרקראַמפּטע

באַלקאַן־שטאַכעטן, אייזערנע רערן, פעסער פון סמאָלע, רייפן פון באַלע־גאַלישע בוידן, אַלערליי אייזערנע כלים, ציינערדיקע רעדער און צעבראָכענע אַנקערס פון פישערשיפלעך. דער שטיינערנער ברוק איז אויסגעפרעסן פון וואַסער־שטראָמען וואָס ריזלען דאָ אין די ווינטערס נאָך יעדן רעגן, און יאָגן מיט אימפעט איבער די געסלעך, שווענקען אָפ דעם אַספאַלט, גראָבן אונטער די שטיינער און לויפן צו די וואַדיס. לעבן אַ צעקרישלטן ליימפלויט זיצט אַן אַלטיטשקער רימער און נייט מיט גרויסע נאָדלען אַ געשפאַן פאַר אַן אייזעלע, זיינע שווערע רימערישע דלאָניעס ציִען די לעדערנע פאַסן, דערנעבן וואַרט אַן אייזעלע ביים טויער. דאָס אייזעלע האָט מען אַוועקגעשטעלט אין פרימאָרגן, ווען דאָרט איז אַ קילער שאָטן געווען. די זון האָט שוין געמאַכט אַ קרייז, דאָס אָרט איז פול געוואָרן מיט זון, נאָר דאָס אייזעלע שטייט נאָך אַלץ ווי מ׳האָט עס אַוועקגעשטעלט, מיינט אַפנים, אַז דאָ איז נאָך אַלץ שאָטן. אָפט צעווייגט עס זיך אומהיימלעך און פון אייזל־געוויין ציטערט דאָס פערד ביים דערנעביקן שמידער. צוויי יונגען קאָנען ביט מער איינהאַלטן דעם פערדס הינטערשטן פוס וואָס דער שמידער קאָוועט אָן. ס׳פערד צעבריקעוועט זיך, רייסט זיך פון זייערע הענט און ווערט פול מיט אומרו. עמעץ צעשפרייט איבערן וועג שווערע לייוונטענע געצעלטן, צעפליקטע, צעשליסענע, דורכגעגעסענע פון רעגנס און פאַרברענטע פון זון. אַ העלאויגיקער יונג לאַטעט אויס אויף אַ ניימאַשין גרויסע ראָגושעס.

אָט דאָ, אין דעם דרום־קוואַרטאַל פון תל־אביב, קומט אין די פאַרטאָגס יאָס מיטן אייזעלע. ווען ס׳שאַריִעט נאָך פאָרט ער אַרויס פון מעטשעט־בערגל און קומט אָן ווען ס׳עפענען זיך די דראָטענע טויערן פון די אייזנ־הייף, און די ערשטע פורמאַנעס זאַמלען זיך אויפן שטייפלאַץ.

די אייזנוואַרג־הענדלער קענען שוין יאָסן. ער העלפט זיי אַרויפלייגן אויפן וועגעלע שטיקער שווערע אייזנס, ער זוכט אויס פון אונטער די גרודעס שרויפן, מוטערס וואָס אַ קונה פאַרלאַנגט און פירט זיי דערנאָך אַרום צום פאַרקויף איבער די געסלעך, מען וואַרפט אים דערפאַר אַריין אין דער פאַראָסטעטער דלאָניע עטלעכע פרוטות, און אַזוי שלאָגט יאָס אויס זיין פרנסה.

אין די נאָכמיטאָגס פאָרט ער צוריק אַהיים, דאָס אייזעלע לויפט מיט די קליינינקע פיסעלעך, כאַפט בגנבה אַ מויל מיט גראָז פון זייטוועג און

בלייבט שטיין. אין די פאַרנאַכטן פירט ער עס צום וואַסערדער אַנצופויען. ער האָדעוועט עס מיט די בעסטע גראָזן און טיילט זיך מיט אים מיט זיין ברויט. נאָר משונהדיק זענען די גענג פון דער באַשעפעניש. דוכט זיך, זאַט, גוט אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, יאָס פירט עס אין שטעלעכל, אַרויף צום בערגל, עס גייט פּאַוואָליע, רויק, צופרידן, נאָר פּלוצעם טוט עס אַ ווילד אימפּעטיקן צאַפּל, די אויערן שטעלן זיך דיבאָם און דאָס אייזעלע גיט זיך אַ יאָג אין די שטעכלקוסטעס אַריין, און שוין שטייט עס אין מיטן פון סאַכּ־ניאַק און רייסט זשעדנע מיט דער פולער אייזלשער מאָרדע שאַרפע שטיקער אויסגעסאָכניעטן ווילדגראָז מיט שטעכיקע נאָדלען. יאָס ציטערט אויף: ס׳וועט זיך וואַרגן, ס׳וועט זיך צערייסן די קישקעס...

ער וויל אַריינלויפן אינעם קראָפּעווע־פעלד נאָר ער קאָן ניט, די שפיזיקע שטעכלקעס רייסן דורך זיינע קליידער, ער רופט ס׳אייזעלע, בעט עס, סקאָמלעט, נאָר עס שטייט אַליין און שטאָפּט די אייזלשע מאָרדע. דעם אייזעלע איז גאָרניט געשען. עס קומט פון דאָרט צוריק פריש און געזונט. אָפּט עקשנט עס זיך איין און וויל בשום אופן ניט גיין ווייטער. עס העלפט ניט יאָסעס געשרייען און אויך ניט די קלעפּ. ניין און ניין. בלייבט יאָס אַ מידער און וואַרט, וואָס וועט ווייטער זיין. וואַרט דאָס אייזעלע און יאָס וואַרט. אין מיטן וועג ליגט אַ ריטל פון אַן אַלטן קוסט, הייבט עס יאָס אויף. קוקן אייזלשע אויגן נאָך זיין יעדער קער, זעט דאָס אייזעלע, אַז דאָס ריטל איז ניט קיין לעבעדיקע באַשעפעניש, ניט קיין שלאַנג, ווי עס האָט זיך אים אויסגע־דוכט, לויפט עס ווידער מיט די קליינע, דראָבנע פיסעלעך.

יאָס קען שוין אַלע קאַפּריזן פונעם אייזעלע און האָט עס נאָך ליבער געקראָגן. ער רופט עס מיט שפּאָטישע נעמען:

— ראָסעוועד... פּאַראַדנער... לאַשיקל מיינס...

און אַז ער ווערט אין כעס — שרייט ער אויף אים:

— פיפערנאָטער, פּאַרזעניש, אַראַבישע שקאַפּע...

ווען אין די נעכט צעווייגט זיך דאָס אייזל מיט אַן אָפּגעהאַקט סקריי־פּעדיק געוויין, ווי ערגעץ אין פאַרבאָרגענע אַלטע שלעסער וואַלטן זיך פאַרזשאַווערטע טויערן צעפראַלט, ווערט יאָסן אומעטיק. ער וואַרפט זיך אויף זיין בעטל, שטייט אויף פון געלעגער און גייט אַרויס אין הויף. ער באַנעמט די בענקעניש פון זיין אייזעלע. ער פילט ווי אומרויִק עס ווערט ווען אַז

אַנדער אייזעלע גייט דורך, ווי עס צעפּינקלען זיך די ברווינלעכע אויגן.

גוט ווען אַ ווייב וואָלט געקומען אין דעם חדר אַריין, טראַכט יאָס, עס וואָלט אין די נעכט ליכטיק געוואָרן אין זיין הייפל, עס וואָלט געלויכטן אין יעדער ווינקל. ער וואָלט מיט נאָך עמעצן געשוויגן.

די פייערלעך אין די פענצטער לעשן זיך אויס. אין יאָסן וואַיעט די איינזאַמקייט.

יאָס זעט זיי, די ווייבער, פון מעטשעט־געסל, אין די פרימאָרגנס מיט צעלאָזענע האָר, מיט פולע בריסט, מיט באָרוועסע פיס; ער זעט זיי אין די גערטנדלעך, ביי שטוב־אַרבעט. זיין ברייטפּלייציקער געשטעל, זיין גאַנצער גוף הייבט אָן צו כאַרלירן דעם גלייכוואָג, עפּעס טוט זיך אין אים אַ וואַקל און קאַלטע טראָפּנס זעצן זיך אים אויפן שטערן.

די ווייבער קוקן אויפן פרעמדן, אויף זיין הילוך, דערקענען שוין זיינע טריט און הערן זיך איין אין געוויין פון זיין אייזל.

איין מאָל האָט אים די רויטהאָריקע בריינע אָפּגעשטעלט.

— כ׳בעט ענק, עך ווינט שוין דאָ?

יאָס זעט אַז אירע אויגן־ווינעס זענען רויט, די ברעמען — פייער־פלעמלעך, דער קאָפּ — איין גרויסער אָנגעצונדענער שייטער, און די אויגן — טליִענדיקע האָלאָוועשקעס.

— זעיך נאָר אַ שכן, אַ ברוגזער פריץ, קוקט קיינעם ניט אָען, גייט זעך אַדאָרעך, ווי נישט קיין ייִדי, וואָס? מיר זעמער עפּעס גויִים — האָט מיט בייזקייט גערעדט די פרעמדע.

אירע אויגן האָבן געשׂרפהט, געצונדן שטיקער, אָט ווערט אַ העלישער פלאַם אַ זעץ טאָן. אירע נאַקעטע אָרעמס זענען באַשאָטן מיט גרויסע, געלע זומער־שפּרענקעלעך ווי פאַרוועלקטע גראָזבלימלעך אויף אַ צייטיק פעלד. זי האָט אַפילו ניט געוואַרט אויף אַן ענטפער.

— וואָס זאָגט עך צו מאַאַן פאַלעך, צום פאַדוועזש? קוקט ניט וואָס כ׳בין פאַרסאַרגעט, אוי! מע קאָן נאָך מיינען כ׳בין אַ שמאָדער, מען איז פאַרהאָרעוועט מיט דער ווערשאַפט.

זי האָט צעפראַלט דעם גרויסן טויער, אַריינגעפירט יאָסן אין הויף און געוויזן אים דעם חדר, דאָס קיכל.

— זאָגט, קאָן מען דאָ וווינען? האַ? כ׳דאַרף נאָר קאַלעכן, אוי־ווי מיר נישט־געשען — האָט זיך די רויטהאָריקע אַ קלאַפּ געטאָן אין פּיעגע־וואַטן שטערן מיט דער האַנטפּלאַך.

— עץ זענט דאָך אַ קאַלכער. אפשר עט׳ עצ׳ מער אויסקאַלעכן?

צו מאָרגנס האָט יאָס געקאַלכט ברייגעס חדר. זי האָט אים צוגעטראָגן קיבלעס קאַלך צום לייטער, דערלאַנגט די קאַלכבאַרשט. איר פלייסיקייט האָט געשפּאַרט פון דעם קליידל, צעפּלאַצט די נעט, און די גרויסע זומער־שפּרענקלעך פון די שטיקער אויפגעדעקט לייב זענען געפאַלן אויף יאָסן ווי צוויט פון אַ מאַנדלשטאָק אין ווינט.

אין די סוף־זומערדיקע פאַרנאַכטן האָט אַ קיל ים־ווינטל לייכט באַ־רירט די טרוקנגראָזן. די געוויקסן־טריקעניש האָט דאָ געאָטעמט מיט חאַמ־סינען, מיט זונבראַנד, מיט אש פון פאַרשׂרפהטן בלײַעכץ. אַ יאַשטשערקע־פּאָר האָט זיך געיאָגט אויף די גרויסע מעטשעט־שטיינער. די יאַשטשערקעס זענען געלאָפן אין אַ קרייז איינע נאָך דער אַנדערער, געדראַפּעט זיך פלינק אויף דער גלייכער שטיינפּלאַך און פלוצעם אַ פאַל געטאָן ווי אָפּגעקרישלטע שטיינער אין די שטעכלקעס אַריין.

אָפט זענען אויפן מעטשעט־בערגל געקומען פרעמדע מענטשן. זיי זענען געשטאַנען לעבן די ערדאָנשיטן, ביי די שטיינערנע אָנהויפן און גע־שמועסט צווישן זיך. אַרום באַרג זענען געווען סימנים פון שווערע קאַמפן וואָס זענען דאָ ניט לאַנג פאַרגעקומען: ערד־קאַנאַוועס, זאַמדזעק, שטיינערנע פאַרצוימונגען, אויפגעריסענע הייזער. יאָס האָט אָפט געטראַכט וועגן די פריערדיקע תּושבים פון געסל, די אַראַבער. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דער אויסגעטראָטענער שוועל, געקוקט לאַנג אויף דעם גראָען שטיין ווי ער וואָלט געוואָלט זען די מענטשן וואָס האָבן דאָ געטראָטן... זיי שרעקן אים ניט אין די נעכט, ער וויל כאָטש איין מאָל אַריינקוקן אין זייערע פנימער.

אין אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג זענען עטלעכע יונגע מענטשן געקומען אויפן מעטשעט־בערגל. איינער פון זיי אַן העלאויגיקער, האָט עפּעס דער־ציילט, געוויזן אויף די באַרגאָנשיטן, שטיינערנע געשטעלן און פאַרוואַק־סענע ערד־קאַנאַוועס. יאָס איז געשטאַנען לעבן אייזעלע, געקוקט אויף די פרעמדע, געוואָלט מיט זיי אַ שמועס פאַרפירן און ניט געוווסט ווי אַזוי, נאָר

אײדער װאָס־װען זענען זײ שױן געשטאַנען לעבן אים. געפֿרעגט װי לאַנג ער װױנט דאָ, װאָס ער טוט.

דער העלאָויגיקער האָט לאַנג־לאַנג, ביז אין טונקעלן אָװנט אַרײַן, דערצײלט יאָסן װעגן דער מלחמה װאָס איז אָנגעגאַנגען דאָ, אױף דעם בערגל טאַקע, װעגן די אַראַבער פֿון מעטשעט־געסל װאָס זענען באַפֿאַלן ייִדישע ייִשובים און געגרײט פֿון דאַנען זיך אַרײַנצורײַסן אין די דרום־קװאַרטאַלן פֿון דער ייִדישער שטאָט װאָס מען מען זעט זי פֿון דעם בערגל.

— דאָ איז מײַן חבר געפֿאַלן, — האָט ער שטיל אַרױסגערעדט. אין זײַנע אױגן האָבן זיך די ערשטע שטערן געשפּיגלט. זײ זענען געשטאַנען ניט װײַט פֿון יאָסעס לײמען שטיבל.

— דאָ האָבן זיך די אַראַבער פֿאַרטײַעט אױף מײַן חבר און מיט בלאַנקע מעסערס זיך געװאָרפֿן אױף אים. נאָר ער האָט דער ערשטער דער־גרײכט דעם באַרגשפּיץ. דאָס אָרט װעט אַמאָל טראָגן זײַן נאָמען, עס װעט הײסן גבעת יוחנן...

די נאַכט איז געװען אַן אומרויִקע, די אומרויִקסטע זינט יאָס װױנט אױפֿן בערגל. ער איז ניט געשלאָפֿן, נאָר געקוקט אין דער פֿולער לבֿנה אַרײַן, געקוקט אױף די פֿײַערלעך פֿון דער ייִדישער שטאָט. אים האָט זיך אױסגעדוכט, אַז לעבן די מעטשעט־װענט װימלען שאָטנס. ער האָט מער ניט געטראַכט װעגן די װאָס האָבן איבער זײַן שװעל געטראָטן, ניט װעגן דעם אײזל־באַזיצער. ער האָט טיף אין זיך געשפּירט דעם אױפֿצאַפּל פֿון דעם געפֿאַלענעם אױפֿן שװעל פֿון זײַן לײמיק הײזל, דעם יונגן ייִד יוחנן.

ד

װען זאַכע איז צוריקגעקומען נאָך דער מלחמה צום װיעטראַק, זענען די ראַשאַקס שױן דאָרט ניט געװען. די טױטע פֿליגלען זענען געלעגן צעשפּאָלטענע אױף אַ יונגן גרינעם מאָך. דער פֿליגלאַקס, װי אַ שװאַרצער פֿינגער, איז געװען אױסגעקערעװעט צו דער שטאָט־זײַט, ברױנלעכע פּאָק־שיװעס האָבן פֿאַרדעקט די װעגלעך. אין די נעכט האָט אַן אַלטער בעטלער זײַן געלעגער געמאַכט אין דער הפקרדיקער װינטמיל, נעבן די קאַלטע מיל־שטײנער, אונטערגעבעט מיט װיעכעטשעס שטרוי.

זאַכע איז געלאָפֿן איבער דערפֿער און געזוכט יאַנען, געװען בײַ אירע

ברידער. די ראַשאַקס האָבן געוווינט אין די שענסטע הייזער פון קאָזשע־געסל. קיינער האָט וועגן יאַנען און יאָסן ניט געוווּסט. זי איז אַוועק איבער די פּוילישע שטעט, געגאַנגען איבער די זייטיקע וועגלעך, דאָרט ווו זי האָט זיך מיט יאַנען אויסבאַהאַלטן, דאָרט ווו גוטע מענטשן האָבן אָפּטמאָל אַ נאַכטלעגער געגעבן איידער מ׳האָט זי אויף אַרבעט פאַרשלעפּט אין די דייטשע שטעט, און יאַן איז איינער אַליין געבליבן.

אין האַרבסט איז זאַכע ווידער צוריקגעקומען צום וויעטראַק, האָט זיך פאַרקליבן אין דער חורבה און יעדן טאָג איז זי געגאַנגען איבערן קאָזשימי־נער וועגל אין שטאָט אַריין. מ׳האָט זי אויסגעמיטן, די ברידער האָבן זי ניט אויפגענומען, דאָס קאָזשע־געסל איז געווען אָן יידן, זעלטן, זעלטן האָט זיך דאָרט אַ ייד באַוויזן, אויסגעפּרעגט זיך אויף אייגענע, און דעם זעלביקן טאָג איז ער אַוועקגעפאָרן. זאַכע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ טיפן טרויער אין האַרצן און געהאָפט אויף אַ בשורה.

איין מאָל איז אַ בריוו אָנגעקומען, אַ בריוו מיט אויסטערלישע צייכנס. געבראַכט האָט מען עס אויף דער ווינטמיל. זאַכע איז געלאָפן מיטן בריוול צו גוטע מענטשן מען זאָל עס איבערלייענען. יאַן האָט געשריבן, אַז ער איז ערגעץ ווייט, אין איטאַליע, מיט יידן, וויל וויסן צי זיין מוטער לעבט, צי יאָס, זיין טאַטע, לעבט.

דערנאָך זענען אָנגעקומען נאָך בריוולעך פון אַ ווייטן אינדזל, וואָס קיינער האָט דאָ ביז איצט אַזאַ נאָמען ניט געהערט. פון די בריוולעך האָט זאַכע זיך דערוווּסט, אַז יאַן האָט זיך אויפגעהאַלטן אין אַ קלויסטער, אַוועק פון דאָרטן מיט נאָך אַ חבר, און איצט איז ער אין זיין אייגן לאַנד, אין אַ יידיש לאַנד. איך וועל דיך אַהין אַריבערנעמען, האָט יאַן צו איר געשריבן, זאָל זיך נאָר די מלחמה ענדיקן. זאַכע האָט די בריוולעך פאַרוויקלט אין אַ לייוונטל און עס אָנגעהאָנגען אויף איר האַלדז.

חדשים זענען אַוועק און יאַן האָט ניט געשריבן. זאַכע איז אומרויִק געוואָרן, זי האָט אָפט צעוויקלט דאָס לייוונטל און לאַנג עס באַטראַכט מיט טרויעריקע אויגן, זי האָט איצט גאָרניט פאַרמאָגט אויסער דעם פאַפּירנקניפּל אויף איר האַרץ. אָפט האָט זי געקנייט און געבעטן גאָט, נאָר פּלוצעם פלעגט זי אויפשפּרינגען, אויפציטערן, איר יאַן איז אַ בייזער געשטאַנען אין די נעכט, און יאָס איז טרויעריק געווען, דעמאָלט איז זאַכע אַוועק צו דער חרובער

ייִדישער קלויז, פֿאַרקליבן זיך אין דער פֿינצטערניש צווישן דעם ציגלבראָך — און תּפֿילה געטאָן אויף איר גויִישן לשון. זי איז זיכער געווען, אַז דער ייִדישער גאָט וועט איר פֿרעמד געבעט אויפֿנעמען.

*

אין שפּעטן יעשען זענען די מאַזאָווישער וועגן באַשאָטן מיט זילבערנע וויעזשבע־בלעטער, מיט רויטלעכע קליאָן־בלעטער, און די ווייססטאַמיקע בזשאָזעס שפּיגלען זיך אין די בלאָע וועג־קאַלוזשעס. איבער די גנעפֿלדיקע וואַלדווייטן טראָגט זיך דאָס געשריי פֿון ווילדע קאַטשקעס. ערגעץ צווישן נידעריקע האַרבסטיקע וואָלקנס לויערט דער קאָרשון, זיין פֿליגלשאָרך כאַפּן אויף די פֿעלדפֿייגל, אַפֿילו די בוטשאַנעס, וואָס פֿליִען אַוועק אין די וואַרעמע לענדער, הייבן זיך העכער אויף און פֿליִען אונטער די וואָלקנס. זאָכע האָט אין איר גרויסן וואַנדערוועג געזוכט די בושל־שורות אין די הימלען, זי איז נאָכגעגאַנגען זייער פֿלי, אַהין צו די פֿרעמדע ווייטע לענדער.

געווען זענען דאָס טעג, ווען טויזנטער ייִדן האָבן געוואָגלט איבער די פּוילישע גרענעצשטעט. זאָכע האָט אָפּט, מיט ציטערנדיקע פֿינגער צעבונדן איר טאָרבעלע פֿון האַלדז, צעוויקלט די פּאַפּירלעך פֿאַר אומבאַקאַנטע מענטשן, אירע טרויעריקע אויגן זענען פֿאַרלאָפֿן געוואָרן מיט אַ וואָלקנדל. זיי, די פֿרעמדע, האָבן געלייענט די בריוולעך און זי געטרייסט. זי איז אַוועק צוזאַמען מיט נאָך ייִדן איבער אומבאַקאַנטע באַנוועגן, איבער שטעט און לענדער און געטראָגן אין זיך בענקשאַפֿט און איינזאַמקייט.

זאָכע האָט געהאָלפֿן די מענטשן אין זייער וואָגלען. זי האָט זיך פֿאַרנומען מיט די קינדער, געטראָגן פֿרעמדע פּעק. אָפּט פֿלעגט אַ ייִד זיך אָפּשטעלן, אַריינקוקן אין איר פּנים און פֿאַרחידושט אַ צי טאָן מיט די אַקסלען. נאָך אַזאַ בליק האָט זאָכע זיך איינגעקנוילט אין אַ ווינקל און אַריינגעהעשעט אירע טרערן אין דער לייענער טאָרבע אַריין.

*

אין איינע פֿון די זומערדיקע טעג איז זאָכע צוזאַמען מיט הונדערטער ייִדן אַראָפּ פֿון אַ שיף אויף דעם ארץ־ישׂראלדיקן ברעג.

האָט ווער אויפֿגענומען אירע תּפֿילות און דעם ציטער פֿון איר האַרץ, דעם טרויער פֿון אירע אויגן, די בענקשאַפֿט צו יאַנען? אפֿשר האָבן עס

באַנומען די ים־כוואַליעס? אפשר האָט איר טרויער אַוועקגעטראָגן דער ווייסער ים־פויגל? לאַנגע וואָכן איז זאָכע געלאָפן אין פאַרשיידענע אַמטן, דאָרט צעוויקלט די צעקנאָדערטע פּאַפּירלעך, דורכגעווייקטע פון טרערן, אירע פינגער האָבן באַרירט די פּאַפּירראַנדן מיט פאָרכטיקן ציטער, זי האָט זיי געגלעט מיט איר וואַרעמען טרערנבליק און אַריינגעקוקט אין די פרעמדע אויגן, זי האָט געגעכטיקט אויף טרעפּ, אָפּגעוואַרט באַאַמטע אויף דער גאַס, אַריינגעקוקט אין די אויגן פון פאַרבייגייערס, דערנאָך איז זי צוריקגעקומען צו די שטיינערנע טרעפּ פון דער הויכער געביידע און אָפּגעזעסן דאָרט טעג. מען האָט זי פריינדלעך אויפגענומען. גערעדט צו איר אַפילו אין איר פּוילישן לשון, געגעבן איר אויף די ערשטע הוצאות וואָס ס'באַקומען אַלע איינגעוואַנדערטע, ביז איינער פון די באַאַמטע האָט זי צוגערופן, צעעפנט שופלאָדן, געזוכט פּאַפּירלעך, געבלעטערט זיי, אויפגעהויבן זיך פון אָרט, אַרומגעשפּרייזט אַ שווייגנדיקער פון טיר צום פענצטער און דערנאָך האַסטיק זיך אָפּגעשטעלט, אַריינגעקוקט איר אין די אויגן. זי האָט אַ ציטער געטאָן. דער באַאַמטער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פענצטער און שטיל אַרויסגערעדט:

— דיין זון איז געפאַלן אין דער מלחמה מיט די אַראַבער.

ער האָט זיך געשראָקן אויסצוקערעווען זיינע אויגן צו דער מידער און פאַרייִאושטער פרוי. אים האָט זיך געדוכט, אַז אירע גרויסע און ליכטיקע אויגן וועלן אַ בלענד טאָן אַנטקעגן דעם טאָגליכט מיט שגעונדיקע פייערלעך און די פלאַקסענע האָר אירע וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין פייערצונגען. באָר זאָכע איז געבליבן זיצן אַ פאַרשטיינערטע. דער קאָפּ אירער איז געפאַלן אויף דער ברוסט און די פלאַכע פאָקן־גריבלעך זענען טונקל געוואָרן, זיי האָבן באַשאָטנט איר פּנים ווי זי וואָלט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ זיידענעם טרויער־שלייער. איר האָט זיך געדוכט, אַז פון די פאָקשיווע־קוסטעס הייבן זיך אויף שאָטנס פון די צעבראָכענע ווינטמיל־פליגלען, זיי באַהעפטן זיך מיט דער טויטער אַקס, אַ בייזער נאַכטווינט טראָגט זיי מיט געוואָי און צווישן די אַלטע מילשטיינער ליגן יאַן און יאָס. קלאַמערט זיך זאָכע אָן די פליגלען, וויל זיי אָפּשטעלן, טראָגט זי זיך אין ווילדן קאַראַהאָד צווישן ערד און הימל...

— יוחנן האָט מען אים גערופן, ער איז אַ גיבור. דער יונגער מענטש איז געשטאַנען לעבן זאָכען און איר געטרייסט.

— יאַן... יאַן... יוחנן... האָט זי געשעפּטשעט.

— ער איז געפאַלן אויפן מעטשעט־בערגל, ניט ווייט פון דאַנען איז דער קבר...

אין דעם זעלביקן פאַרנאַכט איז זי געקומען אינעם פאַרלאָזענעם אַראַבישן דאָרף. דאָס מעטשעט־געסל האָט זיך געשלענגלט באַרג־אַרויף. פון דער ווייטנס האָט זי געזען די גרויסע מעטשעט־שטיינער. און אַז זאַכע איז צוגעקומען נעענטער צו דער וואַסערדער האָט זי אויפגעציטערט. זי האָט געוואָלט רופן, אויסשרייען, אָבער ס׳האָט איר פאַרפעלט אָטעם. יאָס איז געזעסן אויף די שטיינער, אַ באָרוועסער, לעבן אים — אַן אייזעלע...

זיי זענען געגאַנגען איבערן געסל טריט ביי טריט און געשוויגן. ביי די זייטן זענען אין דעם זומער אויסגעוואַקסן טאַמאַריסקן־קוסטעס. די שטיינערדיקע געסלערד האָט ביי די ראַנדן צעעפנט פאַרבאָרגענע שפּאַלטן און דער טאַמאַריסק האָט גענומען פון דאָרט אַרויסשפּאַרן מיט אַזאַ עקשנות, מיט אַזאַ טראָציקער איינגעשפּאַרטקייט, אַז די מענטשן האָבן געקוקט אויף גאָטס וווּנדער און געשעפּט פון די אָרעמע קוסטעס בטחון, גלויבן און שטילע פרייד. קוקסט זיך צו צו יעדער צווייגל באַזונדער, און דו זעסט ווי שיין ער איז, ווי שיין עס זענען די געשניצטע בלעטלעך, נאָר עפּעס אַ גראָער אומעט, עפּעס אַ שטויב פון פאַרלאָזנקייט און פון עניוות האָט זיי פאַרדעקט און באַשטימט זיי צו זיין דער בוים פון אָרעמען מענטשן.

דאָס אייזעלע איז געגאַנגען מיט אומרו, עס האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און אויפגענומען יעדער קער פון יאָסן. דער קילער פאַרנאַכטיקער ווינט האָט געוויגט די פאַרטריקנטע פאַלמעבלעטער, און אַ שטילער שאָרך פון די טרוקענע גראָזן איז געהאַנגען איבערן מעטשעט־בערגל ווי דאָס געהעש פון אַן איבערגעפולט האַרץ.

יאָס האָט געפילט ווי זאַכע ווערט מיט יעדער שפּאַן אומרויִקער, ער האָט געזען ווי אירע ליפּן שעפּטשען עפּעס. זי האָט געזוכט מיטן בליק אין מעטשעט־געסל, איינגעקוקט זיך אין יעדער שטיינדל, זי האָט געזען די אומעטיקע טאַמאַריסקן־קוסטעס דורך די לויטערע טרערן און האָט געוואָלט אַ פאַל טאָן צו זייערע נאַקעטע וואָרצלען. און אַז יאָס האָט געפרעגט אויף יאַנען איז פול געוואָרן איר מאַמיש האַרץ. זי האָט געשטאַמלט:

— יאַן... יאַן... יוחנן...

זאָכע האָט אויסגעצויגן די האַנט צום שפּיץ פון מעטשעט־בערגל, דאָרט אַהין וווּ עס האָט זיך געפונען יאָסעס געקאַלכט שטיבל, און צו זיך אַליין שטיל גערעדט: — יאַ... יוחנן איז דאָ געפאַלן...

יאָס איז לאַנג געזעסן אויף דער שטייניקער ערד ביי דער שוועל פון זיין ליימען שטיבל. דאָס אייזעלע האָט זיך אומהיימלעך צעוויינט. ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען, יאָס, ער האָט איצט ווידער דערזען דעם פרעמדן פון יענעם שבתדיקן פאַרנאַכט וואָס האָט אים דערציילט וועגן יוחנן.

אַ טרוקענער געוויקסן־שטויב איז געפאַלן אויף יאָסעס פּנים. ער האָט געזען ווי די געפּלעקטע יאַשטשערקעס שפּרינגען פון שטיין צו שטיין, און אָפט בלייבן זיי אומבאַוועגלעך אויף די אויסגעהוילטע שטיינשפּליטערס מיטן קאָפּ צו דער זון און סאָפּען.

זאָכע איז פאַרבליבן אין דעם ליימענעם שטיבל. זי האָט איבערגענומען די באַלעבאַטישקייט. אין די פאַרנאַכטן האָט זי צוזאַמען מיט יאָסן גערוט אין די טאַמאַריסקן־שאָטנס.

די גרינלעך־גראָע, טרויעריקע טאַמאַריסקן פון מעטשעט־בערגל האָבן געטראָגן אין זיך אַ וווּנדערלעכע פאַרבאָרגענע שיינקייט.

אין אַ פֿאַרלאָזטן דאָרף

1

ווען די ערשטע איינוווינער האָבן זיך באַוויזן אינעם הפֿקרדיקן אַראַבישן דאָרף, זענען שוין די פֿרוכטן פֿון משונהדיקע סאַברעקוסטעס געווען אָנגעגאָסן מיט אַן איבערגעצייטיקטער זאַפֿטיקער רויטקייט. אויפֿן שמאָלן זאַמדיקן וועגל זענען געלעגן הויפֿנס צעפּוילטע טונקל רויטע פֿרוכטן מיט געעפֿנטע אינגעווייד ווי אָנצייכיקע יאַסלעס. אַן איבלדיקע און קאָפּ־פֿאַרטשאַדענדיקע זיסקייט איז געהאָנגען איבערן זאַמדיקן געסל. די מאַטע גרינקייט פֿון די סאַברעבלעטער מיט די לאַנגע גראָע נאָדלען האָט מיד געמאַכט דאָס אויג. ווי די טבֿע איז ביים באַטראַכטן עפּעס אַ נײַ זעונג, איז דאָ ביי דעם מענטש אַן עקשנותדיקער ווילן צו זען די גאַנצקייט, נאָכצופֿאָרשן די ליניעס, אַרומצונעמען מיטן בליק די קאָנטורן, די פֿאָרעם. אָבער ביים באַטראַכטן די לאַנגע אָלעע פֿון סאַברעקוסטעס, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס דעם דאָרפֿסגעסל, זענען די נײַע מענטשן געבליבן שטיין מבֿולבל. זיי האָבן מיט די אויגן ניט געקאָנט אויפֿנעמען קיין שום פֿאָרעם פֿון דעם געוויקס. אַ מאַט גרינער שטעכיקער כאַאָס, מיט בלעטער ווי פּלאַטשיקע קעפּ, האָט זיך באַוועגט אין דער זון. און אין דער באַוועגונג האָבן געשווינדלט פֿאַרן אויג פֿון די נײַ אָנגעקומענע טונקל ברוינע אויסגעטריקנטע שטאַמען, שטאָליקע גראָקייטן פֿון אָנצאָליקע שטעכלקעס און אַ בלענדעניש פֿון טויזנטער שאַרלאַך רויטע פֿלעקן פֿון די סאַברעפֿרוכטן.

נאָר אינעם סאַברעגעסל איז געווען שטיל. אַ ליכטיק בלאָער הימל איז געלעגן אויף די קוסטעס, אויפֿן זאַמדיקן וועגל, און די ליכטיקייט האָט די אויגנאַפּלען אויפֿגעריסן. די פֿרעמדע האָבן אויסגעטאָן די טונקל וואָלענע רעקלעך, צעקנעפּלט די קאָלנערס פֿון די העמדער, אָפּגעבונדן די בינדעס און נעלם געוואָרן צווישן די קוסטעס, כּדי צו באַטראַכטן די ליידיקע אַראַבישע שטיבער וואָס מ׳האָט דאָ זיי צוגעטיילט.

אַפֿט מאָל האָבן זיך דאָ באַוויזן הפֿקרדיקע אייזעלעך. די אייזעלעך האָבן ניט געוואָלט אָפּטרעטן פֿון די פּרעמדע. דער מענטשישער לשון האָט געמאַניעט צו זיך פֿון די פֿאַרבאָרגענישן די דאָרשטיקע און הונגעריקע שטוב־חיות. פֿון ערגעץ ווו האָט זיך אַ שוואַרצע קאַץ אַ שניט געטאָן איבערן זוניקן זאַמד, איינגענורעט זיך און אָנגעשטעלט אירע אויגן אויף די פּרעמדע און דערנאָך מיט ווילדן אימפּעט זיך אַ יאָג געטאָן צווישן די האַלב אויסגעטריקנטע פּרדסים.

די אייזלען האָבן זייער דאָרשט געשטילט מיט די קאַקטוסן. זיי האָבן מיט די קלאָען פֿון זייערע פֿאַדערשטע פֿיס אָפּגעבראָכן סאַברע־בלעטער, געטאָרגלט זיי אין זאַמד אַזוי לאַנג ביז אַלע נאָדלען זענען אַרויס־געפֿאַלן, דעמאָלט האָבן זיי מיט דער מאַטער און שוואָמיק ווייכער גרינקייט פֿון די קאַקטוסן געשטילט דעם דאָרשט.

אַרום די סאַברעקוסטעס זענען קיין גרעזלעך אַפֿילו ניט געוואַקסן. דער באָדן איז געווען דאָרט אַ ווייכער, אַן אָנגעהויפּטער פֿון טרוקענעם, ברוינעם און גראָען געוויקסן־אָפּפֿאַל. צווישן די קאַקטוסן האָבן זיך זעלטן פֿייגל באַוויזן. האָט זיך שוין יאָ אַ פֿויגל באַוויזן, האָט ער געקרייזט איבער די רויטע פּרוכטן און מיטן שנאָבל אויפֿגעפּיקט די דינע וואַסערדיקע הייטלעך, שטילנדיק זיין דאָרשט.

דער אייביק גרינער קלעטערקוסט, דער אָנבלעטערדיקער מיט גרינע לאַנגע צווייגלעך, וואָס זעט אויס ווי צעשויבערטע האָר, אַז אַ דער קלעטערקוסט האָט זיך אין דעם געסל אויף טייל ערטער פֿאַרמאָסטן מיט די קאַקטוסן. זיינע לאַנגע קלעטערהאָר האָבן זיך געפֿלאָכטן אויף די שטעכיקע געוויקסן, געקלעטערט אַזש איבער זיי, אויסגעמיטן די נאָדלען וואָס זענען דאָ ניט איבערצוציילן אויף יעדער בלאַט און אַפֿילו אויפֿן שטאָם און האָבן פֿאַרדעקט די סאַברעס מיט אַ מילדער זאַפֿטיקער גרינקייט וואָס איז אַזוי ענלעך צו די גאָרטנפֿלאַנצן.

ערגעץ ווו האָט אַ מימאָזע געפֿינטלט מיט אירע געלע בלימלעך. אַן אַלטער סיקאָמאָר האָט שוין מן הסתם צום דריטן מאָל היי־יאָר אָפּגעשאָטן אַ שטיק פֿון זאַמדיקן געסל אין אַ קיילעך אַרום זיין שטאָם מיט די קליינע העלע פּרוכטן. דער בוים איז נאָך באַזעצט געווען מיט די קליינע פּירות, וואָס זענען ניט געוואַקסן צווישן די בלעטער נאָר אַרויסגעוואַקסן גלייך

פון די גרויסע און דיקע צווייגן אַרויס און אַפילו פון שטאַם. אַ ראַי פון פליגן און בינען האָט זיך געטראָגן אין יענע טעג אַרום סיקאַמאָר.

אַן אַלטער פייגנבוים האָט געשפּרייט אַרום זיך געדיכטע און שווערע שאָטנס. עטלעכע ציפּרעסן האָבן אומבאַוועגלעכע געסטערטשעט גלייך אין די הימלען אַריין און פון ווייט־ווייט האָבן געוווּנקען לופטיקע אַנשאַטנדיקע טאָפּאָליעס.

2

מיט יעדן טאָג האָט דאָס דאָרף אַנגענומען מער לעבן. אין די פּאָר־טאָגס זענען אַרבעטער געגאַנגען צו זייער אַרבעט. אָפּגעברענטע, מיט רידלען אויף די אַקסלען, אומבאַקאַנטע, האָבן זיי קיין באַקאַנטשאַפטן ניט געשלאָסן, נאָר גלייך געדוצט איינער דער צווייטן. אין דער שפּע פון זון און ליכט האָבן די מענטשן זיך געפילט די ערשטע וואָכן פון זייער זיין אין דעם לאַנד יינגער, לייכטער און יום־טובדיקער. עפּעס אַן אויפגעלייגטקייט און ניט־זאָרגעוודיקייט האָט זיי אַרומגענומען. עמעץ פון די דורכגייענדיקע פלעגט זיך אָפּשטעלן, פּלוצעם פּאַרלייגן זיינע הענט ווי אַ דעכעלע איבערן שטערן און, מיר ניט דיר ניט, אַ זאָג טאָן מיט געמאַכטער תּמימות:

— דוכט זיך, אַז היינט וועלן מיר האָבן אַ שיין וועטער.

געזאָגט האָט דאָס דער מענטש, ווען די זון איז שוין געשטאַנען היפּש אין הימל, און די היץ האָט לאַנג געהאַט שוין אויסגעטריקנט דעם טוי פון דער פּאַרגאַנגענער נאַכט.

כּמעט אין איין צייט האָבן זיך אין געסל באַזעצט אַ צענדליק משפּחות נאָר וואָס געקומענע אין לאַנד אַריין. אינעם קליינעם צעשטערטן הייזעלע פון ווילדן געשטיין מיט אַ הויכער הויף־פּאַרצוימונג פון געטעסטע קורקר־בלאָקן האָט זיך באַזעצט לעמל דער סטאָלער, אַ העלהאָריקער און לעבעדיקער יונגער מאַן פון לאָדזש, מיט אַ קליינער משפּחה. אין נאָענטער שכנות, אין אַ הויף מיט חורבות, ווו עס איז על פּי צופאַל געבליבן אַ גאַנץ חדרל, האָט זיך אַריינגעקליבן אַ יונג פּאָרפאָלק נאָר וואָס געקומענע פון וואַרשע. אָפּגעטיילט פון זיי מיט אַ קאַקטוסצוים, איז געשטאַנען אַ שיין מויערל פון דריי חדרים. דאָרט האָבן זיך אַריינגעצויגן דריי משפּחות: חיים דער רומענער, דער מולער יצחק און גרשון פריד — אַ דרוקער פון וואַרשע.

אין אַ הייזל געבויט פֿון ווייסע שטיינער צווישן פּרדסים, האָבן געוווינט ספּרדישע ייִדן.

אַז דאָס געסל איז שוין געווען באַפּעלקערט, איז פּלוצעם אויסגעוואַקסן אַ דריבנער ייִדל פֿון וואָלין, בערטשיקל. ער האָט אַלעמען געוויזן פּאַפּירלעך, וואָס האָבן באַשטעטיקט אין דער רוסישער שפּראַך זיין אינוואַלידנשאַפֿט. כאָטש זיין מום האָט מען ניט געקאָנט אָנזען, האָט ער ערגעץ פֿון אַ תּל־אביבער מישׂרד אַרויסבאַקומען אַ דערלויבעניש אויפֿצועפֿענען אַ שפּייזקלייטל.

מיט טומלעריי איז אַ צייט שפּעטער געקומען אין געסל אַריין מיט זיין גאַנצער משפּחה אַ פּאָליעסער יונגערמאַן, אַ רירעוודיקער, אַ געוועזענער עסקן ביי דער שארית־הפּליטה אין דייטשלאַנד, אַ ותיק מיט אַ באַזונדערן זכות, דודל העלפּער. זיין משפּחה האָט זיך באַזעצט אינעם מו־ער וואָס איז וואַכנלאַנג פֿריִער אויסגערעמאָנטירט געוואָרן פֿון דער סוכנות.

אין די פּאַרנאַכטן זענען די שכנים געגאַנגען איינער צום צווייטן. מיטן אָנקום פֿון דער נאַכט האָט עפּעס אַן אומהיימלעכקייט אַלעמען אַרומגענומען. מען האָט זיך ניט געוואָלט אָנטרויען דעם פֿרעמדן אומבאַקאַנטן אַרום, מען האָט זיך געשראָקן פֿאַר די מאָדנע שאָטנס פֿון די קאַקטוסן, פֿאַרן פּלוצעמדיקן פֿויגל־געשריי, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ האָנעוקרייערײ, נאָר מיט קירצערע און מער אָפּגעהאַקטע קולות. מענטשן האָבן אַנגסטיק געוואַרט אויף דער שטילקייט נאָכן יאָמערלעכן שאַקאַלן־געוואָי — אַ געהויל וואָס האָט זיך איינגעשניטן אַזש ביזן מאַרך פֿון די ביינער.

אינעם פֿיל־קולותדיקן שאַקאַלן־געיאָמער האָט יעדער איינער אויפֿגענומען אַנדערע טענער, וואָס זענען אים אויסגעקומען אַזוי באַקאַנט און נאָענט, ווי דאָס וואָלטן געווען עכאָס פֿון אייגענע יאָמערייען.

דרויסנדיק האָט זיך דאָס דערפֿל אין די ערשטע וואָכן ווי ניט געביטן. די איינוווינער זענען מיט יעדער טאָג אומרויִקער געוואָרן. נאָך די לאַגערן אין דייטשלאַנד האָט מען אַלץ געוואַרט, ניט אַראָפּגעצויגן די רינגלעך פֿון די פֿינגער, ניט אויסגעטאָן די שטייפֿע העמדער, מען איז געשטאַנען צעטומלטע אויפֿן ראָג פֿון געסל, געפֿאָרן קיין תּל־אביב, געזוכט, געלאָפֿן צו קרובים. דעם ערשטן איבערבראָך האָט געמאַכט שמעון זאַראָמבער, אַ הויכער, איבערגעוואַקסענער יונג, וואָס האָט זיך וואָכן

אַרומגעדרייט אויסגעפּוצט אין אַ טונקעלן אַנצוג. ער האָט פּלוצעם זיך באַוויזן מיט אַן אייגענעם געשפּאַן, געזעסן אויפן וועגעלע אין פאַרקאַלכטע הויזן און געטריבן דאָס פערד.

— כ׳האָזע אין דר׳ערד. דאָס ביכ׳עך געווען און דאָס על׳עך זאַן, — האָט ער אויסגערופן צו עטלעכע פאַרחידושטע מענטשן.

שמעונען איז דאָס גרינג ניט אָנגעקומען. פון זיין געדעכעניש האָט ער שוין באַלד געהאַט אַרויסגעוואָרפן דאָס פורמאַנישע פאַך. געלעבט עטלעכע יאָר אין די לאַגערן, געהאַנדלט און געוואַנדלט נאָך דער באַפרייונג, נאָר ווען מען האָט זיך אויף ס׳ביי באַזעצט אויף אַן אָרט, און עס איז אויפגעקומען אַ יידיש געסעלע, האָט עס שמעונען אַ נעם געטאָן. עפּעס האָט אים אַ טיאָכקע געטאָן ביים האַרצן, ווען ער האָט דערזען די תּל־אביבער באַלעגאָלעס מיט זייערע פערד אין שיינעם לעדערנעם געשפּאַן.

די שכנים זענען זיך ווי אויף אַ בייז ווונדער צענויפגעלאָפן, באַטראַכט דאָס פערד, דעם געשפּאַן, געקוקט אויף שמעונען, אויף זיין צעכראַסטעטע העמד און געהאַט דאָס געפיל, אַז עס האָט זיך אומגעקערט אַ היימישע, גראָע אָבער באַענטע וואָכעדיקייט.

לעמל סטאָלער האָט פון דעם קאַסטן פון זיין באַגאַזש צונויפגעקלאַפּט די ערשטע טישן און בענקלעך. אינעם געסל האָט ער זיך פונעם ערשטן טאָג אָן געפילט היימישער ווי אַנדערע. עפּעס האָט אים דאָ דערמאָנט אין אוזבעקיסטאַן, ווו ער איז געווען פאַרוואָגלט אין די מלחמה־יאָרן. ער האָט אין חדרל צעלייגט זיינע סטאָלערישע כּלים און גענומען זיך צו זיין אַרבעט.

אין געסל האָבן זיך געשפּילט די קינדער. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ ראָד, אין זאַמד, און זיך צונויפגערעדט אויף פאַרשיידענע לשונות.

אַ מאַמע האָט הויך אויפן קול גערופן פון הינטער די קאַקטוסן אַרויס:

— ה־ע־ע־ער־שע־ע־לע!

פון צווייטן מויערל האָט זיך ווי אַן עכאָ געלאָזט הערן דער רוף פון אַ צווייטער מוטער: — פּע־ע־רע־ע־ע־ל־ע!

איבערן זוניקן סאַבּרעגעסל האָט זיך צעקלונגען אַ קינדערש געלעכטער, און באָרוועסע פיסעלעך האָבן, ווי פּייגלטריט, אויסגעשטעפּט דאָס העלע זאַמד.

3

ביים יונגן פּאַרפּאַלק, די קליינס, איז אַ שימחה. אַ קרוב האָט געשאָנקען אַ טיש מיט שטולן, זענען די שכנים געקומען אָנצוקוקן די מתּנות. יולעק קליין, נאָך גאַר אַ יונגער מאַן, מיט וואַסערדיקע אייגעלעך און מיט אַ ניט־ייִדישן פּרצוף, האָט ניט געוווסט ווו אַהינצוטאָן זיינע לאַנגע הענט און מיט אַ פרעמדן שמייכל אַלעמען געענטפערט אויף פּויליש. דער תּימנער, גמליאל, מיט נאַקעטע, דאַרע פיס איז געשטאַנען ביי דער שוועל און געדאַנקט פאַרן כּיבוד. זיינע מילדע אויגן זענען גלאַנציק געוואָרן, ס'הויט פון פּנים, מחמת אָפטן טרינקען דעם ראשונער ווײַן — איז לויטערער געוואָרן, און אויף זיין גאָרגלדיקן העברעיִש האָט ער אויסגעשריִען דעמפּיק:

— יהודים אנחנו, כּולנו יהודים...

יוסטינע האָט מיט זייטיקן נייגער געקוקט אויף די שכנים. זי האָט געהאַט אין איר בליק די פרעמדקייט פון אַ ווייטער אומבאַקאַנטער וועלט. זי האָט אויסבאַהאַלטן דעם ניט־היימישן גלי פון אירע אויגנאַפּלען פאַר די שכנים און האָט אויסגעדריקט איר פרייד מיט די שמאָל־מיידלשע אַקסלען, מיט דער באַוועגלעכקייט פון איר גאַנג. יוסטינע האָט געפילט ווי די שכנים פאַרשטייען איינער דעם צווייטן. די קלאַנגען פון זייער לשון זענען אויף־געבונדענע, פּול־ברוסטיקע. זייערע בליקן — ליכטיקע, זייער געלעכטער הילכיק. איר האָט זיך געדוכט, אַז אויב זי וועט אַ צעעפן טאָן אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן, וועט אַ שווערע און אומהיימלעכע פרעמדעניש ווי אַ נאַכטשאָטן אַרויסגליטשן זיך פון זיי, און דער שאָטן וועט אייביק הויערן צווישן איר און די שכנים.

דער שווערער טויער פון הויף האָט זיך געוויגט אויף פאַרזשאַווערטע אייזנס. אַ מעשענע האַנט האָט ביי יעדער וויג געקלאַפּט אין טויערברעט אַנשטאָט אַ קליאַמקע. עמעץ פון די פריִערדיקע אַראַבישע באַלעבאַטים האָט אָפּגעקלאַפּט זיינס אַ האַנטפלאַך מיט קאַלך און מיט איר אָפּגע־שטעמפּלט דעם טויער. עס האָט אויסגעזען ווי די קאַלכהאַנט מיט די צעשפרייטע פינף פינגער וויל פאַרצוימען עמעצן דעם וועג — אַ סגולה פון די אַראַבישע איינוווינער קעגן אַלע שדים און רוחות וואָס לויערן דאָ, אין די ליכטיקע לבנה־נעכט און אין די ווינטערדיקע רעגנגנעכט.

4

וואָלף סאָכאַטשינער פֿון פּוילן, דער מאָלער פֿון ייִדישע געסלעך און ייִדישן שטייגער, האָט דער ערשטער צווישן די תּושבֿים פֿונעם אַראַבישן דערפֿל זיך פֿאַרוואָרצלט אין דעם הפֿקרדיקן באָדן.

ער איז צוגעפֿאַלן צו דעם שטיקל ערד אַרום זיין שטוב מיט דער גאַנצער וואַרעמקייט פֿון זיין ברוסט. ער האָט דערפֿילט ווי פֿון דער באַרירונג שלאָגט זיין האַרץ שטאַרקער, אומרויִקער. די פֿאַרדאָרבנקייט פֿונעם באָדן האָט צו אים גערופֿן, געמאָנט ביי אים זיינע הענט, זיין שוויס, געוויינט פֿאַר וואָלפֿן דורך דעם גראָ ברוינלעכן ווילדגעוויקס, דורך די פֿאַרטריקנטע פּאָקשיוועס און זילבערגראָע דערנער. און דאָס שטומע געוויין איז געוואָרן אים נאָענט, ווי דאָס וואָלט געווען ניט קיין געוויין פֿון אַ ווילדערניש, ווי אַ געוויין פֿון דערנער און טריקעניש, נאָר ווי אַן אַלט און באַקאַנט געשלוכץ.

וואָלף איז געזעסן אויפֿן גראָז ביי זיך אין הייפֿל. דער פֿאַרנאַכטיקער טוי האָט זיך נידעריק אַראָפּגעלאָזט מיט דער געדיכטעניש פֿון אַ נעפּל. די גראָזן זענען וואַכעדיק געוואָרן, זיי האָבן אָנגעהויבן צו עטעמען און אויס־געטיילט פֿון זיך שאַרפֿע ריחות פֿון טריקעניש. די ריחות זענען וואָס אַ מאָל מערער אויסגעדעמפּט געוואָרן אונטער די טראָפּנס געשליפֿענע דימענטלעך. וואָלפֿס האָריקע ברוסט איז באַנעצט געוואָרן מיט אָנצאָליקע קליינע טויטראָפּנס, וואָס האָבן געבלענדט מיט אַלע פֿאַרבן פֿון אַ רעגנבויגן.

און די ערד איז גוט געווען צו וואָלפֿן. אַ יונגע און איידעלע גרינקייט האָט באַדעקט דעם גאָרטן. די גרינקייט האָט געלויכטן און מילד געמאַכט דאָס פּנים פֿון די דורכגייערס. דערזעענדיק די גרינקייט פֿון וואָלפֿס גאָרטן, זענען מענטשן שטיין געבליבן געפּלעפֿטע. אַלע זאָרגן פֿון זייערע מידע פּנימער זענען אַראָפּ.

דאָס לײדיקע אַראַבישע דאָרף איז מיט יעדן טאָג באַפֿעלקערטער געוואָרן. ווו נאָר אַ מעגלעך ווינקל צום וווינען, האָבן זיך פֿאַרקליבן אַהין די נײַע געקומענע. די געלפֿלעקיקע הינט, וואָס האָבן זיך אין די ערשטע וואָכן אַרומגעשלײַכט איבערן דאָרף, האָבן איצט זיך שוין אָפּגעשטעלט ביי די טויערן פֿון הייזער, געניסטערט אינעם אָפּפֿאַל און אין די נעכט זיך

שטילערהייט אונטערגעגנבעט צו די שטיבלעך מיט די באַפּטקאַנעצלעך און לאַנג געסקאַוווטשעט. די הינט האָבן זיך שוין געלאָזט אַ גלעט טאָן, און ווען מ'האָט זיי געפּרווט אָנבינדן זענען זיי אויפגעשפּרונגען מיט אַזאַ הינטישן געיאָמער אַזש ס'האָט געשניטן ביים האַרצן. און דאָך האָבן זיי זיך צוגעוווינט צו די שטיבער.

אין די אומהיימלעכע נעכט האָט זיך אינעם כּפר־נטוש אויפגעהויבן אַ הינטיש געביל, וואָס האָט לאַנג אָנגעוואָרפן אומעט און שרעק.

זייטיק און אומהיימלעך האָט זיך אויסגעטיילט דער מעטשעט. אַן אומגעלומפּערטע געביידע מיט ניט־גלייכע קופּאָלן, ווי עטלעכע צענויפ־געשאַרטע האַלב־לבנות פון פאַרשיידענער גרייס, איז עלנט געשטאַנען אויף אַ נאַקעט זאַמדיק בערגל. אַ קראַנק בלייך געלבלעך גראָז איז דאָרט געוואַקסן. דאָס גראָז האָט זיך געשלענגלט איבערן זאַמד און אויף טייל ערטער האָט עס אָפּגעדעקט אַלטע צעקרישלטע שטיינער, אָנגעהויפט אין אַ כאַאָס. אויף די אָפּגעקאַלכטע שטיינער זענען אויסגעקריצט געווען פאַרשיידענע צייכנס. פאַרטריקנטע שטעכל־געוויקסן האָבן געסטערטשעט מיט שטעכיקער גאַווה אין דער בלאָער הייך און אַנטפּלעקט פאַר דער ווייט די קרומע שאַרף־שטעכיקע צעבראָכענע צווייגן. עס איז געגנוג דעם ווינטס אַ באַריר, אַז אַזאַ שטעכלקוסט זאָל פאַרטראָגן ווערן העט־העט אין די ווייטסטע וואַדיס; נאָר ווייזט אויס, אַז דער ווינט האָט זיך ניט דערוועגט צו באַרירן אָט אַ די ברוינע שטעכיקייט. אַ ניט־פאַרשטענדלעכע רו האָט געקיניגט אויף דעם בערגל לעבן מעטשעט. אַ געל־ברוינע איינזאַמקייט האָט געווייעט פונעם פאַרלאָזענעם אַראַבישן בית־הקברות. דאָס געווייַן פונעם צעפראַלטן מעטשעט־טויער האָט זיך איינגעשניטן אין די געדעכענישן פון די ניי געקומענע, זיי האָבן די ערטער אויסגעמיטן, וואָרפנדיק חשודיקע בליקן.

רעכטס פון מעטשעט האָבן זיך געוויקלט שמאָלע געסלעך, פאַר־פּלאָנטערטע און פאַרקניפּטע, מיט ליימיקע שטיבלעך געקנאָטענע פון קעמלמיסט. אַ ריח פון צעפוילטע שמאַטעס האָט געשלאָגן אין די נאָזלעכער. אין די געל־ברוינע לעפיאַנקעס זענען נאָך געבליבן די שפּורן פון אייזלען וואָס האָבן געהאַט זייער אָרט לעבן זייערע באַלעבאַטים. אין די נישעס פון די קעמלמיסט־ווענט האָט מען נאָך געקאָנט טרעפן געדיכטע ביינערנע קאַמען, צעשאָטענע גלעזערנע קאַרעלן און אַן אַ שיִער ליימיקע קריגלעך מיט

לאַנגע שמאָלע העלדזער. קייןביימער זענען דאָ ניט געוואַקסן, נאָר אויסטערלישע געוויקסן האָבן אין די טונקעלע הייף צעעפנט האַרטע ברוין־גרינע בלעטער.

יוסטינע איז שעהן־לאַנג געשטאַנען אָן אָנגעלענטע אויף דער וועראַנדע פון איר שטוב און געקוקט צום פּירעקיקן גרינעם פלעק פון שכנס גאָרטן. מיט יעדן טאָג איז די גרינקייט געוואָרן בולטער און שטראַ־ליקער. זי האָט געזען וואָלקן אָן איינגעבויגענעם צווישן די בייטן — און ווען ער, וואָלף, האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הייך, כּדי אויסצוגלייכן דעם רוקן, האָט יוסטינע ניט אויסגעהאַלטן דעם בלענדיקן ליכט פון זיינע אויגן, האָט אַ קער געטאָן איר פּנים צום מעטשעט, צום געקנויל פון די ליימיקע אַראַבישע געסלעך און פאַרזונקען אין זיי איר בליק. די אומבאַוועגלעכקייט פון די הויכע פּאַלמעבלעטער, די האַלב רונדיקע סימעטריש־פאַרזיגלטע פּאַלמעצווייגן האָבן זי געגלעט און באַ־רויִקט. איר האָט זיך געדוכט, אַז אָט די פּאַלמעצווייגן, זענען טויערן צו ווייטע און שיינע וועלטן.

און אַז אין די נעכט האָבן זיך אָנגעהויבן די געוואָיעבישן פון שאַ־קאַלן, האָט יוסטינע פאַרהעמערט טיר און טויער. אָן אומרויִקייט איז איר באַפאַלן. יולעק, דער מאַן אירער, איז געלעגן מיט צעעפנטע אויגן און זיך איינגעהאָרכט אין דעם אומגעוויינטלעכן געיאָמער. דאָס זענען געווען ניט נאָר בילערייען פון שאַקאַלן ווי הינט־האַווקערייען, נאָר אין זיי, אין די בילערייען, האָט מען געקאָנט הערן אַלערליי קולות וואָס דאָס אויער האָט נאָר ווען עס איז פאַרנומען. אָט האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס שרייען גאָר אַ כאָפּטע קינדער וואָס שפּילן זיך ערגעץ ווייט־ווייט, און פּלוצעם — אַ געוויין פון אַ פרוי, און פון צווייטן עק פּרדס דערטראָגט זיך גאָר אַ געכליפּ פון אַן עופעלע, וואָס מישט זיך אויס מיט אַ לאַנגער און אויס־געצויגענער כאָרכלעריי ווי עמעץ וואָלט זיך געוואָרגן.

אָ, גאָט! ווער ווייס וואָס עס געשעט אָט די רגע אונטער דיינע ביי־נאַכטיקע הימלען? דער עכאָ פון אַלע ליידן הילכט גרוויליק אָפּ אין דער אומהיימלעכער סביבה. אָט הערט יוסטינע איר אייגן געוויין, אַזוי האָט זי יענע נאַכט געיאָמערט.

יענע נאַכט...

יולעק האָט נענעטער זיך צוגערוקט צו איר, זי אַרומגענומען און גערעדט צו איר אויף פויליש. אין איר האָט עפּעס אַ גלי געטאָן. זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זײַנע אָרעמס און געבליבן שטיין אין מיטן שטוב אַ דערשראָקענע און צעשויבערטע.

— וווהין האָסטו מיך געבראַכט? אין דער ווילדערניש?

דער מאַן האָט געשטאַמלט, אָבער זיין שטאַמלערײַ איז פּאַרטויבט געוואָרן פון איר הילכיק געוויין. זי האָט געוואָלט זיך אַליין איבערשרייען, פאַרטומלען אין זיך די צווייטע יוסטינע, אָט די וואָס האָט געיאָמערט אין דרויסן מיט די שאַקאַלן. דאָס געוויין אין דער נאַכט האָט געדאַרפט פאַרטרייבן יענעם געוויין וואָס איז ווי אַן עכאָ צוריקגעקומען פון אַ גרויליקער נאַכט אין וואַרשע, ווען יענער פּאַליאַק איז געשטאַנען אייבגעבויגן איבער איר. זי האָט אויף ס׳ניי דערזען פאַר זיך דאָס פּראָסטע און האַרטע פּנים זיינס. די שאַרפע שטריכן וואָס האָבן בייז זיך געקאַרבט פון די נאָזווינקלען ביז צו די פאַרפרעסטע ליפן פון זיין מויל, די שיכּורע וואָסעראויגן...

— אַנו, זשידוווקעלע: אָדער, אָדער!...

יוסטינע האָט געוויינט הויך אויפן קול. די שאַקאַלן זענען שוין לאַנג אַוועק פונעם פּרדס. אין דרויסן איז שטיל געוואָרן. אַ פולע לבנה האָט אַריינגעקוקט דורך דעם לאָדן. אַ ליכטפּאַס איז געפאַלן אויף די באַלאַטן. זי האָט געעפנט ס׳פענצטער. דאָס לבנה־ליכט האָט זי באַרויקט און געטרייסט. אירע גרויסע אָפענע אויגן האָבן געקוקט אויפן מעטשעט, אויף די פּאַלמעס. טרערן זענען געבליבן הענגען אויף די וויעס. דער פרעמ־דער הימל מיט די ליכטיקע שטערן, די פולע לבנה, אָט אַ די גאַנצע פרעמ־דעניש איז איר פלוצעם אַזוי באַענט געוואָרן.

צו מאָרגנס איז יוסטינע געשטאַנען אויף דער שוועל פון שטוב. די פלאַקסענע האָר פאַרקעמט אויף אַרויף האָבן אָפּגעדעקט איר ברוינלעך־גלאַטן שטערן. די טיף אַריינגעזעצטע גרויסע אויגן האָבן געזוכט עפּעס אויפן גרינעם פּירקאַנטיקן גערטנדל פון שכן. זי האָט געוואַרט ביז וואָלף וועט זיך באַווייזן אַ געבויגענער איבער די בייטן. איר אָטעם איז ווי אָפּגעשטעלט געוואָרן ווען זי האָט דערזען דעם שכן. די צאַפּלדיקייט פון אירע אויגנאַפּלען האָט אייגעגליווערט, און אַ וואַרעמע מילדקייט

האָט ווי אַ העל וואָלקנדל פֿאַרהילט איר פּנים. דערנאָך האָט זי הויך אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און געזען די מעטשעט־קופּאָלן, די האַלב פֿאַרזונקענע קאַלכשטיינער פֿון אַראַבישן בית־הקברות. העכער פֿון מעטשעט האָט זיך געצויגן אַ גאַנצע קייט פֿון בערג ווי האַרטע שטיקער בלאָקייטן. די בערג האָבן אויסגעזען ווי שווערלן צו די טיפֿע און נאָך בלאָערע הימלען. צופֿוסנס פֿון יוסטינעס הויז האָט שטאָליק געגלאַנצט דער גלאַטער אַספֿאַלט־וועג, וואָס האָט געפֿירט פֿון תּל־אָביב ביז קיין ירושלים.

5

אָנגעהויבן האָט עס זיך גאַנץ אומגעריכט. אין אַ פֿרימאָרגן האָט איינער געבראַכט פֿון ערגעץ אַ ליידיקן גרויסן קאַסטן, אים אַוועקגעשטעלט ביים אַריינגאַנג אין געסל, אַרומגעהאַקט די קאַקטוסצווייגן, אויסגעגלייכט די ערד, אָנגעשיט געלן זאַמד און שוין דעם זעלביקן טאָג געעפֿנט אַ קליייטל פֿון סאָדע־וואַסער און זיסוואַרג. אין דאָרף איז געוואָרן אַ גערעג צו פֿאַרכאַפּן פּלעצער אויף קראָמען. די איינוווינער זענען געקומען צו לויפֿן מיט העק און ברעטער, דאָ און דאָרטן האָט מען געקלאַפּט פּלעקלעך אין באָדן אַריין, געמאָסטן, פֿאַרצוימט אין סאַמע פּראָנט, אויסגעהאַקט קוסטעס און געגרייט זיך אויפֿצושטעלן קרעמלעך לענגאויס דעם געסל ביזן אַראַבישן בית־הקברות. אַפֿילו שמעון זאַראַמבער האָט די טעג ניט געשפּאַנט דאָס פֿערד, ער האָט צענויפֿגעקלאַפּט אַ קראָם אין סאַמע פּראָנט. מען האָט אָנגעטראָגן ציגל און בלאָקן פֿון חרובע הייזער, ווייבער און קינדער זענען אַרויס צו דער אַרבעט. — אַ האַלבע פּרנסה עט׳עך אפֿשר דערפֿון זאַן — האָט שמעון איבערגערופֿן זיך מיט אַ צווייטן.

די ביז איצטיקע רויִקייט פֿון געסל איז פֿאַרשוווּנדן. אַפֿילו אַזעלכע, וואָס האָבן קיין מאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט מסחרייִ, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין גאַס: קודם אַ פּלאַץ, מ׳עט דערנאָך שוין זען!.. אַ פּאָר טעג שפּעטער זענען שוין געשטאַנען אַ צענדליק קרעמלעך. ערגעץ ווו האָט מען אויסגענישטערט פֿאַרלעגענע סחורות און אין געסל האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַנדל. שכנים האָבן צווישן זיך שותּפֿות געמאַכט. אין געסל האָט מען געשמועסט: אַ געוועלב איז דאָך אַ זיכער שטיקל ברויט. עפּעס האָט זיך אָפּגערופֿן אינעם בלוט פֿון אַט די מענטשן. אין דער פֿאַרלוירנקייט פֿון די

ערשטע טעג, פּנים אל פּנים מיט דער פרעמדעניש, נאָך יאָרן פון קאַצעט און אויסגעוואָרצלטקייט, ווען זיי זענען געבליבן אויג אויף אויג מיטן טעגלעכן געראַנגל פאַרן שטיקל ברויט, — האָבן זיי געפּרוווט טאָן דאָס וואָס זייערע טאַטעס און זיידעס האָבן געטאָן, אין יעדער פרעמד לאַנד ווו זיי האָבן זיך נאָר געהאַט באַזעצט.

דאָס גײַיעג נאָך אַ פּלאַץ האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג. נאָך אַ פּאָר וואָכן שטיין אין די האַלב ליידיקע קראָמען האָט דער ערשטער צעוואָרפן זיין געוועלבל שמעון זאַראָמבער. ער האָט מיט זיין פערד און וואָגן צוריקגעפירט אַהיים די העלצער און בלעכן און זיך ווידער גענומען פאַר זיין באַלעגאָלישן פאַך.

6

מיט יעדער טאָג איז געוואָרן ווינציקער קראָמען. אַפילו די וועלכע האָבן פאַרצוימט אַ פּלאַץ האָבן די פאַרצוימונגען אין די בעכט צענומען. אַזוי ווי אַ טייך וואָס צעגיסט זיך און הייבט פּלוצעם אָן אָפּצופאַלן, אַזוי האָבן אויך די איינוווינער פון כפר בטוש זיך אומגעקערט צום פרי:ערדיקן מעמד. מיט פאַרשעמטקייט האָבן מענטשן דערמאָנט דעם גײַיעג נאָך מיסחר. געבליבן זענען נאָר עטלעכע קראָמען און צווישן זיי צוויי קאַפעען, צונויפגעשלאָגענע פון בלעכן און ברעטער — איין קאַפע פון די ספרדים, און איינע פון פוילישע יידן. די צוויי צענדליק ספרדישע משפחות זענען אין די פאַרנאַכטן געזעסן שווייגנדיקע ביי שטרויענע טישלעך, עפּעס אַן אַלטער גראַמאָפאָן מיט אַ הילכער ווי אַ גרויסער געלער טראָמפּייט האָט אויסגעשפּילט אומבאַקאַנטע ניגונים. די שאַרפע פּנים־שטריכן פון די ספרדישע יידן, זייער פרעמדע שפּראַך, די שווערע, טונקעלע הלבשה, האָט זיי אָפּגעטיילט פון די פוילישע יידן. די יידן פון פוילן זענען ביט איינגעזעסן אויף די בענקלעך ביי די טישלעך, זיי זענען געשטאַנען אין גרעסערע גרופּעס, געמאַכט מיט די הענט און הילכיק גערעדט. אַן אומ־רו:קייט האָט זיי געטריבן פון די שטיבער, ניט געלאָזט זיי רו:ק איינזיצן איין רגע. שכן צו שכן איז געלאָפן. זיי האָבן זיך אין די ערשטע טעג פאַרקליבן אין די ערגסטע שטיבער, אַבי צו האָבן שכנים, אַבי איין שטוב זאָל זיין נעענטער צו דער צווייטער. זייערע פרויען מיט די קינדער האָבן זיך אין די פאַרנאַכטן געזאַמלט ביי דעם פּאַטעפאָן־הילכער און זיך

געקוויקט מיט דעם קלאַנג פֿון די צעריפּעטע פּלאַטן. אין קאַפּע האָט מען אָנגעצונדן עטלעכע עלפֿער באַפּטלאָמפּן. נאָר די אומרויִקייט איז ניט פֿאַרשווּנדן. זיי האָבן זי געוואָלט פֿאַרטומלען מיט גערייד וועגן פּרנסה, מיט משונהדיקע מעשׂות וועגן די שפּאַניאָלן. די ווייבער האָבן זיך געהאַט אָנצודערציילן וועגן די קאָכעכצער פֿון די ספֿרדים, וועגן די מ׳שטיינס־געזאָגטע פּאָטראַוועס זייערע וואָס אַ לייטישער מענטש וואָלט עס אין מויל ניט גענומען.

די פּוילישע ייִדן האָבן פֿון די ערשטע טעג אָן געקוקט קרום אויף די ייִדן פֿון בולגאַריע און אַפֿריקע. עפּעס אַ גאַנג האָבן זיי ניט פֿון ייִדן און דאָס בלוט זייערס איז ממש גוייִש בלוט. — פֿלעגן די אשכּנזים זאָגן. ביים קלענסטן סיכסוך צינדן זיי זיך אָן און כאַפּן זיך פֿאַרן מעסער.

— זע נאָר ווי די יוכע קאָכט עס אין זיי!

— האָבן זיי דען געליטן פֿאַר ייִדישקייט?

— זעט נאָר, זעט, זייערע משפּחות! די זיידעס און באָבעס!

עפּעס אַ חשד האָבן זיי געהאַט, די פּוילישע, אַז די ספֿרדישע ייִדן מיט זייערע אַלטע לייט זענען לעבן געבליבן אויפֿן חשבון פֿון די פּוילישע ייִדן. זיי האָבן דעם חשד קיין מאָל ניט אַרויסגעבראַכט פֿון מויל, אָבער טיף אין זיך האָבן זיי דעם חשד געטראָגן. מיט די ספֿרדים האָבן זיי קיין שום מגע־ומשׂא ניט געהאַט. אויף די פֿאַרזאַמלונגען וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין דאָרף פֿלעגן קומען סיי די פּוילישע סיי די שפּאַניאָלן. זיי האָבן זיך געזעצט אויף באַזונדערע בענק, אויסגעהערט געדולדיק די רעדעס, אין ייִדיש און דערנאָך אין שפּאַניאָליש. אַלע האָבן זיי זיך צום סוף פֿון דער פֿאַרזאַמלונג אויפֿגעשטעלט און געזונגען די התקווה. דערמיט האָבן זיך די באַגעגענישן געענדיקט. צו קיין דערנענטערונג איז עס ניט געקומען. פֿאַרקערט, איין מאָל אַפֿילו איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג. און געשען איז עס צוליבן מעטשעט.

ערבֿ די ימים נוראָים האָבן די ספֿרדים זיך געגרייט צו מאַכן אַן אייגענעם מנין. דאָס אָרט צום דאַווענען האָבן זיי אויסגעקליבן דווקא אין דעם ליידיקן אַראַבישן מעטשעט. אַ טאָג פֿאַר ראש־השנה האָבן זיי דאָרט אַריינגעשטעלט פֿענצטערראַמען מיט גלאָז, ריין געמאַכט די באַלאַטן און פֿאַרזאַמלט זיך אינעם פּירעקיקן מעטשעטהויף.

— די ספרדים וועלן דאָרט דאַוונען. זיי מאַכן דאָרט זייער שול! — האָבן די אשכנזים צווישן זיך גערעדט.

פאַר אַלעמענס אויגן האָבן אַ שימער געטאָן די חרובע ייִדישע בתּי־מדרשים אין דער אַלטער היים.

— ייִדן דאַרפן עס ניט טאָן! מען טאָר עס ניט דערלאָזן.

זיי זענען אַוועק צום מעטשעט און געטראָפן דאָרט די ספרדים. ווי צוויי פײַנטלעכע לאַגערן זענען שטיין געבליבן פנים אל פנים צוויי עדהס ייִדן.

— זה מקום קדוש! — האָט לעמל דער סטאָלער אַ זאָג געטאָן.

די פנימער פון די ספרדים זענען געוואָרן ערנסט און זיך אָנגעצויגן מיט עפּעס אַ ניט־ייִדישער רוגזה.

— עכשו זה מקום קדוש של יהודים, — האָט איינער פון זיי געוויזן אויפן ארון מיטן פרוכת.

די פּוילישע ייִדן האָבן געפּרוווט געבן צו פאַרשטיין די פרעמדע מענטשן, וואָס וועלן דאָך ווי זיי דאַוונען צו איין גאָט, אַז דאָס איז אַ הייליקייט פון די אַראַבער וואָס מען טאָר ניט מחלל זײַן.

די דערקלערונגען האָבן אונטערגעצונדן די שפּאַניאָלן. זייערע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַ רויטקייט, די פנימער זענען פון כּעס אויסגעקרימט געוואָרן אין צאָרנדיקע העוויות. די אָנגעקליבענע שׂינאה צו די אַראַבער, וואָס זיי טראָגן דורות לאַנג, האָבן זיי אויסגעלאָזט צו דעם הייפל אשכנזים וואָס זענען געקומען אין מעטשעט אַרײַן. מיט ווילדע קולות האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די פּוילישע ייִדן — און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויסט געשלעג.

7

נאָך די יום־טובים האָבן זיך געשטעלט קילע טעג. די זונשטראַלן זענען געוואָרן מילדער, די פאַרנאַכטיקע שאָטנס — אויסגעצויגענער, די ווײַנטרויבבלעטער — אײַנגעטריקנטער. אַ צעמאַרשטשעטער ברוינער פעלק איז געהאַנגען איבער אַ טייל דעכער. דער פעלק איז געוואָרן וואָס אַ מאָל קלענער, וואָס מער אײַנגעשרומפּעטער, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצוזען די ווײַנטרויבצווײַגן, אויסגעקרימטע, לאַנגע, פאַרפּלאָנטערטע.

זיי האבן זיך נאקעטע געקלאמערט אויף די געקאלכטע ווענט. פון דער ווייטנס האבן זיי אויסגעזען ווי ברוין־רויטע אדערן אויף מירמל.

אין כפר נטוש האבן געטריקנט די פרדסים. דווקא איצט, ווען דער יורה איז שוין געהאט געפאלן, ווי אן אנזאג, אז אט־אט קומען אן שלאקס־רעגנס; אין אט דער צייט האבן די ניט־באוואסערטע פרדסים אנגעהויבן אלץ מערער און מערער איינצודארן. די שפיצן פון דיביימער זענען אפגעליידיקט געווארן פון בלעטער. שווארץ־ברוינע דינע צווייגן האבן געסטערטשעט מיט א קרענקלעכער טראציקייט אין די בלאע הייכן אריין. די בלעטער, וואס האבן אפילו אין די חאמסינען אנגעהאלטן די פריש־גרינע גלאנציקייט און שטייפקייט, זענען פלוצעם געווארן געלבלעך און וויאלע. זיי האבן זיך געוויקלט, און א בלייכע געלקייט האט פארהילט די מאראנצנביימער. אין די נעכט האבן זיך אראפגעלאזט געדיכטע טוי־נעפלען און ווייך געמאכט די פארדארטע ערדקארע. דער טוי איז געבליבן ביזן אויפגאנג פון דער זון. פונעם געפלאצטן ברוינעם ערדהייטל האבן ארויסגעשפראצט דינינקע, ליכטיק גרינע גרעזעלעך. די טויען האבן אבער שוין ניט געקאנט באלעבן די טריקנדיקע ביימער. ערגעץ ביי די שטאמען האבן זיך געגרינט בלעטער, נאר די גרינקייט האט איבער זיך געטראגן שווארצלעך טרוקענע צווייגן. עס האט אויסגעזען ווי דער פרדס וואלט אנגעטאן א טויטע דערנערקרוין.

די מענטשן פונעם כפר נטוש האבן געוואלט אפראטעווען די ביימער, נאר די וואסערערן זענען געווען צעשעדיקט, די בריגעמער פארלאזן. יעדער איינער איז געווען באשעפטיקט מיט זיין ווינקל, מיט זיין הייזל, מען האט זיך געגרייט צום ווינטער, צו די רעגנס וואס פאלן דא בשפע. מען האט פארריכט די דעכער, געמאכט רינוועס אויף אפצוציען דאס וואסער, געשמירט די פלאכע דעכער מיט סמאלע.

א טייל נייע תושבים האבן פון ערגעץ געבראכט די ערשטע בהמות. מען האט געגרייט שטאלן פאר זיי, צענויפגעטראגן פון די חורבות אלטע לייסטן, בלעכן, צונויפגעקלאפט הינערשטייגן. אין די פארטאגס האט מען שוין געהערט אינעם דארף א קרייערייי פון העגער. ערגעץ ווו האט א קו זיך צעמוקעט. בילערייען פון הינט האבן באגלייט אן אייזל־געשריי.

די ערשטע מעלקנדיקע קו האָט געבראַכט יאַנקל קריפּער, אַ וואָלינער ייִד, ער האָט זי געקויפט ביי אַ מושבניק אין עקרון. די שוואַרצפלעקיקע קו מיטן פולן אייטער איז אַריינגעפירט געוואָרן אין קריפּערס הויז ווי מען פירט אַריין אַן אייגענעם משפחה־מענטש. דעם ערשטן אָפּמעלק האָט געמאַכט קריפּער אַליין. דאָס געפּליעסק פון די סטרויעס מילך אינעם בלעכערנעם עמער האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ היימישער ניגון. דאָס ווייב מיט די קינדער זענען געשטאַנען פאַרגאַפּטע... זיי האָבן דערזען די כאַטע מיטן שטרויִדאַך, דעם הילצערנעם פּאַרקן. אויף די קאָלעס זענען אָנגעטאָן נאָר וואָס געשוואָנקענע ליימענע לאַדעשקעס. זיי האָבן דערפילט דעם ריח פון גרינע לאָנקעס אָפּגעשאָטענע מיט געלע בלומען, דעם ריח פון דער פאַרשוווּנדענער היים. איצט איז אַלץ ווידער צוריקגעקומען. היימיש געוואָרן און ליב ווי דער וואַרעמער ריח פון בהמישן מיסט וואָס זיי האָבן אין זיך איינגעאָטעמט.

אין קריפּערס משפחה האָט די קו פאַרנומען דאָס אָנגעזעענסטע אָרט. מען האָט וועגן איר גערעדט ווי וועגן אַ שטובמענטש.

— האָט זי שוין געגעסן?

— האָט זי שוין געטרונקען?

— האַ? זי איז דוכט זיך ניט מיט אַלעמען?

שכנים זענען זיך צונויפגעקומען. געשטאַנען לאַנג אין שטאַל, באַוווּנדערט די גלאַטע באַרווע פון דער קו, איר גרויסן אייטער און געגלעט איר פעל מיט אַ באַזונדער תענוג.

8

שאַלקע באָזדרע, דער יונג פון ווישעגראַד, האָט ניט געוווּסט צו וואָס זאָל ער זיך נעמען אין דעם ייִדישן לאַנד. געקומען איז ער פון פּערנ־וואַלדער לאַגער אויסגעפּוצט אין אַ לאַנגן רעקל מיט סיגנעטן אויף די פינ־גער. זיינע רויטלעכע שמאָלע אויגן־פּאַסעקלעך האָבן זיך נאָר מער געמרוזשעט פון דעם בלענדיקן זונליכט. גאַנצע טעג האָט ער זיך געפּלאָנ־טערט, דער נידעריקער און ברייטביינערדיקער פאַרשוין, צווישן בעלי־עגלות און שאָפערן פון דער תחנה־מרכזית אין תּל־אביב. מען האָט אים

געטראָפן אין די יפֿוער געסלעך. זיין אָנטועכץ איז וואָס אַ טאָג געוואָרן אָפּגעטראָגענער. ער פֿלעגט זיך אַוועקזעצן אויף שטיגלעך פֿון קראָמען און קנאַקן יאַדערן.

אין איינעם אַ טאָג האָט ער אויסגעטאָן דאָס טונקעלע רעקל, אַראָפּגעצויגן דעם שווערן זילבערנעם סיגנעט מיטן אויסגעקריצטן בלאָען מגן־דוד. אין אַ צעכראַסטעטע העמד, די הויזן פֿאַרקניפּט מיט שטריקלעך, די טשופּריגע צעשויבערט — פֿלעגט ער אין דאָרף אַריין, טרייבן אייזלען און איינטוישן זיי אויף פֿרידות אָדער אויף פֿערד. ער פֿלעגט אין די נעכט נעלם ווערן, צוריקקומען אין די שפּעטע מאָרגן־שעהן און דערנאָך ליגן אין שאָטן פֿון תּות־בוים און כראָפּען מיט אַן אָפֿן צעקרימט מויל, פֿון וועלכן ס׳האָט געזעצט אַ פּיענע.

שאַלקע נאָזדרע, דער ווישעגראָדער פֿערדטרייבער, האָט דאָ אָפּגעפֿונען זיין היימישע וועלט. אין חלום האָט ער געזען די גוייִשע דערפֿלעך ביים ברעג פֿון דער ווייסל, די סטאַדעס פֿערד וואָס ער, שאַלקע, האָט געטריבן אַזש ביז דאַנציק, די ניט־געבונדענע, ניט־געשפּאַנטע פֿערד, אָן ציימלען אַפֿילו; אָט זעט ער זיך, רייטנדיק אויף אַ שוואַרצן אָגער מיט אַ גזשיווע פֿאַרפֿלאָכטן אין צענדליקער צעפּלעך. ווער אַחוץ שאַלקען קאָן דען באַנעמען דאָס געטופּעריי פֿון צענדליקער קאָפּיטעס איבער פּוילישע וועגן, דעם געסווישטש פֿון זיין לאַנגער בייטש, די צעפּלאָשעטע ברוינע און שוואַרצע פֿערדגריוועס, אין וועלכע דער ווינט האָט ניגונים אויסגעשפּילט? ער האָט זיך אין די נעכט געטראָגן מיט די סטאַדעס פֿערד דורך פּוילישע דערפֿער, און דאָס ווילדע געטופּעריי, ווי פֿון אולאַנער־פּאָלקן, האָט אַלע דאָרפֿישע היגט פֿון די קייטן געוועקט. פֿאַרגאַפּטע פּויערים זענען געשטאַנען אין שרעק און זיך געצלמט. דערנאָך — געטאָ, שטעכיקע דראָטן, לאַגערן — — —

זיצט אָפּט שאַלקע אַ באָרוועסער אונטערן שאָטן פֿון אַ ברוש, ביים ראַנד פֿון גלאַנציקן אַספּאַלט־שאָסיי וואָס פֿירט קיין ירושלים, און צענדליקער אויטאָס מיט ליכטיקע שויבן יאָגן פֿאַרביי; קוקט זיי נאָך דער באָרוועסער יונג פֿון דעם כּפֿר נטוש, באַוווּנדערט די אויסגעפּוצטע פֿרויען און מענער, ביז די אויטאָס ווערן נעלם.

יולעק פלעגט אין די פאַרנאַכטן קומען פון תל־אביב, מיט פעק פוילישע זשורנאַלן וועגן ספּאָרט. שעהן איז ער געזעסן און געלייענט די אַלערליי ספּאָרטנייסן. ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק די נעמען פון אַלע באָקס־טשעמפּיאָנען, זיך געפרייט מיט זייערע ניצחונות און הילכיק אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט מיט אַ ווילעריש פייפעריי.

יוסטינע האָט זיך געריסן צו אַנטלויפן פון איר נעכטן, אָבער יולעק האָט זי צוריקגעשלעפּט אַהין. זי האָט געוואָלט אויספּילן דעם חלל פון איר יוגנט, די פוסטקייט און קאַלטקייט פון אירע מיידלשע יאָרן אינעם הויז פון אירע עלטערן. די פריינדשאַפט מיט יולעקן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין נאָך־מלחמהדיקן פוילן, האָט זי געשטאַרקט אין איר ערשטער פאַר־לאָרנקייט, אין איר שרעק פאַר דעם גוי. זי האָט געזוכט אַ מענטשן וואָס זאָל זי באַשיצן פאַר זיך אַליין, פאַר די אייגענע דערמאָנונגען. און אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־עליה פון ייִדן קיין ארץ־ישראל, איז יוסטינע געווען איינע פון די ערשטע. יולעק איז דעמאָלט פאַרקאַכט געווען אין די סטודענטישע ספּאָרטקלובן. ער האָט כּמעט ניט געטראַכט וועגן זיין מאָרגן אין דעם נייעם לאַנד. אים האָט אָבער געלאָקט די רייזע, דער ים, די ווייטע און פרעמדע שטעט — און ער האָט זיך געלאָזן אין וועג.

די פרעמדקייט צו יולעקן האָט איר אינעם כּפר נטוש גענומען ממש בריִען. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקע, ניט געענטפערט אויף זייַנע רייד און ער, יולעק אַליין, האָט דערפילט, אַז עפּעס ניט דאָס האָט ער זיך פאָרגעשטעלט. עס איז אים ניט געפעלן דאָס לאַנד, פרעמד זענען אים געווען די מענטשן. אין איינעם פון די טעג פון סוף האַרבסט איז ער אַנשטאָט צו דער אַרבעט אַוועק צום פּוילישן קאָנסול און געמאָלדן, אַז ער וויל פאָרן צוריק. אַזוי גיך ווי ער האָט מסכּים געווען צו קומען אין דעם לאַנד אַריין, אַזוי גיך האָט ער אויך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. ער האָט געבעטן יוסטינען זי זאָל מיט אים מיטפאָרן אָבער זי האָט ניט געענטפערט אויף זיינע רייד. איר שווייגן איז געוואָרן וואָס אַ טאָג אַלץ אָנגעצויגענער, אַלץ פאַרביסענער. זי איז אַ שווייגנדיקע אויך געשטאַנען אויף דער שוועל, ווען יולעק איז אַוועק צום אויטאָ מיט אַ קליין פּעקעלע אונטערן אָרעם. זיין ווילעריש אונטערפייפן האָט איר דאָס מאָל אַ זעג

געטאָן דאָס האַרץ און עפּעס איבערגעריסן דאָרט. דערנאָך איז זי לאַנגע שעהן געלעגן אויפֿן בעטל מיטן פּנים אַראָפּ. זי האָט ניט געוויינט. דער פּלוצעמדיקער ריס האָט זי אויפֿגעטרייסלט, צעעפֿנט לאַנג פֿאַרבאָרגענע קוואַלן; און ווען זי איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער זענען די ווייטע ירוש־לימער בערג נאָענט צוגעשוואומען, און אין דער בלאָער מילדקייט פֿון אַרום האָט זי אַ טרייסט געפֿונען.

10

יעדער טאָג איז דוד העלפֿער געפֿאָרן אין סכּנות אַן אויסגעפּוצטער, מיט אַ לעדערנעם טאַש אונטערן אָרעם. דער רירעוודיקער קליינוווּקסיקער פֿאָלעסיער יונגערמאַן האָט זיך אַרומגעדרייט אין די מישׂרדים פֿון סוכנות, געעפֿנט טירן, געזוכט און גענישטערט. די סעקרעטאַרינס און פּקידים האָבן ניט געוווּסט ווער דאָס איז, געפּרוּווט אים פֿאַרהאַלטן, פֿרעגן וועמען און וואָס ער זוכט. נאָר זיין זיכער און דרייסט געגנגל, עפּעס אַזאַ איבערגע־איילטס, דאָס העפֿלעכע שמייכעלע האָט זיי צעטומלט. מסתּמא אַן אייגענער מענטש. און געדאַרפֿט האָט דוד העלפֿער צו אַלעמען. צום העכסטן און צום קלענסטן פּקיד.

ווען דודל איז אָנגעקומען אין דעם כּפֿר נטוש, האָט ער גלייך אָנגע־הויבן צונויפֿשטעלן אין דאָרף אַ מועצה מקומית.

— עפּעס אַן אָנפֿירונג, אַ דאָרפֿסראַט. מען קען דאָך אַזוי ניט לעבן — האָט ער געגעבן צו פֿאַרשטיין דעם דאָרף־עולם. פֿון ערגעץ זענען פּאַפּירלעך אָנגעקומען. מ׳האָט זיי געקלעפּט אויף די ווענט. פֿאַרזאַמלונגען געמאַכט, גערעדט צו די איינוווינער פֿון געסל. און אומעטום איז אויבנאָן געזעסן דער נידעריקער, קיילעכיקער דודל העלפֿער, זיינע שוואַרצאַפּלען זענען פֿלינק געשוווּמען הין און קריק. ער האָט זיך שוין צוגעקליבן פּאַסיקע מענטשן, געוועזענע קאָמיטעטלערס פֿון מינכען און פֿערנוואַלד. זיי האָבן געליבט דוד העלפֿערס פּאַרטיי און אים, דודלען. אַזוי איז אויפֿגעקומען דער ערשטער דאָרפֿסראַט אין כּפֿר נטוש. פֿאַרשטייט זיך, אַז דעם אויבנאָן האָט פֿאַרנומען דוד העלפֿער.

טעג האָבן זיך געשטעלט פֿאַרוואָלקנטע, קילע. די ווינטן האָבן גענישטערט אין די בלעטער פֿון די מאַראַנצן־ביימער. אַ שורשעריי פֿון

אויסגעטריקנטע, געלבלעך גרינע בלעטער האָט זיך אָן אויפהער געטראָגן פון די פרדסים. און די הימלען האָבן זיך געעפנט. אַ שלאַקסרעגן איז אַראָפּגעפאַלן עפּעס אַזוי פּלוצעמדיק, ווייל קיין שום סימנים זענען אויפן הימל ניט געווען. און געדרעגנט האָט עס דאָ ניט ווי אין די אַלטע היימען, דאָ, אינעם נייעם לאַנד, האָט עס אַ פּלייץ געטאָן, אַ כליאַפּ געטאָן מיט ווילדן אימפּעט, געדוכט האָט זיך, אַז ערגעץ אין די הימלען רייסן זיך טייך־שטראָמען. דאָס איז ניט געווען קיין רעגן, נאָר אַ וואַסערפאַל פון די גראָע הימלען. די שלאַקסרעגנס אין די אַלטע היימען זענען געפאַלן ווי עמעץ וואָלט זיי דורך אַ זייער דורכגעלאָזט, גלייכע דיקע רעגנבייטשן. אָבער דאָ, אַ ווילדער וואַסער־כאַאָס, אַזוי ווי שליוזן פון אַ טייך וואָלטן זיך אויפגעריסן מיט אַן אויפגעבונדענער הפקרדיקער סטיכיע.

11

וואָלף סאַכאַטשיבער האָט געעפנט זיין קליין קעסטעלע מיט פאַרבן און נאָך לאַנגע יאָרן ווידער זיך גענומען צו מאַלעריי. אונטער זיין פּענדזל איז אַ פאַרשווונדן לעבן אויפגעגאַנגען.

ער איז דאָ אַהערגעקומען כדי אָפּצוזוכן זיין היים. זיין איינציק פאַר־מעגן זענען די היימישע געשטאַלטן, דאָס לויטערע ליכט פון זייערע פּנימער, ער וועט זיי אַלעמען אַריינפירן אינעם לעבן פון דעם לאַנד. ער וועט לאהלען, דעם בלעכערס טאָכטער, אַריינפירן אינעם פּרדס. ער וועט איר ווייזן די גאָלדענע עפּל; נעם און רייס זיי. ער וועט אַראָפּנעמען די ייִדן פון דער בויד וואָס פאָרן אויפן יריד און זיי ווייזן אונדזערע מושבים. ער וועט די שטעטלדיקע טרעגערס פירן אין די פאָרטן, און זיי וועלן מיט נייגער קוקן אויף די ייִדישע שיפן און קראַנען... ער זעט זיי צוטומלטע איבער די גאַסן פון די ייִדישע שטעט. ער וועט פאַרקניפּן און אויסקנעטן דאָס אַלטע מיטן נייעם.

פאַרבייגייענדיק, איז איין מאָל יוסטינע געבליבן שטיין אַנטקעגן דער אָפענער טיר פון שכנס שטוב. זי האָט געזען די לייוונטן אויף די ווענט און איז געבליבן אַ פאַרווונדערטע, אַן איבערראַשטע. איר בליק האָט וואָלפן איינגענעם פאַרחידושט. אַ שטראָמיקע וואַרעמקייט האָט אַ פּלייץ געטאָן אין אים צו יוסטינען. איר זייטיקער גאַנג, איר אָפּגעזונ־

דערטקייט, איר פרעמדער ניט־יידישער געשטעל האָט אים געצויגן. ווייט־נאָענטע יידישע פּנימער האָבן צו איר אַראָפּגעקוקט. זי האָט זיי דערזען אויפן פּאָן פון דער פּוילישער לאַנדשאַפט, דערזען דאָס פאַרשווונדענע לעבן פון יענע היימען.

און אַז יוסטינע איז אַוועק, איז וואָלף געבליבן שטיין ביי דער שוועל און איר לאַנג נאָכגעקוקט. דער וואַרעמער שטראָם האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין די שלייפן. זי האָט מיטגעטראָגן מיט זיך זיין מילדן בליק, אויסבאַהאַלטן אים אונטער אירע האַלב פאַרמאַכטע אויגנדעקלעך.

אַ הויז ביים ים

א

אַליש האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעוועקט אין דער נאַכט. ער איז אַראָפּ אַ באָרוועסער פון געלעגער און אויף די שפּיצן פינגער געגאַנגען צו דער שוועל. אילע מאָל האָבן זיך עטלעכע פאַרטייעטע בעפל־שאָטנס אָפּגעריסן ווי פאַרבלאָנקעטע נאַכטקעץ און זענען פאַרשוווּנדן אינעם פאַרטריקנטן פרדס. די שטערן זענען וואָס אַ מאָל געוואָרן דערכזעעוודיקער און געהאַנגען אויף שמאָלע טאָפּאָלן ביים פרדס־צוים.

יוטע האָט געזען ווי אַליש ציט אויף זיך אַרויף די אַרבעטקליידער, הענגט אָן אויפן אַקסל דאָס רענצל, וואָס זי האָט פון נעכטן פאַרגרייט מיטן אָנבייסן. אירע פייכטע אויגן האָבן דורכגעשניטן דעם גרינלעך־גראָען נעפּל פונעם געצעלט און זיך פאַרהאַלטן אויף אַלישעס רוקן. ער האָט דערפילט יוטעס אומרויקייט און זיך אַ קער געטאָן צום געלעגער. זי האָט פאַרשלאָסן די אויגן־דעקלעך און אינעם שפּאַלט ליכט וואָס איז געפאַלן פון דעם געעפנטן געצעלט־פאַרהאַנג האָט אַליש דערזען, אַז אירע ווייעס זענען פול מיט לייכטנדיקע טויפּערלעך. ער האָט זיי געזען אויף די שטילע דרימלענדיקע געצעלטן, וואָס האָבן אין לאַנגע רייען געקנוילט זיך אויף ביידע זייטן וועג.

ווען אַליש איז צוגעקומען צום גרויסן פּלאַץ אויף דער שטילער ים־גאַס, איז שוין ליכטיק געוואָרן. אויף אַ ברעטערשטויס זענען עטלעכע מענטשן געזעסן מיטן רוקן צום ים. זיי האָבן געטראָגן אין די אויגן שטיקער נאַכט. אַז דער אַרבעטס־אונטערנעמער איז אָנגעקומען, זענען אַלע אויפגעשפּרונגען, אויסגעגלייכט זיך, און געלאָזן די רענצלעך אויף די פאַרקאַלכטע ברעטער.

דער בוי־אונטערנעמער אדון ירקוני — אַ קליינוווקסיקער קיילעכיקער מענטש, האָט אַ וויג געטאָן זיינע אויגן און זיי אָנגעהאַנגען אויפֿן בייעם אַרבעטער. אָליש האָט געעפֿנט די וויִעס און אַ ווײַלע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט. ווייזט אויס, אַז אָלישעס געשטעל, זיין ברייטפּלייציקייט זענען געפֿעלן געוואָרן דעם אַרבעטס־געבער.

דער ים האָט געאָטעמט מיט אַ געל־ליימיקער פֿייכטקייט. ווייסשוימיקע קעפּ האָבן אין דער ים־ווייטעניש אויפֿגעצאַפּלט און זענען גלייך פֿאַרגאַנגען אין דער געלער מוטנעקייט פֿון ים.

דער שטח איז שוין געווען אויסגעמאָסטן, מיט פּלעקער אין די ווינקלען, מיט אַ ווירעדיקע ריי ברעטער. דער דרייפּיסיקער געשטעל פֿון ערדבויערער איז שוין געשטאַנען גרייט, אָט וועט זיך דער שאַרפֿער שטאָל פֿון בויערשפּיץ איינבעסן אין זאַמד, טיף, טיף, ביז מען וועט קאָנען גיסן די זיילן פֿון דער גרויסער געביידע וואָס מען שטעלט דאָ אויף.

נאָך נעכטן האָט זיך אדון ירקוני באַדונגען מיט די אַרבעטער. צוועלף געשטעלן וועט דאָס הויז האָבן, פֿיר פֿאָדערשטע זיילן און די איבעריקע ביי די זייטן. — דער באָדן איז אַ זאַמדיקער, ס'וועט לייכט זיין צו גראָבן, דער קורקר איז אַוודאי ניט טיף. מען וועט אים גיך דערגרייכן און גלייך אָנהייבן גיסן דעם בעטאָן, — האָט אויף שנעל אַ זאָג געטאָן דער אַרבעטס־געבער.

ער האָט זיך דערנאָך אַרומגעקוקט, גערופֿן דעם שומר, אים אָנגעזידלט הלמאי מען האָט די צעמענטזעק אויף ביי נאַכט ניט פֿאַרדעקט און זיי זענען פֿייכט געוואָרן, און ער האָט גלייך פֿאַרלאָזן דעם בויפּלאַץ.

די אַרבעט איז טאַקע ניט געווען קיין שווערע, די מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו בויערן די ערד אויף עטלעכע ערטער, דער ערדבויערער האָט זיך איינגעעגבערט אין זאַמד ווי אַ גרייצער. דער העלער זאַמד האָט געסקריפּעט און דערנאָך זיך געשאָטן אין אַ ליכטיק בערגל אויף דער פֿאַרקאַלכטער ערד. אָליש האָט מיט דער ברוסט זיך אָנגעשפּאַרט אָן בויערשטאַנג און געשפּאַנט אין אַ קרייז אַרום גרוב. דער בויערער האָט מיט יעדן טריט וואָס אָליש האָט געמאַכט, זיך איינגעשניטן אין דער טיף ביז דער ערדשעפּער איז פֿול געוואָרן מיט זאַמד, דעמאָלט האָט עמעצער אַ צי געטאָן די שווערע קייט און מיט אַ קאָלבע האָט מען גענומען זי וויקלען אַזוי ווי מען וויקלט אַרויף אויף אַ ברונעמאַקס אַן איבערגעפֿולטן עמער וואַסער.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ הייסער. דאָס ים־ווינטל איז זעלטענער געוואָרן, די ווייסע שוימקעפּ האָבן זיך איינגעשטילט. די כוואַליעס זענען מער ניט אויפגעשפּרונגען מיט זייער קאַנטיקייט, זיי זענען איצט געשוואומען שטילע, מילדע, אַרומגעשליפענע פון אַ געלער ליכטיקייט.

דאָס איז געווען אַלישעס ערשטער אַרבעטסטאָג אינעם לאַנד. ער האָט מיט לייכטקייט זיך באַוועגט אַרום בויערשטאַנג אין אַ קליינעם קרייז, אַראָפּגעלאָזן די גרויסע טונקעלע ברעמען אויפן זאַמד־בערגל וואָס איז געוואַקסן מיט יעדן אַרויפצי פון ערדשעפּער.

מיטאָגצייט האָט אַ ווייע געטאָן אַ וואַרעמער אָטעם פון דרום. דער ים איז געוואָרן ווי מאַט אָנגעהויכט גלאָז. שווערע שווייסטראָפּנס האָבן אַרויס־געשלאָגן אויף די פּנימער פון די אַרבעטער און אַ דאָרשט איז זיי באַפאַלן. אַפילו די שווערע בויערס האָבן מיט טרוקעניש געסקריפּעט, געהוידעט זיך אויף די קייטן און געפאַלן מיט אַ ליכטיקן זאַמד אויפן בערגל.

זיי האָבן שוין געדאַרפט דערגרייכן דעם קורקר ווייל נאָכן מיטאָגרו האָט מען זיך שוין געגרייט צום גיסן דעם בעטאָן. דער בעטאָנמישער איז געווען אייניקע שעה אין פולן גאַנג. די ציינרעדער האָבן מיט טרוקענעם געטראַסק געקלאַפּט, דער בעטאָנפאַס האָט זיך געדרייט, געמישט אינעווייניק דעם צעמענט און אַלץ איז שוין גרייט געווען צו גיסן די זיילן. נאָר די בויערערס האָבן נאָך אַלץ ניט דערגרייכט דעם קורקר־באָדן. עטלעכע מאָל האָט מען אָפּגעשטעלט די אַרבעטן, באַטראַכט דעם פרישן ערדאָנשיט וואָס דער שעפּער האָט אַרויפגעבראַכט פון דער טיפעניש, געזיפּט דעם פליסיקן זאַמד דורך די פינגער און זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט.

דער אינזשיניער איז אַרומגעלאָפן אַן אומרויִקער מיט אַ ראָל פּאַפּיר, אָפּגעשטעלט זיך לעבן די בויערער און חידושדיק געצויגן מיט די אַקסלען. עפּעס האָט ניט געשטימט אין זיינע אויסרעכענונגען. דער קורקר האָט זיך אַלץ ניט באַוויזן.

— אָט אַ מעשׂה, האָט גערעדט צו זיך דער אינזשיניער, וואָס וועט זיין? דער בעטאָן איז גרייט, מען מוז שוין גיסן.

דערנאָך איז אומגעריכט אָנגעקומען דער אונטערנעמער. ער איז געלאָפן מיט אימפּעט פון קליינעם בויקאַנטאָרל אונטערהינקענדיק אויפן רעכטן פיס. מיט אַ געניִקייט האָט ער דורכגעזיפּט דורך זיינע פינגער

דעם טרוקענעם זאַמד וואָס מ'האָט נאָר וואָס געהאַט אַרויסגעשעפּט פון דער טיפעניש.

די אַרבעטער זיינע וועלן היינט כּמעט גאָרניט פאַרדינען. מ'וועט ניט קאָנען גיסן דעם בעטאָן, מען מוז דערגרייכן דעם שטייניקן באָדן, אויף זאַמד קאָן מען דאָך קיין פונדאַמענט ניט לייגן.

ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט די אומצופרידענע בליקן פון די אַרבעטער. ער האָט געזען די מענטשן אָפּגיין אין אַנגסטן און אים איז געוואָרן ניט באַקוועם, ווייל ער האָט זיך מיט זיי באַדונגען ניט אויפן טאָג נאָר פאַר דער גאַנצער אַרבעט וואָס זיי דאַרפן מאַכן. ער האָט זיך האַסטיק אַ קער געטאָן און זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים סוף פון בויפּלאַץ וווּ עס איז געלעגן אַ הויפן מיט קליינע שטיינדלעך.

— אָט, צו די שטיינדלעך דאַרפט איר דערגרייכן!

אויף זיין האַנטפלאַך זענען געלעגן קליינע קורקר־שפּליטערס. ער האָט זיי אַלעמען געוויזן. — נאָך אַ ביסל בויערן, עס מאַכט זיך אַ מאָל, אַז ס'איז שווערלעך צו געפינען, ס'ווענדט זיך אין מזל.

דערנאָך האָט זיך ירקוני פאַרטיפט אין מחשבות. געטראַכט האָט ער וועגן דעם, אַז ס'וועלן פאַרנוצט ווערן מער אייזן און מער צעמענט צוליב דער טיפקייט פון די זיילן. דער אינזשעניער האָט זיך געפילט שולדיק, געזוכט עפּעס אין דער אויפגעוויקלטער מאַפּע, גערעכנט און לסוף געקומען צום אויספיר, אַז מען מוז נידעריקער מאַכן די חדרים אויף עטלעכע סענטימע־טערס. עס וועט שוין זיין... הער ירקוני!

נאָך מיטאָג האָט די היץ ניט נאָכגעלאָזן. אַ טשאַד פון פאַרשׂרפהטע געוויקסן איז געהאַנגען אינעם צעגליטן חלל. דער שפּיץ פון ברוש האָט זיך קיין וויג ניט געטאָן.

די מענטשן האָבן זיך אַלץ געפּאָרעט אַרום די בויערערס, געצויגן די ערדשעפּערס און מידע געזוכט דעם קורקר. דער בעטאָנמישער האָט וואָס אַ מאָל שטילער געקלאַפּט מיט דער ציינערדיקער ראָד, ער איז פול געווען מיט פאַרטיקן בעטאָן. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די העמדער, האָלב נאַקעטע, דאַרשטיקע, געקרייזט אַרום שטאַנג און געטאָפּטשעט מיט די מידע פיס ווי בלינדע פערד פאַרשפּאַנטע אין אַ מילשטיין.

עמעצער פון די אַרבעטער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ פולן שעפּער

מיט לויטערן ווייסן זאַמד און אָוועקגעשפּאַנט צו יענעם ווינקל פון בויפּלאַץ ווו עס זענען געלעגן די קורקר־שטיינדלעך. ער האָט באַדאַכט אַרומגעקוקט זיך צי מען זעט ניט דעם קבלן, די אַרבעטס־אויפזעער, און איילִיק אָנגעטראָגן עטלעכע שטויסן שטיינדלעך, אַוועקגעלייגט זיי ביים ראַנד פון די גריבער און דערנאָך אַריינגעשאַרט זיי אַהין. אַליש האָט צעשפּרייט די אויגנדעקלעך און זיך אַראָפּגעזעצט אויפן הייסן זאַמד. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָפּשטעלן דאָס וואַרפן די שטיינדלעך אין די אויסגעבוירעטע גריבער, ניט דערלאָזן צו אַזאַ אָפּנאַרעריי, צו אַזאַ שווינדל; איז אים באַפאַלן אַ גלייכגילט, אַ מידקייט וואָס האָט געליימט זיין גוף. ער האָט נאָר געזען מידע, ציטערנדיקע אויגנאַפּלען פון די אַרבעטער. דערנאָך האָט ער זיך אַ ריס געגעבן, צוגעלאָפן באַענט צו אַ גרוב, נאָר זיינע פיס האָבן אים ניט געפאָלגט, ער האָט געטראָטן אויף אַ הויפן קורקר־שטיינדלעך, וואָס אַן אַרבעטער האָט געבראַכט, די שטיינדלעך זענען מיט פאַרדעמפטן און טויבן געקלאַפּ געפאַלן אין דער טיפעניש אַריין. אַליש האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, שיִער ניט געפאַלן און געבליבן שטיין פנים צו פנים מיט דעם אַרבעטער. די איבעריקע אַרבעטער זענען געשטאַנען גלייכגילטיק, ווי דער גאַנצער ענין וואָלט זיי ניט אָנגעגאַנגען.

— טו דאָס ניט, — האָט אַליש אַ זאָג געטאָן מיט אַ שטילן, טרויעריקן קול. דאָס הויז וועט דאָך שטיין אויף זאַמד, ניט אויפן שטייניקן באָדן... מענטשן וועלן דאָ וווינען...

מיט אַ מאָל איז אָנגעלאָפן דער קבלן ירקוני. ער האָט זיך געקייקלט פון איין אָרט צום צווייטן און הויך געשריִען.

— וואָס שטייט איר, אָט איז דער קורקר! דער שטייניקער באָדן האָט זיך באַוויזן!

דער שווערער שטאָלענער שעפער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. אַ ווײַלע איז טויט־שטיל געוואָרן. אַלע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם און אַראָפּגעלאָזן די אויגן צו דער ערד. דער שעפער האָט אַרויפגעבראַכט אַ הויפן אַריינגעוואָרפענעם קורקר אויסגעמישט מיט זאַמד.

עמעצער האָט אַ מורמל געטאָן מיט פאַרטריקנטע ליפּן. איינער האָט אומרויִק איבערגעשטעלט די פיס פון איין אָרט אויפן צווייטן, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ירקוני האָט ממש געשריִען, ניט גערעדט:

— ביט וואַרטן, גענוג געבויערט! גיסן!

דער בעטאָנמישער האָט זיך צעגרעגערט, די פּאָרמען זענען געוועזן צוגעגרייט און אַ בעטאָן־לאַווע האָט גענומען פּלייצן אין די פּאַרגרייטע גריבער.

פּאַר נאַכט זענען די אַרבעטער צוריקגעגאַנגען פון דער אַרבעט לענגאויס דעם ים־געסל. זייערע טריט האָבן שווער אָפּגעהילכט אין דער ליידיקייט פון דעם זייטיקן שטילן געסל. זיי האָבן איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ שטויבנעפּל. זייערע רייד זענען געפּאַלן שווער ווי שטיינשפּליטערס.

אָליש איז געגאַנגען ביי דער זייט, פול מיט מחשבות וועגן דעם ערשטן אַרבעטסטאָג אין נייעם לאַנד. ער האָט ניט אָנטייל גענומען אין געשפּרעך, ער האָט איצט געטראַכט וועגן יוטען וואָס איז געבליבן אינעם געצעלט און וואַרט מיט אומרו אויף זיין קומען. שטיקער אָפּגעריסענע רייד זענען דערגאַנגען צו אים. די אַרבעטער האָבן וועגן אַלץ גערעדט, נאָר ניט וועגן די זיילן וואָס מ׳האָט געגאָסן אויף זאַמד. איינער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ מיד און צו להכעיסדיק געלעכטערל.

פון ראָג איז אָנגעלאָפן דער אויטאָ. אָליש איז געהאַנגען אויפן טרעפּל און זיך געטראָגן דורך די פּאַרנאַכטיקע גאַסן צו דער ליוונטעבער שטאָט ביי די זאַמדן.

ב

ווען יוטע איז אַרויס פון געצעלט האָט אַ בלענדיקע ליכטיקייט אַ שלאָג געטאָן איר אין פּנים אַריין. זי האָט מיט דער האַנטפּלאַך פאַרשטעלט די אויגן און צוריקגעטראָטן אין דער געצעלט־טונקלקייט אַריין. איבערן ליוונטענעם געסל זענען שוין אַרומגעלאָפן באָרוועסע קינדער אין לאַנגע העמדלעך ביז די פּיאַטעס, פון שכנישן געצעלט האָט דער אַלטער סעדיה אויסגעשריען צו יוטען דעם פרימאָרגן־שלום מיט אַ קינדיש דינן קולכל.

— שלום, גברת!

ער האָט דערביי צעעפנט אַ גרויס, ברייט מויל און באַוויזן צוויי שורות בלענדיק־ווייסע ציין, זיינע טיפע פּנים־גריבלעך, ווי אַלטע קמיעות, וואָס די געצעלטווייבער טראָגן אויף זייערע העלדזער, האָבן אַ לייכט געטאָן מיט אַ געשייערטן קופּערנעם בליאַסק. אין די ערשטע טעג האָט ער אָנגעוואָרפן אַן

אימה אויף יוטען. זי איז ניט אַרויס פון געצעלט, אויסגעמיטן דעם טונקעלן מענטש מיט די רויע פּנים־שטריכן.

פון די נאָענטע זאַמדפלאַכן איז שוין טובה מזל געקומען מיט אַ הויפן דערנער. זי האָט געטראָגן דאָס בינטל צונויפגעבונדענע דערנערריטלעך אויפן קאָפּ און געשפּרייזט מיט אַ וואונדערלעכער רויִקייט. אַ רויך האָט זיך געטראָגן פון פייערלעך וואָס זענען צעלייגט געווען ביי די געצעלט־אַריינגענג. דער רויך האָט זיך געוויקלט נידעריק איבער דער ערד און געפלאָנטערט זיך אַרום די טרוקנגראָזן.

די באַהעמדלטע קינדער זענען געשטאַנען אינעם בלאָען רויכנעפּל, געריבן זיך די אייגעלעך און געפרייט זיך וואָס זיי זענען נאָענט צום פייער און קאָנען זען די וועלט דורך אַ רויכשלייער. זיי דאַכט זיך, אַז דער זאַמד־פלאַך ציטערט און שווימט אַוועק הויך אינעם הימל אַריין, און אָט, הייבט זיך אויף אַ געצעלט צוזאַמען מיטן רויך און שווימט אין די לופטיקע וויטעניש...

דורכן געסל איז דורכגעגאַנגען דער פּאַן זיגמונט. ער איז ווי תּמיד געווען אויסגעפּוצט אין אַ טונקעלן אַנצוג, פריש ראַזירט, כאָטש זיין הלבשה איז שוין געווען אָפּגעטראָגן, די קאַנטן פון רעקל אויסגעריבן, דער קאָלנער ניט געפּרעסט. ער איז עס געווען דאָ דער איינציקער וואָס האָט גערעדט צו יוטען אויף דעם פּוילישן לשון און אָנגעהאַלטן אַלע אַלטע געוווינהייטן. ער האָט געצויגן זיין הוט, און אַ ווילע שטיין געבליבן.

— אַרבעט שוין דער פּאַן אַליש?

ער האָט דערביי צופרידן אַ שמייכל געטאָן און זיך פאַרנויגט.

יוטע האָט גלייך ניט געענטפערט. ווייל וואָס האָט זי געקאָנט ענטפערן. זי איז ניט צופרידן געווען פון איר מאַנס אַרבעט. ערגעץ דאָרט ביי גריבער־בויעריי, אַ פּראָסטע און שווערע אַרבעט. איר איז אויסגעקומען, אַז זי איז דעם טאָג אַ פּאַל געטאָן און נידערט טיפער און טיפער, און עס שפּרייט זיך פאַר איר אַ טרויעריקע וועלט, די וועלט פון דער באַרוועסער שכנה מזל. מאָרגן וועט זי צוזאַמען מיט דער שכנה אַוועק, ווען עס וועט נאָך שאַרִיען, אין זאַמדסטעפּ אַריין און קלויבן טרוקענע ריטלעך אויף צו מאַכן פייער. זי וועט זיך אַ לאַנגן טונקעלן העמד פאַרען ביי די שוואַרצע שטיינער אין רויך. אָט איז דאָך אַליש אַוועק צוזאַמען מיט מזלס מאַן צו דער אַרבעט.

זי האָט זיי נאָכגעקוקט דורך דער געצעלטשפּאַלט און געזען ווי זייערע שאָטנס האָבן זיך צונויפֿגעמאָסן אינעם טונקעלן פֿאַר טאָג.

מזל איז דעם טאָג היימישער געוואָרן מיט יוטען. זי איז געקומען, אַראָפּגעזעצט זיך אויף די פֿאַרלייגטע פֿיס און עפּעס גערעדט מיט אַן אויסגעצויגן זינגענדיק קול.

פֿאַן זיגמונט איז געשטאַנען אַנטקעגן יוטען, גערעדט וועגן זײַנע גרויסע באַקאַנטשאַפֿטן, וועגן די אַלטע פֿרײַנד זײַנע וואָס פֿאַרנעמען גאָר הויכע אַמטן, אַז אָט, אָט וועט ער אַ פּאָסטן באַקומען, און אַ דירה, ערגעץ אין צפון תּל־אָבֿיבֿ — דאָס וויכטיקסטע איז באַקאַנטשאַפֿט... ער האָט דערבײַ אַ זשמורע געטאָן מיט אַן אויגל. אַז ער איז אַוועק, איז אַ טיפֿער אומרו געבליבן אין יוטעס אויגן.

דער ריצנקוסט האָט אינעם זוניקן פֿאַרטאָג צעעפֿנט די האַלב גרינע געשניצטע בלעטער. די גראָע און טונקל ברוינע צווײַגלעך, די אייביק מאַטע און שטויביקע, האָבן איצט אויסגעצוואָגענע פֿון נאַכטטוי, געלויכטן מיט אַ זילבערנער ליכטיקייט. דורך דער נאַכט זענען אויפֿן זאַמד, אַרום די געצעלטן, בײַ די שוועלן, אויסגעוואַקסן קליינע ריצנפֿלאַנצן; איידעלע צווײ בלעטלעך אויף אַ דין־רייטלעכן שטענגל. זיי האָבן פֿאַרדעקט אַ שטיק פֿונעם לײַוונטענעם געסל. די מענטשן האָבן אָפּט זיך אײַנגעקוקט אין די פֿלאַנצן וואָס האָבן זיך מיט יעדן טאָג געמערט, אויסגעוואַקסן אויף אומגעריכטע ערטער, ממש אונטער די מענטשישע טריט און זענען צו מיטאָג פֿאַרוועלקט געוואָרן.

פֿון די זאַמד־פֿלאַכן, וואָס בײַ זייער ראַנד האָט זיך געפֿונען די גרויסע לײַוונטענע שטאָט, האָבן אינעם פֿאַרטאָג זיך געזילבערט די הויכע גראָזן ווי אָנגעצויגענע סטרונעס.

יוטע האָט ניט איין מאָל אין די נעכט געהערט דעם וויסטן ווינטגעוואָי, דאָס טרוקענע געסקריפּ פֿון די טויטע קוסטעס און געקרעכץ פֿון פֿאַרוועלקטן ריצנבוים. זי האָט געזען אַרום זיך אַ טויטע זאַמדיקע ווײַט, אַן אָפּגעשטאָרבענע וועלט. דערנאָך, וואָס שווערער עס איז איר געוואָרן די פֿרעמדעניש, וואָס אייביקער זי האָט זיך דאָ דערפֿילט, אַלץ נענטער זענען איר געוואָרן די גראָע קוסטעס, די טראַציק־סטערטשנדיקע שאַרפֿע זילבערשטריכן.

זי איז דעם פּרימאָרגן געגאַנגען איבערן זאַמד, אַהין צו דעם אָרט וווּ מען האָט אָנגעהויבן מאַכן די ערשטע צוגרייטונגען צו בויען די הייזלעך פֿאַר די תּושבֿים פֿון די געצעלטן. אין אַ קליין הייזל וועט מען וווינען, זי וועט ווײַסע פֿאָרהענגלעך אויפֿהענגען, אַרום וועלן זיך גרינען שאָטנביימער. געטראַכט האָט זי, אַז זי איז געגליכן צו די אָפּגעבראָכענע צווערגקוסטעס וואָס דער ווינט קײַקלט ביז זיי ווערן פֿאַרפֿלאָנטערט אין דערנער. דער גורל האָט זי פֿאַרטראָגן אַהער, אינעם לאַנד וווּהין עס האָט זיך מיט פֿאָרכטיקן ציטער געריסן אַליש. אין יוטעס אויגן איז ער ניט געווען דער זעלביקער ווי אין וואַרשע. דאָס איז עפּעס אַ שאָטן פֿון יענעם יונגן מלחמה־מענטש, וואָס האָט זיך פֿון די ערשטע אַרײַנגעריסן מיט זײַן פּאָלק אין צעשטערטן וואַרשע, דאָס איז ניט דער וואָס האָט ווי אַ שטורעם דורכגעשניטן די ווײַסל, ניט דער וואָס זײַן באַשפּאָרנטער טראָט אויף די טרעפּ האָט געמאַכט אויפֿציטערן איר מיידלש האַרץ. זי איז דעמאָלט געהאָנגען אויף זײַנע שטאַרקע אָרעמס און האָט אײַנגעאָטעמט אין זיך די לופֿט פֿון דער אָפּגעפֿונענער וועלט. אַ שטאָלצע, מיט אַ קילער רויִקייט, האָט זי געטראָגן אין זיך די פֿאַרבאָרגענע שרעק פֿון יאָרן אויף דער אַרישער זײַט. אָט די אַרויפֿגעצוווּנגענקייט פֿון יאָרן איז פּלוצעם צעטאָיעט געוואָרן ווי אײַז. די צונויפֿגעצויגענע וויִעס זענען אָפֿן געוואָרן אין זייער מילדער און פֿולער שײַנקייט און יוטע איז געוואָרן ווידער דאָס לאַכנדיקע מיידל פֿון די שיינע וואַרשעווער גאַסן.

אין דעם געצעלט איז אַלץ געוואָרן אַנדערש. אַליש איז צוזאַמען מיט אַלע תּושבֿים פֿון דער לייוונטענער שטאָט געגאַנגען זוכן אַרבעט. זײַן בליק האָט אָנגענומען דעם טרויער און די באַזאָרגטקייט פֿון די שכנים. ער האָט איצט געוואָרט מיט אַ באַזונדערער הכנעה אויף יוטעס מילדקייט און גוטן בליק.

דעם טאָג ווען אַליש איז אַוועק צוזאַמען מיט עטלעכע פֿון די געצעלט־שכנים צו די בויאַרבעטן איז זי אַרומגעגאַנגען איבער די פֿאַרטריקנטע פּרדסים, איבער די זאַמדן, ביז די זון האָט זיך געשטעלט אין מיטן הימל. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר אַ קוסט, געוואָלט אָפּברעכן אַ צווײַגל. אַ פֿויגל האָט געלאָזן נאָך זיך אַ העל־גרין פֿעדערל. דערנאָך איז אַ געצוויטשערײַ געהאָנגען איבער איר קאָפּ, איבער אירע זאַנגענהאָר; דאָס איז געווען אַ טרויעריק, אַן אָפּגעהאַקט געצוויטשערײַ, אַ פֿייגל־געוויין וואָס האָט געוועקט

אין איר מילדקייט. צווישן די קוסטעס האָט זי דערזען אַ שטרויִנעסט מיט פייגלאייעלעך.

זי האָט אָנגעהויבן צו זען לעבן אַרום זיך אין דער וויסטעניש, לעבן אויף יעדער שפּאַן, אַ געראַנגל פאַרן לעבן, אַזוי ווי עס פירן די מענטשן, אַזוי ווי זי האָט עס געטאָן אין יענע טרויעריקע טעג. אַזוי ווי עס טוט איצט אַליש.

און אַז ער איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט האָט זי געוואַרט אַן אויפגעלייגטע פאַרן געצעלט, אַראָפּגענומען פון זיין אַקסל די גראָע לייוונטענע טאָרבע, מיט וואַרעמע הענט אַרומגעגלעט זיין פאַרשטויבט און מיד פנים און דורך פאַרבאָרגענע טרערן אַריינגעלאַכט אין זיינע אומעטיקע אויגן.

ג

אַליש האָט ניט גערעדט מיט יוטען וועגן זיין אַרבעט. זי האָט אויך אויסגעמיטן וועגן דעם צו פרעגן נאָר ווייט אין דער נאַכט דערציילט מיט איר קלינגענדיק קולכל וועגן אַלע אויסטערלישקייטן פון די שכנים, וועגן סעדיהן וואָס זיין אויסזען שרעקט זי שוין ניט. זי האָט אויסגעפונען, אַז ער האָט אַ פּאָר גרויסע, מילדע הימלאויגן. מענטשן, האָט זי געזאָגט, וואָס פאַרמאָגן אַזעלכע אויגן מיט אַזאַ בלאָקייט, זענען גוטע, זיי שפּיגלען אַרויס פון דער טיפעניש דאָס לויטערע האַרץ.

זי האָט אים דערציילט וועגן די ריצנבוים־פלאַנצן וואָס וואַקסן יעדן פאַרטאָג אויס ביי די געצעלט־שטעגלעך, וועגן די ברוינע זאַמדגראָזן. נאָר אַליש איז געווען פאַרטיפט אין געדאַנקען וועגן די ציילן וואָס מ׳האָט געגאָסן אויף זאַמד, אויף זיי וועט דאַרפן אויסוואַקסן אַ הויז, און מענטשן וועלן דאָרט וווינען. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס אויך ער איז פאַרמישט אינעם שווינדל ביים גראָבן די גריבער פאַרן פונדאַמענט. פאַר טאָג וועט ער אַוועק, הייסן אָפּשטעלן די אַרבעט. זאָל מען נייע ציילן גיסן און ניט בויען אַ פירשטאָקיק הויז אויף זאַמד...

ער האָט דאָס ניט געטאָן, נאָר גענומען זוכן נייע אַרבעטן.

פון יענעם טאָג אָן זענען וואָכן אַדורך. אַלישן איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין פרדסים. ער האָט אויסגעקאָרטשעט די טויטעביימער, אויסגעריסן די העל־ברוינע וואָרצלען און צונויפגעטראָגן זיי אין גרויסע הויפנס, בוים אויף בוים, צווייג אויף צווייג, מיט די לאַנגע וואָרצלען אין די הימלען אַריין.

ער האָט געלייגט נייע שאָסייען, געטראָגן שטיינער, דערנאָך געשאָטן דעם דריבנעם חצץ אויף אויסצופילן די שטיינשפּאַלטן. געאַרבעט האָט ער אַמאָל אין דער סביבה פון דער געצעלטשטאָט און אָפט אין ווייטע מקומות.

אַן אומרויִקייט האָט זיך אַריינגעבויערט אין זיין נשמה, געמאַכט האַסטיקער קלאַפּן דאָס האַרץ און ביי יעדער וואָרט האָט עפּעס אין אים אויפגעציטערט. ער האָט ניט געוווּסט פון וואַנען דער אומרויִקער האַרץ־געקלאַפּ האָט זיך גענומען.

אין איינעם פון די פרימאָרגנס איז ער אין איבערגעפּולטן אויטאָ געהאַנגען איבער אַן איינגעבויגענעם מענטשן מיט אַ צייטונג אין דער האַנט. שרייִקע גרויסע אותיות האָבן געשפּיזלט אַלישן די אויגן.

אומגעריכט, אין סאַמע מיט פון די טראַכטענישן וועגן דער אַלטער היים, וועגן די מלחמה־יאָרן, וועגן עפּעס אַ באַגעגעניש ביי דער ווייסל — איז אים געקומען אין זינען דאָס גרויסע הויזביים ים, דאָס הויכע, דאָס פּילשטאַקיקע.

ווּוינט מען שוין דאָרט?.. איז עס שוין אויסגעענדיקט?..

דער אָטעם האָט זיך אין אים פאַרהאַקט. אַ לייכטער קאַפּשווינדל. אַ רייל בויגט זיך... וויגט זיך...

דער אויטאָ האָט זיך אַ טרייסל געטאָן ביים ראַג. די פאַרערס האָבן זיך צונויפגעשטויסן איינער מיטן צווייטן.

— וואָס פאַראַ נייס איז היינט אין דער צייטונג?

ער האָט זיך בעענטער צוגעבויגן צום פרעמדן. יענער האָט אַ קנייטש געטאָן די צייטונג און אַריינגערוקט זי אין טאַש.

— אַראַבער האָבן געשאָסן ביי דער גרענעץ... אין ירושלים...

דער פרעמדער האָט אים די ווערטער אַ וואָרף געטאָן אַזוי ווי מען וואַרפט ניקלס און געמאַכט זיך אַ וועג צום טיר פון אויטאָ.

אַליש האָט פרייער אָפּגעעטעמט. ער האָט דערשפּירט אַ פאַרלייכטערונג, אַ רויִקייט. ער האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַר וואָס האָט אים די תשובה פון פרעמדן באַרויִקט.

ווידער זענען פאַרביי עטלעכע טעג זינט יענעם פרימאָרגן אין אויטאָ. אין די פאַרנאַכטן האָט ער מיט יוטען שפּאַצירט ווייט פון געצעלטגעסל.

זי האָט שוין געקאָנט איטלעך גרעזל אוןביימל. און געדוכט האָט זיך, אַז אַלץ אַרום איז מילד געוואָרן צו איר. מיט אַ פרישער ברוינקייט איז באַדעקט געוואָרן איר פּנים. פאַרשאָטענע קוואַלן פון ליבשאַפט צו די גראָזן, צו די ווייטן האָבן זיך געעפנט אין איר. זי האָט ניט געוווסט פון וואַנען די ליבשאַפט קומט. נאָר זי האָט איר געשפּירט אין אירע אָדער־געפעסן. אין די ערשטע טעג האָט די גאַקעטע ווייטקייט זי געשראָקן. שפּעטער פלעגט זי זיך איינהערן אין דעם פויגל־געזאַנג, אין דעם ווינטגעוואָי צווישן די קוסטעס; און ווען אַליש, דער שטאַרקער אַליש, איז געוואָרן מיד, אומרויִק, אומבאַהאָלפן, האָט יוטע ניט באַדויערט מער איר ווייִנען אין געצעלט, און איז גרייט געווען פון איצט אָן צו טראָגן מיט ליבע דעם שווערן לעבנס־עול.

אין איינעם פון די האַרבסטטעג איז אַליש פריִער אַרויס פון דער היים, און אָנשטאָט צו דער אַרבעט, איז ער אַוועק צום געסל ביים ים. ער האָט נאָר געוואָלט אַ בליק טאָן אויפן הויז, סתּם אַזוי אויס נייגעריקייט. ווויִנען שוין דאָרט מענטשן? ווי הויך איז דאָס הויז? וואָסער פאַרצוימונג האָט עס, וואַקסן שוין ביימלעך אַרום?...

די שאלות זענען געווען נאָר לפּנימדיקע. ניט אין דער פאַרצוימונג איז אים געגאַנגען און ניט אין די ביימלעך אַרום הויז. ער האָט געוואָלט פאַרריידן זיך אַליין, פאַרטומלען די גרויסע אומרויִקייט.

— גיין, נאָר אַ קוק טאָן. דערנאָך וועט ער מיטן אויטאָ נאָך באַווייזן צו דער אַרבעט. אפשר וועט ער פאַרשפּעטיקן אויף אַ שעה אָדער אַ האַלבער שעה, וועט ער אָפּאַרבעטן און בלייבן דערנאָך לענגער.

וואָס נעענטער ער איז געקומען צום ים־געסל אַלץ געשפּאַנטער איז ער געוואָרן. אַ קליין שלייפאָדערל האָט גענומען שלאָגן ווי דאָס טיקטאַקן פון אַ זייגער־פּרוזשינע.

דאָרט, ווו דער ליידיקער בוי־שטח איז געווען, איז איצט געשטאַנען אַ שיינע געביידע מיט ליכטיקע פענצטער. ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ צו די הויכע שטאָקן, צו דער ליכטיקייט וואָס האָט געשלאָגן פון די ווענט, צום בלאָען בלענד פון די שויבן־פענצטער — און געוואָלט שנעל צוריק גיין צום אויטאָ; נאָר זיין בליק האָט זיך פּלוצעם אַ גליטש געטאָן לענגאויס די פאָדערשטע ציילן וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן דעם גאַנצן פּראַנט פון דער

געביידע. ער האָט אַ צוק געטאָן מיט די ברעמען, זיך איינגעקוקט אין דער ווירעדיקער גלייכקייט זייערע, און דערזען די שווערע שטאָקן וואָס ליגן אָנגעשפּאַרט אויף זיי...

ער האָט געזוכט אַ ריץ, אַ שפּאַלט, אין די ציילן... און ניט געפונען. עפּעס אין אים האָט שטיל גערעדט: — מען קאָן דערווייל ניט זען... דער טינק איז נאָך פריש...

אַ לאַסטוואָגן איז אָנגעלאָפן און שטיינגעבליבן. עמעצער האָט געטראָגן צוויי שווערע וואַליזעס און פאַרהאַלטן זיך ביי אָלישן. ער האָט געוואָלט, דער פרעמדער מענטש פון לאַסטוואָגן, אַז אָליש זאָל אים פּלאַץ געבן כּדי ער זאָל קאָנען דורכגיין דורכן גאָרטנטירל.

— איר זוכט דאָ עמעצן?

— ניין, איך... איך... האָט אָליש אָנגעהויבן צו שטאַמלען.

דער פרעמדער האָט אַוועקגעשטעלט די וואַליזעס. פון לאַסטוואָגן איז אַראָפּ אַ קליין מיידעלע מיט אַן אויסגעשטאָפּטן בער אין די הענטלעך און גענומען זיך וויגן אויפן גאָרטנטירל.

— איר קלייבט זיך דאָ אַריין? — האָט אָליש אומדרייסט אַ פרעג געטאָן.

דער פרעמדער, האָט פאַרחידושט אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען, אַ קוק געטאָן אויפן מענטש אין די אָפּגעטראָגענע און פאַרקאַלכטע קליידער.

— יאָ. איר זעט דאָך!

— אין פראָנט דירה? — איז אָליש ניט אָפּגעשטאַנען מיט זיינע פראַגן; און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער האָט ער אַ זאָג געטאָן: איך האָב דאָ געאַרבעט ביים הויז... ביים גיסן די ציילן... אַ שווייס האָט אים אַ שלאָג געגעבן אין פּנים און גרויסע טראָפּנס זענען שווער געהאָנגען אויפן שטערן.

דעם פרעמדנס אויגן זענען היימיש און פריינדלעך געוואָרן. ער האָט זיך צעשמייכלט.

— זאָל זיין מיט מזל, — אָלישעס קול האָט געקלונגען פרעמד, זיין האַנט האָט דערביי אַ גלעט געטאָן דעם מיידעלעס קעפּעלע און זיך פאַר־האַלטן ביי דער גרויסער זיידענער שלייף אין אירע האָר. — איז ניט

בעסער אַ קליין הייזל ניט ווייט פון שטאָט... מיט אַ גערטנדל... מיט גרינס... אַליין... ווייט פון טומל און גערויש...

אֶלישעס בליק איז ווידער העגגען געבליבן אויף די זיילן. גראָד איצט האָט ער דערזען, אַז זיי זענען אַ ביסל אויסגעבויגן, אַז זיי זינקען איינעם זאַמד...

צו דער אַרבעט איז ער געקומען ערשט אין האַלבן טאָג. ער האָט שוין מער ניט געטראַכט פון דעם הויז און פלינק געטראָגן די גרויסע שטיינער לענגאויס דעם שאָסייפּאַס.

ד

דער יורה איז יענעם יאָר פּרי אויסגעפאַלן. קאַלטע ווינטן האָבן זיך אַריינבאַקומען דורך די געצעלט־שפּאַלטן, זיי האָבן געלאָשן די נאַפטקאַ־נעצלעך. שאָטנס זענען געשפּרונגען אויף די לייוונטן און געפאַלן צום ערדדיל. די געמויערטע הייזלעך, וועלכע מען האָט צוגעזאָגט צו ענדיקן ביז האַרבסט, זענען ניט פאַרענדיקט געוואָרן; די מענטשן האָבן מיט פּחד געוואַרט אויפן מלקוש וואָס וועט קומען מיט זיין ווילדן רעגנגעפויק אין די לייוונטן, מיט די שטורעמדיקע ווינטן וואָס קאָנען אַוועקטראָגן דעם געצעלט, אַוועקשליידערן און איבערלאָזן די מענטשן אונטער די בלויע, נאַקעטע הימלען. די אויסגעטריקנטע ערד וואָס האָט די ערשטע וואַסערן איינגעזאַפּט איז מיט אַ מאָל געזעטיקט געוואָרן. דאָס געסל איז פול געוואָרן מיט גרויסע קאַלוזשעס. די צעוויקטע געצעלטשטריק האָבן נאָכגעלאָזן און די לייוונטן זענען געהאָנגען איבער די מענטשישע קעפּ, אָט אָט אַראָפּ־צולאָזן זיך ווי דער סיני־באַרג פון אַמאָל, אַמאָל...

יוטע האָט באַקומען אַרבעט אין קינדער־גאָרטן. אין די פרימאָרגן־שעהן האָט זי געזאַמלט די קינדער פון די געצעלטן און זיי געפירט צום הילצערנעם באַראַק. זי האָט געהאָלפן דער לערערין, מיטגעזונגען די קינדער־לידער, געפּאַטשט צוזאַמען מיט זיי אין די הענט, דערנאָך פאַרגרייט וואַרעם געקעכטס.

דער פאַן זיגמונט איז שוין מער ניט געפאָרן קיין תל־אביב. פון די אַלטע באַקאַנטשאַפטן איז גאָרניט אַרויסגעקומען, ער האָט איצט געטראָגן צוויי קאַנען מילך, געוואָרן דער מילך־פאַרטיילער. זיין טונקעלער אַנצוג

מיט די אויסגעפּרעסטע הויזנקאַנטן איז געוואָרן אָפּגעטראָגענער. אויך איז זיגמונט געוואָרן שטאַרק געעלטערט, האָט זיך מער ניט ראַזירט יעדן טאָג, און אין זיינע געשפּרעכן האָבן זיך אַריינגעריסן יידישע ווערטער. ער האָט שווער געראַנגלט זיך, ניט געוואָלט זיין דער אייגענער וואָס פאַר דער מלחמה — אַן אַנגעשטעלטער אין אַ שניטקראָם. אויך דאָ, אינעם נייעם לאַנד, האָט ער ווייטער געוואָלט זיין אויף דער „אַרישער זייט" אַן אויסבאַהאַלטענער, כאָטש ער איז דאָ ניט געווען אין קיין שום סכנה, געוואָלט ווייטער אָנגיין ווי דער „פּאַן סענדזשאַ זיגמונט", אַזאַ ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר די גויים אין קראָקע, פאַר די אַלערליי שענקערס, פריזירערס און קליינע באַ־אַמטע, מיט וועלכע ער האָט געטרונקען און געמאַכט אַ קערטל. אַזאַ איז ער אויך פאַרבליבן אויך נאָך דער מלחמה, ביז ער האָט גענומען די מילכקאַנען אין די הענט אַריין... מיט דעם טאָג איז ער געוואָרן אויס פּאַן סענדזשאַ זיגמונט פון דער „אַרישער זייט" און האָט זיך צוריקגעקערט צום אַמאָליקן זיגמונט, דעם היימישן, דעם פּשוטן.

סעדיה האָט אַרום געצעלט צונויפגעזאַמלט פון דער נאָענטער סביבה הויפנס פאַלמעבלעטער און געפלאָכטן פון זיי קיישלעך, זעק און שטריק־קאַנאַטן. די קיישלעך האָט ער געפאַרבט מיט אייקאַליפּט־זאַפט. זיי זענען געווען שיין געפלאָכטן, און סעדיה האָט באַקומען אַ שם ווי אַ מענטש מיט גאָלדענע הענט. יוטע האָט גרויס אָפּשיי באַקומען פאַרן שכן. זי האָט אַלעמען געקענט, און אַלע האָבן זי געקענט. די מאַמעס האָבן מיט ברכות פאַרטרויט איר זייערע קינדער און אויסגעזונגען זייער לויב פאַר יוטען מיט האַלדז־ניגונים.

אין אַ רעגנדיקן פאַרטאָג האָט אַליש פּלוצעם ווידער דערזען דאָס שיינע, ווייסע הויז ביים ים־געסל מיט די פאַרזונקענע זיילן און אין אַן אָפן פענצטער — דאָס מיידעלע מיט דער זיידענער שלייף אין די האָר. די זעונג איז פאַרשוווּנדן ווי נאָר דער אויטאָ האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבער די שטילע פרימאָרגן־געסלעך פון דער שטאָט. דער אומרו אָבער איז געבליבן. זיינע שוואַרצאַפּלען זענען געוואָרן טיפער און געשאָטנט מיט טרויער און שרעק.

— אַ פירשטאָקיק? — האָט אַ דיקער מענטש אַ פרעג געטאָן בײַ אַ פּרוי.

— װען איז עס געשען?

— אין דער נאַכט.

— מען װײס שױן די צאָל פאַרשאָטענע? — האָט זײַטיק געפרעגט אַ מענטש אין כאַקי־קלײדער בײַ די אַרומיקע.

אָליש האָט דערפילט אַ ציטער אין די געלענקען. דאָס אָדערל בײַ דער לינקער שלײף האָט גענומען האַסטיק שלאָגן. ער האָט זיך געקלאָמערט אָן אױטאָ־הענגער כּדי ניט אומצופאַלן. אים האָט זיך געדוכט, אַז אַלע קוקן אױף אים. דערנאָך איז געהאָנגען אַ געדיכטע שװײגעניש. ער האָט שױן בעסער געװאָלט מען זאָל רײדן, מען זאָל פרעגן. פאַר װאָס די פּלוצעמדיקע שטילקײט?

און אפשר איז דאָס ניט געשען דאָרט, בײַם ים. דאָס הויז איז דאָך נײַ, די זײַלן שטאַרק, זיצן געבױג טיף. נײַן. עס האָט ניט געקאָנט אײַנפאַלן און פאַרשיטן אונטער זיך... די װענט זענען פון בעטאָן, די זײַלן מיט אײַזן, — נײַן, נײַן, האָט אָליש אַלײן זיך באַרויִקט.

— פאַר װאָס קוקן די מענטשן אױף מיר? בין איך טאַקע אַזױ בלײך געװאָרן?

ער האָט זיך אַ בױג געטאָן צו דער פרױ.

— זײַט מוחל, האָט ער מיט אַ געבראָכן קול געפרעגט. — אױף װעלכער גאַס איז דאָס געשען? — ער האָט געװאָלט פרעגן אױף װעלכער גאַס איז דאָס הויז אײַנגעפאַלן, נאָר ער איז ניט בכּוח געװען אַרױסצו־ברענגען דאָס װאָרט פון מױל. ער האָט זיך אַ װײג געטאָן, זײַנע הענט האָבן זיך געקלאַמערט אין חלל, געזוכט אַן אָנהאַלט.

— אין יפו, אין אַראַבישן פערטל...

ער האָט געדאַנקט פאַרן ענטפער. דערנאָך איז אים באַפאַלן אַ מידע און הױלע רויִקײט, אַ גלײַכגילטיקײט און פאַרלײכטערונג. ער האָט דעם טאָג אַ סך געפּלױדערט בײַ דער אַרבעט, געװען אױפגעלײגט. יוטע האָט אין אָװנט געפילט די ענדערונג אין אים, זי האָט אים נאָך לאַנגע חדשים דאָס ערשטע מאָל דערזען אַ שמײכלענדיקן.

אַרום האַלבענאַכט איז דער אומרו װידער צוריקגעקומען מיט פאַר־

טייעטע קעצישע טריט. אינעם שאָטנגעקנויל פון נאַכטיקן געצעלט האָט זיך אויבן, ביים געצעלטקנופּ, אַריינגעריסן אַ דינער און טרויעריקער לבנה־ פּאַס און איז געפאַלן אויף יוטעס פּנים.

פאַר וואָס האָב איך זיך היינט אַזוי דערפרייט? פאַר וואָס... דערפאַר ווייל דאָס הויז איז איינגעפאַלן אין יפו? און אַז מאָרגן וועלן איינפאַלן הייזער אין אַ צווייטן אָרט, וועט דאָס מיך ווידער פרייען, ווייל יענץ הויז אין ים־געסל שטייט, איז גאַנץ?...

ה

אין אַ פינצטערער ווינטערנאַכט האָט אַליש אויפגעוועקט אַן אימ־ פּעטיקער רעגן־געפּויק. שווערע טראָפּנס האָבן געקלאַפּט איבערן קאָפּ, געקייקלט זיך משונהדיק איבער דעם שיפּן לייוונטדאַך און געפּלעסקעט אַרום דער געצעלט־קאַנאַווע. דער ווינט האָט זיך געוויקלט אין די לויז געוואָרענע שטריק און געטרייסלט די ווענט. אַ וויסטער שאַקאַלן־געוויין האָט זיך געטראָגן פון די זאַמדפלאַכן. ער האָט מער ניט געקאָנט פאַרמאַכן די אויגן. דער רעגנגעפּויק האָט אים געהעמערט אין די שלייפן. ער האָט געפּרוווט איבערדעקן זיך מיט דער קאָלדרע, אָבער דער רעגנפּליוך האָט, ווי אַ ווערבל־קלאַפּעריי אויף אָנגעצויגענע טויטע פעלן, זיך אַריינגעריסן אין אַלע ווינקעלעך פון געצעלט.

יוטע איז אַ מידע פון דער אַרבעט געלעגן איינגעקנאָדערט און פאַרהילט. אַליש האָט אָנגעטאָן די שיך, אַרויפגעצויגן די קליידער און איז אַרויס פון געצעלט. די געצעלטן זענען נידעריק געוואָרן אין דער רעגנדיקער נאַכט, און זיך איינגעקנוילט.

אַליש האָט לאַנג געפּלאָנטערט זיך אַרום די געצעלטן און ניט געקאָנט אַרויס פונעם שאָטנקרייז. ער האָט אָנגעהויבן לויפן, געשפּרונגען איבער קאַלוזשעס, געגראַזניעט אין בלאָטעס, געפאַלן און ווידער געלאָפן. שאָטנס האָבן אים געיאָגט, עמעץ האָט אים גערופן ביים נאָמען, געשריִען אין דער נאַכט אַריין: אַליש... אַליש!...

אין שפּעטער נאַכט האָט ער דערגרייכט די שטאָט. ער איז געלאָפן איבער די האַלב באַלויכטענע געסלעך, געלאָפן מיט דעם אימפּעט פון אַ

בעל־חי, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון געשפּאַן. אַ פּאַרשפּעטיקטער דורכגייער האָט זיך מיט גרויס חידוש אָפּגעשטעלט און נאָכגעקוקט דעם לויפנדיקן מענטש אין מיטן דער נאַכט.

אַרום ים־געסל איז געווען שטיל. דאָס הויז האָט זיך דערהויבן אין דער נאַכט מיט גרויסע זיילן און טונקעלע פענצטער. פון איין פענצטער איז געפאַלן אַ מילד־בלאָלעך ליכט. אָליש איז געשטאַנען אין שאָטן פון די זיילן און זיך איינגעבויגן, איינגעיאָזשעט. צו זיינע אויערן זענען דערגאַנגען ווייטע קלאַנגען פון אַ קלאַוויר. די קלאַנגען זענען געקומען פון דעם איינציק־באַלויכטענעם פענצטער מיטן בלאָען ליכט. זיי זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל דייטלעכער, די קלאַווירטענער, און האָבן אים אַריבער־געטראָגן אין אַ היימיש דאָרף אין זוניקן פּאַרטאָג... אַ באָרוועסער פּאַסטעך טרייבט די שאָף... דערנעבן שטראָמט אַ טייכל...

ווער שפּילט דאָס אין דער נאַכט? ווער האָט עס אויסגעכישופט ביים ברעג פון טרויעריקן ים, אין דעם הויז וואָס דאַרף איינפאַלן, אַזאַ זוניקע רויִקייט?

און אָליש האָט זיך צעלאַכט מיט אַ הילכיק געלעכטער, מיט אַ גרויליק קאַלט געלעכטער וואָס האָט ווי אַן עכאָ געקייקלט זיך פון געסל צו געסל, ביז דער ים האָט עס אַריינגענומען אין זיינע צעשטורעמטע כוואַליעס.

ביים ראַנד פון מידבר

א

מידרע איז געגאַנגען מיטן קעמלוועג און געזוכט אַ פּאַרלאָזענעם ברונעם. די דאָרנקוסטעס לענג אויס דעם וועג זענען וואָס אַ מאָל נידעריקער געוואָרן. אַ גראָער סטעפּנהאָר האָט געצאַפּלט אין מילדן פּאַרנאַכטיקן ווינטל ווי פּאָדעמצויטן פון צעשליסענע און אָפּגעבליאַקעוועטע מלבושים.

אַ זילבערדיקער זאַמדהאָבער מיט ליידיקע פּלעווע האָט געליכטיקט אַנטקעגן דעם זונפאַרגאַנג פון צווישן די דאָרנביימלעך אַרויס מיט לאַנגע שטרויען ווי זאַמד־אַרויסשטראַלונגען. מיט אַ מאָל האָט דער זאַמדוועג זיך אַ בויג געטאָן רעכטס. מידרע האָט געוואָלט ווייטער שפּאַנען, נאָר פּאַר אים האָט זיך אַנטפּלעקט אַ גרויסער און ליכטיקער זאַמדפלאַך. דאָס וועגל האָט זיך אויפגעלייזט אינעם העלן זאַמד, די דאָרנקוסטעס, די פלעכטגראָזן און דער זאַמדהאָבער זענען צעשאָטן געוואָרן איבער דער פלאַך, און די נידעריקע בערגל־פּאַרוואַקסענישן האָבן אויסגעזען ווי האָרוואָרצלען אויף אַ ליכטיק לייב.

הינטער זיך האָט מידרע געהאַט די טרוקענע פּרדסים פון פּאַרלאָזענעם דאָרף יאַזור מיט די פּאַרקראַמפּטע טויטע ביימערשפּיצן, אַ ביסל ווייטער — דאָס מעטשעט־בערגל מיטן ליימיקן הייזער־געקנויל און העכער איבער זיי — די מירמלנע ווייטענישן פון די הרי־יהודה.

אים האָט אָבער געצויגן אינעם מידבר אַריין. זיין טרויעריקער בליק איז געהאַנגען אויף די צעקאָרבטע זאַמדבערגלעך, צעכוואַליעטע פון ווינטן, אויף דער אין־סופיקער פלאַך וואָס איז צעשניטן פון טויטע וואַדיס.

פון ערגעץ ניט ווייט, ביים ראַנד פון זאַמדפלאַכן, האָבן אַ שאָטן געטאָן צוויי גרויסע ביימער און צווישן אַ גרינער פּאַרוואַקסעניש האָבן

זיך אַרויסגעזען ליימיקע ווענט. מידרעס אויגן־אַפּלען האָבן אַ טונקל געטאָן ווי דער שפּיגלפלאַך פון אַ ברונעם.

צווײ ביימער מיט נאַקעטע וואָרצלען ביים מידבר־ראַנד. דער זוניקער בראַנד האָט ניט געקאָנט צעשמעלצן די קילע שאָטנס, דער מידבר־ווינט האָט זײ ניט געקאָנט אָפּרייסן פון שטאַם. זײ זענען דאָ געבליבן ביי טאָג ווי אַ בלאָער וואָלקן פון די ווייטע טאָלן, און אין די נעכט האָבן זיך די ביימער־שאָטנס צעשפּרייט איבער די קילע פּלאַכן.

מידרע איז לאַנג געשטאַנען אָן איבערגעבויגענער איבער דער ברונעם־טיפעניש און איינגעאָטעמט אין זיך די וואַסער־קילקייט וואָס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון דעם פאַרהוילענעם ערד־אינגעווייד.

דאָס הייפל איז געווען אַ קליינס, מיט איינגעפאַלענע ליימיקע ווענט. ביי דעם ברונעם מיטן געוועלבטן דאַך האָט זיך געפונען אַ ליימשטיבל. מידרע איז ביז שפּעט אין אָונט געזעסן אויף דער שוועל מיטן פּנים צו די גרויסע אייקאַליפּטן וואָס זענען געשטאַנען מחוץ דער פאַרצוימונג, נאָר זייערע שאָטנפלעקן זענען געפאַלן אין הייפל. געטראַכט האָט ער וועגן אויפלעבן דעם פאַרלאָזענעם ברונעם, וועגן די אייקאַליפּטן, וועגן דעם טאָל דערנעבן מיט דער רויטלעכער ערד, וועגן די פאַרטריקנטע געוויקסן מיט די זילבערנע שטעכערס. אים איז גוט געווען אין דער וויסטעניש.

די מענטשן מיט וועלכע ער איז געקומען אַהער, אין ליידיקן אַראַבישן דאָרף, האָבן זיך באַזעצט אויפן מעטשעט־בערגל, אין די וויקלגעסלעך.

מידרע האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן ווייט פון מענטשן, אַפילו אויף דער שיף. האָט ער זיך ניט אַריינגעלאָזט אין געשפּרעכן, ניט געענטפערט אויף פראַגן. זיינע גראָע אויגן זענען פול געווען מיט אַ פאַרהוילענעם טרויער.

מען האָט אים אויסגעמיטן. ביי טאָג איז ער געזעסן אויף דער שיפדעק און זיינע אויגנווייסלען האָבן אומרויִק געצאַפּלט ווי דער שוים פון בערגלדיקע כוואַליעס.

— ווער איז ער — דער אויסטערלישער שווייגער?

קיינער האָט ניט געוווּסט ווער מידרע איז, פון וואַנען ער קומט, און ווו ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה־יאָרן.

און אַז מען האָט די שיפמענטשן געבראַכט אין דעם פרעמדן דאָרף, איז

שוין קיין חידוש פאַר קיינעם ניט געווען וואָס דער מאָדנער מענטש האָט אַ שווייגנדיקער אַוועקגעשפּאַנט מיט דעם קעמלוועג, ביז ער איז דערגאַנגען צום ראַנד פון די גרויסע זאַמדפלאַכן.

מידרע איז שוין פאַרבליבן ביי דעם ברונעם איבער נאַכט. פאַר טאָג וועט ער גיין אָפּנעמען זיינע זאַכן, וואָס מען וועט זיי ברענגען פון דער שיף. ער האָט צונויפגענומען טרוקענע גראָז, צעשפּרייט זיי אויף דער ערד און אויף אַ ווײלע אַרויס צו די צוויי ביימער.

די נאַכט איז צוגעפאַלן אומגעריכט. אַ גרויסער אָנגעגליטער זונקיילעך האָט אונטערגעצונדן די זאַמדגעוויקסן, די דאָרנקוסטעס האָבן אויפגעפלאַמט און זענען פאַרלאָשן געוואָרן. דער אָנגעגליטער זאַמד איז פול געוואָרן מיט ניט־דערברענטע ברוינע האָלאָוועשקעס.

מידרע האָט געזען, אַז די אָפּגעשיילטע אייקאַליפּטן זענען אויסגעצ־בויגן צום מידבר, די צווייגן — פאַרקראַמפּט, די וואָרצלען — באַקעט, פאַרפלאָנטערט, פאַרקניפּט מיט וואָרצל־פעדעם. און אַרום זיי אַ נאַקעטער קיילעך פון לויטערן זאַמדשטויב.

דער מידבר־ווינט האָט אַוועקגעטראָגן פון אונטער זייערע וואָרצלען די זאַמדן און זיי צעשאָטן איבערן רויט־ערדיקן טאָל, דער מידבר האָט געוואָלט אויסשפּרייטן זיך, פאַרנעמען שפּאַן נאָך שפּאַן, גיין ווייטער און ווייטער ביז צו די גרינע גערטנער פון טאָל. זיין זאַמדשטויב האָט זיך געטראָגן אין ווינט ווי זונשפּליטערלעך, די שטויבעלעך האָבן פאַרדעקט די ערשטע גראָז־אַרויסשפּראָצונגען, זיי זענען געהאַנגען אויף די טויטראָפּנס און זיי אויסגעטרונגען מיטן זאַמדיקן דאָרשט. דער סטעפּנהאָר איז פאַר־שאָטן געוואָרן מיט הויפנס ליכטיקן זאַמד. די בלעטער פון ווילדוויין זענען געלעגן צוגענאָגלטע צום זאַמדפלאַך האַלב פאַרשאָטענע. דער זאַמדשטויב איז אַריין אין די שפּאַלטן פון אייקאַליפּט, אַריינבאַקומען זיך אין האַלצלייב און געטרונקען פון דאָרט די לעצטע ביימערישע זאַפטן. נאָר די צוויי אייקאַליפּטן האָבן זייערע וואָרצלען טיפער און טיפער געשלאָגן אינעם זאַמד אַריין. וואָס מערער דער מידבר־ווינט האָט אַוועקגעטראָגן דעם זאַמד פון זייערע וואָרצלען און אַנטפּלעקט זיי פאַרן שיין פון טאָג, אַלץ מערער האָבן די וואָרצלשפּיצן זיך געגראָבן אין דער טיף צו די ערדישע קוואַלן.

בלעטער, צעקנאָדערטע און צעשפּאָלטענע, ווי פּאַראַיאַריקע קאָרע־

שפּליטערס זענען געהאָנגען אויף די צווייגן. אַ גרויס געראַנגל איז דאָ פאָרגעקומען. אַ שטילער און שווערער פּאַרמעסט צווישן מידבר און בוים. געבליבן איז דער בוים, ער האָט מיט זיין בלעטערדיקער גראָער קרוין און צעשפּרייטן געצווייג איינגעהאַלטן דעם גאַנג פון מידברס זאַמדן. די זאַמדן זענען געבליבן ליגן באַזיגטע ביי די וואָרצלקנופּן און האָבן ניט געקאָנט פאַרשיטן דעם טאָל.

ווער זענען געווען די וואָס האָבן פאַרפלאַנצט די ביימער ביים ראַנד פון מידבר? ווער האָט די ערשטע אַרויסשפּראָצונגען זייערע באַוואַכט פון די צעגליטע זאַמדן וואָס פאַרברענען מיט זייער אָטעם דעם יונגן אַרויסשפּראָץ? ווער האָט דאָ געוווינט ביי דעם אַלטן פאַרלאָזענעם ברונעם? ווער האָט עס זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם מידברס בראַנד, דעם מידברס זאַמדאָטעם?

אפשר האָט אַ וואָגלער ניט געפונען דעם ווייטערדיקן וועג, געבליבן דאָ אויף אייביק און זיינע ביינער רוען אין זאַמד? אפשר איז ביי אַ קעמל־רייטער געפאַלן זיין קעמל און ער איז געבליבן אינעם מידבר־ים אָן זיין מידבר־שיף און דער דאָרשט האָט אים געפירט צו דעם אַלטן ברונעם און דאָ האָט ער שוין זיין היים געמאַכט?

אפשר איז עס אַזאַ מענטש ווי מידרע געווען, וואָס איז ביי נאַכט אַנטרונען פון די יפוער ים־געסלעך, אַוועק פון דער היים און געלאָפן איבער די נאַכטיקע וועגן ווי אַ געיאָגטער וועמען קיינער יאָגט ניט נאָר דער אייגענער אומרו?

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מידרע אַרומגעוואַנדערט איבער די זאַמדן. ער איז אין לבנה־ליכט געגאַנגען נאָך די קליינע זאַמדשפּורן, זיי האָבן אים געפירט פון קוסט צו קוסט, פון בערגל צו בערגל, זיי האָבן זיך געוויקלט און זענען פאַרשוווּנדן ערגעץ ביי די זילבערדיק גראָע נאַכט־קוסטעס, אָדער פּלוצעם זענען זיי אָפּגעהאַקט געוואָרן אין מיט פון אַ זאַמד־אָנשיט — פון דאַנען האָט דער מידבר־פויגל זיך אַ הייב געטאָן אין די טונקעלע הימלען אַריין.

ערגעץ ניט ווייט האָט אַ בליאַסק געטאָן מיט אַ ווייסער טויטקייט אַ קינבאַקביין — דער לעצטער סימן פון אַ פאַרצוקטער באַשעפעניש. אַ וואָרצל־פאָדעם האָט געפלאָטערט אין ווינט און פון ווייט האָט זיך געטראָגן דאָס קול פון עם נאַכטקוויטשער. דער פויגל איז אַנגעלאָפן פּלוצעם,

געפּאַטשט מיט די צעשפּרייטע פליגל, אויפגעהויבן אַ שטויבוואָלקנדל און איז שטיל געוואָרן.

מידרע האָט באַטראַכט דעם פויגלס קאָפּ, די ווייס־שוואַרצע פליגל־שטרייפן. דערנאָך האָט דער פויגל זיך אויפגעהויבן, געקרייזט איבער מידרען און מיט אַ שאַרף געשריי געפלאַטערט צו די האָריזאָנטן.

ער איז געשטאַנען ביים צעטראָטענעם זאַמדשפּור, ווו עס האָט זיך אַראָפּגעזעצט דער פויגל און ער האָט געשפּירט ווי דער פויגל־געשריי האָט זיך אַריינגעזעגט אין זיינע שלייפן.

יענע רגעס פאַר וועלכע ער איז אַנטלאָפן זענען אים אויף ס'ביי באַפאַלן, זיי האָבן ווי מיט פויגל־שנאָבלען געפּיקט אין זיין שאַרבן. דאָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַנטלויף פון אַ באַפאַלענער חיה וואָס וויל אַנטריגען פון אירע אייגענע שפּורן אין זאַמד און קאָן זיך פון דער ערדפלאַך ניט אָפּרייסן.

ב

מידרע האָט ניט געקאָנט פאַרגעסן יענע לאַנגע חדשים, ווען ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אויף דער אַרישער זייט. — — — אָט גייען זיי הינטער זיינע פּלייצעס, די צוויי ציוויל־געקליידטע דייטשן. זיי גייען פּאַמעלעך טראָט נאָך טראָט, און פאַר זיי גייט ער, מידרע. מענטשן גייען אים אַנטקעגן; אָט גייט אַ פרוי מיט אַן איינקויף־קיישל, אָט גייט אַ יונג מיידל, אָט גייען אַרבעטער פון דער דערביייִקער פאַבריק. מידרע פילט אויף זיין רוקן דעם שטעכיקן און מאָנענדיקן בליק פון די געהיימע באַגלייטער.

ער גייט, דעם קאָפּ אויפגעהויבן. ער באַמיט זיך, אַז זיין בליק זאָל קיינעם ניט פאַרהאַלטן. די אויסבאַהאַלטענע ייִדן וואָס לעבן אויף דער אַרישער זייט זאָלן אים ניט אָפּשטעלן, ניט דערקענען, ניט גריסן, ניט פּרוּוון ריידן צו אים. אַרום אים לויערט דער טויט.

זיי פירן אים, די צוויי ציוויל־געקליידטע דייטשן, טאָג נאָך טאָג איבער די גוייִשע גאַסן, כּדי צו אַנטדעקן די לעצטע באַהאַלטענע ייִדן. ביי די ראָגן שטויסן זיי אים פון הינטן. לאַנגזאַם! — סיטשען זיי דורך די ציינער.

— אָ גאָט, היינט איז קיינער ניט אַריינגעפאַלן. אָבער נעכטן? נעכטן.

זיין חבר האָט צעעפנט גרויסע אויגן. די רויטע אָדערלעך פון די אויגן־ווייסלען האָבן זיך אָנגעצונדן מיט פאַראַכטונג און שינאה ווען זיי, די געסטאַפּאָ־לייט, זענען אַריין אין טויער, און ער, מידרע האָט אַרויסגענומען פון טאַש די האַנטקייטעלעך. די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם קרבן מיט רעוואָלווערן אין די הענט און געשמייכלט.

— ער מאַכט עס גוט, דער מידרע...

זיי האָבן אויסגעקליבן מידרען פאַר זייער טייוולאָנישן פּלאַן, ווייל ווער האָט דאָ מידרען ניט געקענט? זיין צעשויבערטער קאָפּ פלעגט זיך וויגן איבער די קעפּ פון הונדערטער יוגנטלעכע. ער האָט גערעדט צו זיי, געלערנט זיי.

אין איינעם פון יענע טעג איז געשען דאָס פּאַר וואָס ער האָט זיך אַממייסטן געשראָקן. זי איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען... ער האָט פון דער ווייטנס דערזען איר וויגנדיקן גאַנג, אירע אויגן — ליכטיקע, לויטערע, די האָר פאַרקעמט אויף אַרויף. אַזאַ רויִקע שטאָלצקייט האָט געשלאָגן פון איר פּנים. ער האָט פון איר אָפּגעריסן זיינע אויגן און אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ. די הייזער האָבן זיך אַ וויג געטאָן, זי האָט אים גענומען פאַרן אָרעם.

— לעבסט? — האָט זי געשעפּטשעט.

אונטערן רוקן האָט ער דערשפּירט דעם קאַלטן שוידער פון שטאָל. איצט וועלן זיי צוזאַמען שטאַרבן — איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק. זיי זענען אַריין אין טויער. זייגע הענט האָבן געציטערט. דאָס האַנטקייטעלע איז אַראָפּגעפאַלן אויפן ברוק און האָט טעמפּ אָפּגעקלונגען.

זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון די דייטשן, נאָר זיי האָבן איר דעם וועג פאַרשטעלט. דערנאָך האָט זי האַסטיק אויסגעצויגן אירע הענט צו מידרען.

— שליס זיי!

אַ פייער האָט געשלאָגן פון איר יעדער גליד. זי איז געווען פול מיט פאַראַכטונג. ער האָט זיך איינגעקנוילט, איינגעשאָטנט און דאָס שפּיציקע געלעכטערל פון די דייטשן האָט ווי שרויט געלעכערט זיין שאַרבן.

וויפל מאָל מידרע איז ניט געגאַנגען דעם טויט אַנטקעגן איז ער דאָך געבליבן לעבן. ער האָט דורכגעמאַכט די לאַגערן, דורכגעריסן זיך אַ וועג

אין די וועלדער, אַרומגעגאַנגען דערנאָך פראַנק און פריי איבער די טומלדיקע מערק, אָנגעשטויסן זיך אויף דייטשן, נאָר ז י, זיין מיידל, איז אים שטענדיק אַנטקעגנגעקומען. ער האָט זי געזען אויף אַלע גאַסן.

טייערע מיינע... הער מיך אויס... נאָר איין וואָרט... ער האָט אָבער באַענט ניט געקאָנט צוקומען צו איר, ער איז טויזנט מאָל פאַרשרפהט און פאַרקוילט געוואָרן פון איר פייערדיקער שינאה. ער האָט ניט געהאַט דעם כוח צו שטאַרבן און ניט דעם כוח צו לעבן.

ג

מידרע איז געבליבן אינעם ברונעמהויף. ער האָט פון די פאַרלאָזענע שכנישע הייף געבראַכט אַלטע וואַסעררערן, פון דער ברונעם־טיפעניש גענומען אַרויפציִען עמערס וואַסער, און געהאָפט ערגעץ ווו צו באַקומען אַ וואַסער־פּאָמפּע.

אין די פאַרטאָגס איז ער געגאַנגען מיטן קעמלוועג צום מעטשעט־בערגל און געוואַרט אין דער ריי צו באַקומען אַרבעט. מען האָט אים געשיקט פאַרריכטן די שאָסייען. אין די פאַרנאַכטן איז ער צוריקגעקומען און ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן אונטער די צווייגן פון די אייקאַליפּטן, ביי דעם וואָרצל־געפלעכט, מיטן פּנים צו די זאַמדווייטענישן. אַזוי זענען עטלעכע וואָכן אַדורך. ס'האָט אים געצויגן דער גרינלעכער טאָל לעבן זיין הייזל, ער האָט געוואָלט בלייבן אין קילן שאָטן פון ברונעמהויף. ער האָט ליב געקראָגן די דאָרנקוסטעס, דעם טייוולס־פּאָדעם, ער האָט אין די טויִקע פאַרנאַכטן געאָטעמט מיט זייערע פאַרטשאַדעטע קרייטעכצער־ריחות.

פול מיט טרויער און פאַרהוילעניש איז ער אין דער פרעמדער וועלט אַריינגעקומען ווי עס קומט אָן אַ שיף אין דער נאַכט צו אַ פרעמדן ים־ברעג מיט פאַרוויקלטע מאַסטן. נאָענט איז אים געוואָרן דער לופטיקער שאָטן פון די צוויי אייקאַליפּטן. ער האָט געזען שאַרפשפּיציקע און האַרט־הויטיקע מידבר־קוסטעס, די גראָ־ברוינלעכע וואָס שפּרייטן זיך אויף דער זאַמד־טריקעניש מיט שטעכיקייט. אין די פאַרנאַכטן קומט דער רויטשנאָבל־דיקער פויגל און פּיקט אויף די האַריקע געוויקסן־ריטלעך, אַ דין וואַסער־אָדערל בעמט פון זיי טריפן און דער פויגל שטילט זיין דאָרשט.

אין זיין הייפל, ביי דער ברונעם־פייכטקייט, האָבן געלע בלעטלעך

געשפּאָלטן די ערדהייטלעך און זיך געשפּאַרט פון דאָרט מיט עקשנות, נאָר די ערשטע זון האָט זיי פאַרברענט.

שעהן האָט ער באַטראַכט דעם רויט־ערדיקן טאָל לעבן זיין הייזל. אַ גרין־געלער פאָלין האָט צעשפּרייט זיינע בלעטער, אַלערליי מיסטגראָזן זענען דאָ געוואַקסן אין דעם פאַרווילדעוועטן הפקר־פעלד, אַ בריעכץ מיט טונקל־געציינדלטע בלעטלעך, דער קריכווייץ מיט די הונדערטער קליינע זאַנגען, דאָס שלאַנגענגראָז וואָס וויקלט זיך איבער דער ערדפלאַך און דערשטיקט יעדער גרעזל וואָס ער טרעפט אָן אויפן וועג.

די וועלט פון געוויקסן איז מידרען נאָענט און אייגן געוואָרן. ער האָט זיך דערמאָנט אין די שוליאָרן, עס איז אויפגעשווומען פון זיינע נעפּל־זכרונות די היים, די ברייטע גאַס אין וואַרשע, אָט טראָגט ער זיך אויף די שטיינערנע טרעפּ פון זיין הויז, און די מאַמע עפנט אים די טיר. דער טאַטע זיצט ביי זיך אין צימער און לייענט די צייטונג.

מידרע האָט אָנגעקליבן אַ פולן הויף מיט אַלטע בלעכערנע פּושקעס, פאַרזשאַווערטע בלעכן, און אָנגעשאָטן אין זיי ערד. אין די פרייע פאַרנאַכטן האָט ער געזאַמלט די זריעה פון אייקאַליפּט, די פאַרטריקנטע פאַראַיאָריקע טייטלען פון דער טייטל־פּאַלמע, די שישקעס פון די ציפּרעסן. ער האָט פון זיי אַרויסגענומען דעם זריעה־מאָן, אויסגעזוכט אין די פאַרלאָזענע הייף אַלטע ווייַנשטאָקן און געבראַכט פון דאָרט צווייגלעך. אין די פאַרטריקנטע פּרדסים האָט ער געפונען עפּלביימער, ער האָט אויסגעגראָבן די ביישטאַ־מיקע שפּראָצונגען און זיי איבערגעפּלאַנצט אין די בלעכערנע כּלים פון זיין הויף. דעם זריעה־מאָן האָט ער צעשאָטן אין די קעסטלעך און באַגאָסן זיי מיט וואַסער.

אָפט איז ער געשטאַנען אויף די קניען אַרום די זריעה־קעסטלעך און געזען די געפּלאַצטע ערדהייטלעך. דאָס האָט די זריעה זיך צעעפנט און דער געלער אַרויסשפּראָץ האָט געשפּאַרט זיך צום ליכט. ער האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן איידעלן גרין פון ערשטן בלעטל. דעם הויף האָט ער פאַרשטעלט מיט טרוקענע צווייגן כּדי די זון זאָל ניט פאַרצערן די פּלאַנצונגען.

אין די נעכט האָט אים דער מידבר גערופן. ער האָט געשפּאַנט צווישן די טאַמאַריסקן־קוסטעס, געלאָזט שפּורן פון זיינע שווערע טריט אין זאַמד,

זיך פֿאַרפֿלאָנטערט אין די שטעכיקע קוסטעס וואָס האָבן אין דער לבֿנה־נאַכט אויסגעזען ווי זילבערנע שאָטן־אינדזלען אויפֿן ליכטיקן זאַמד. אַ צעשטאָכענער און מידער איז ער געזעסן אין זיין הייפּל לעבן די פֿלאַנצונגען און געפֿילט ווי דער פֿייערקרייז אַרום אים ווערט ענגער און ענגער. ער האָט געוואָלט זיינע הענט אויסשפּרייטן, האָט אים דער פֿייערדיקער רינג אַרומגענומען.

— אָ גאָט, זי שטייט איבער מיר, זי...

עס האָט אַ קלונג־געטאָן. די ברונעמקייט האָט אַ ציטער געגעבן און אָנגעשלאָגן זיך אין דער ברונעמוואַנט. מידרע איז אויפֿגעשפּרונגען. ער איז אַרויס צו די אייקאַליפּטן און געבליבן אין זייער באַכטשאָטן. די זאַמדיקע ווייט האָט אַן אָטעם געטאָן. אַ זאַמדמעל האָט אָפּגעשאָטן זיין פּנים. דער גומען איז אים טרוקן געוואָרן, די אויגן־ווינקלען זענען פֿול געוואָרן מיט שטויב. די אייקאַליפּט־בלעטער האָבן זיך געוויגט מיט אַ געשאָרך פֿון טריקעניש און זענען געפֿאַלן צום וואָרצל־געפֿלעכט. דער זאַמדסטעפּ האָט זיך אַ וויג געטאָן, דער פֿאַרטונקלטער הימל האָט זיך נידעריק אַראָפּגעלאָזן. דערנאָך האָט אַלץ זיך אויסגעמישט, הימל מיט ערד, בוים מיט שאָטן, זאַמד מיט קוסט. מידרע ליגט איצט ביי די וואָרצלען, דער שטאָם וואַקסט אַראָפּ־צו און אונטן איז דער הימל און ער רייסט זיך אָפּ מיט אַ שטיק שאָטן און פֿאַלט אין דער טיפֿעניש ווי אַ שטיין אין אָפּגרונט...

עס זענען אָנגעקומען רויִקע און שטילע טעג פֿאַר מידרען. די פֿלאַנ־צונגען האָבן זיך באַדעקט מיט דורכזיכטיק־גרינע בלעטלעך, די ריטלעך זענען געוואָרן שטייפֿער, די וואָרצלען האָבן שוין דערגרייכט צו די ראַנדן פֿון די בלעכן.

ער איז זעלטן געגאַנגען צו דער אַרבעט. פֿון דעם פֿאַרדינטן געלט האָט ער געהאַט גענוג צו קויפֿן אין שפּייז־געוועלבל ברויט צו דער זעט. זעלטן איז אַ מענטש זיין ברונעמהויף פֿאַרבייגעגאַנגען. קיינער פֿון די ביי־געקומענע אינעם פֿאַרלאָזענעם דאָרף איז ניט דערגאַנגען צום סוף פֿון קעמל־וועג. זיי האָבן נאָכגעקוקט דעם שמאַלאַקסלדיקן, טרויעריקן מענטש מיט די טיף אַריינגעזעצטע אויגן ווי ער שפּאַנט אין די פּרימאָרגנס פֿון שפּייז־געוועלבל צום זייטן־וועגל.

איין מאָל האָט זיך אין ברונעמהויף באַוויזן אַן אַלטער מאַן. ער איז שטיין געבליבן ביים טירל און עפּעס געשעפּטשעט מיט די פּאַרטריקנטע ליפּן. די קנייטשן אויף זיין פּנים האָבן אויסגעזען ווי די בלאַטאָדערן פון גראָע געוויקסן, די פאַלדן פון לאַנגן טונקעלן קלייד זענען געווען פאַרשאָטן מיט זאַמדשטויב. ער איז געווען שלאַנק ווי אַ פּאַלמעשטאַם, מיט גראָע שניטן און צויטן פון פּאַלמעוואָל, נאָר זיינע שיינע ליכטיק־גרינע אויגן — פול מיט גוטסקייט און מילדקייט.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי די פּאַרטריקנטע צווייגן וואָס האָבן פאַרדעקט די יונגע פלאַנצונגען פון הויף, אַוועקגעלייגט דעם וואַנדערשטעקן פון ראָרהאָלץ לעבן זיינע פיס און אַראָפּגענומען די טאָרבע פון אַקסל.

— פרידן צו דיר, פרעמדער מאַן — האָט דער אַלטער געזאָגט און אַנטפּלעקט אַ שורה ווייסע ציין.

זיינע רייד זענען געווען ווי דאָס געשאָרך פון אַ מידבר־קוסט אין ווינט. מידרע האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען, נאָר ער האָט דערפילט אַ באַענטקייט צום זקן וואָס וואָגלט איבער די זאַמדפלאַכן. ער האָט זיך איינגעקוקט אין די אַרויסשטאַרנדיקע קינבאַקן, אין דער שיטערער באָרד.

מידרע האָט אים מכבד געווען מיט אַ קאַלטן טרונק.

דער אַלטער האָט געהאַלטן די קרוג מיטן וואַסער איןביידע הענט און זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט אַ לויב. די הענט פון דעם זקן זענען געווען געל און געקאַרבט, די לאַנגע פינגער — ווי טרוקענע צווייגן. ער האָט צעוויקלט זיין טאָרבע, אַרויסגענומען פון דאָרטן עטלעכע טייטלען און זיי געגעסן.

— ווו וועסטו גיין אין דער חמימה, וואָרט ביזן קילן נאָכמיטאָג־ווינטל — האָט מידרע געזאָגט און צוגעטראָגן ברויט דעם פרעמדן. זיי זענען לאַנג געזעסן שווייגנדיק. דער פרעמדער האָט באַטראַכט דעם הויף מיט די פלאַנצן און זיין בליק האָט זיך פאַרהאַלטן ביי דער שורה בלעכערנע קעסטלעך, פון וועלכע עס האָבן געשפּראָצט שיינע האַלב־רונדיקע פּאַלמע־בלעטער.

— פלאַנץ זיי אַרום דיין הויז, די טייטלביימער. מאַך שאָטן אַרום זיך, פרעמדער מאַן, האָט דער אַלטער גערעדט, שפּרייט אויס איבער די

וויטן דעם שאָטן פון די פלאַנצן, דיביימער וועלן אויפגיין מיט רו און שטילקייט. געבענטשט וועסטו זיין און פייגל וועלן דיר אַ לויב זינגען. דעם אַלטנס אויגן האָבן דערביי אַ שימער געטאָן מיט אַ פריש־צאַפּלדיקער גרינקייט ווי דער אָפּשיין פון טויבלעטלעך.

מידרע האָט דעם וואַנדערער באַגלייט אַ שטיק וועג. פון ערגעץ וויט אויפן האָריזאָנט האָט מען געזען אַ טייטל־פּאַלמע. דער אַלטער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוויזן מיטן שטעקן.

— איר קרוין ציילט אַכט און פערציק בלעטער. די פּאַרטריקנטע בלעטער וואָס הענגען אונטער דער קרוין, דוכט זיך, איבעריקע, מיאוסע, אייַנגעקוואַרטע, שרעקן די פייגל מיט זייער געשאָרך, זיי שיצן דעם שטאָם פונעם זוניקן בראַנד און פון די קאַלטע ווינטערדיקע שטורעמס. אַזוי זענען אויך די געוויינטלעכע געננג פון מענטש, זייַנע פּשוטע און לויטערע מחשבות און גוטע מעשים באַשיצן און באַשירעמען אים.

— צו דיין שאָטן וועט קומען אַ פרוי, זי וועט איר צעפלאַמט האַרץ קילן אין דיין רויקייט, גוטער מענטש — האָט דער אַלטער גערעדט און געטרייסט מידרען. נאָר מידרע האָט אַ ציטער געטאָן, אים האָט זיך געדוכט, אַז ער־זעט פאַר זיך אַ חלום־זעונג פון די פריִע יינגלשע יאָרן.

— עס זענען דאָ אייַנזאַמע ביימער וואָס הייבן זיך אויף און שטרעקן אויס זייערע צווייגן אַנטקעגן דער זון, און עס זענען דאָ ביימער וואָס קאָנען נאָר וואַקסן אין שאָטן פון אַ צווייטן בוים. אויך די מענטשן זענען אַזוי...

דער גרויסער זונקיילעך וואָס דער טייטלבוים האָט אים אַרונטער־גענומען אונטער זייַנע צעשפּרייטע בלעטער האָט געוואָרפן זיין אָפּשיין אויפן פנים פון אַלטן מאַן.

און ווידער האָט יענער פייערדיקער רינג אַ קלעם געטאָן מידרען, און זייַנע אויגן־ווינקלען זענען איבערגעפולט געוואָרן פון טרערן.

— ווי רופט מען דיך, פרעמדער מאַן ?

— רחמים, האָט דער אַלטער געענטפערט.

רחמים האָט דערציילט מידרען, אַז ער האָט פאַרלאָזט זיין היים, דעם פייגנבוים־שאָטן, זיין ליימיק שטיבל, און איז אַוועק זוכן זיין טאָכטער זימרה.

זימרה! וועלן די אַלטע הענט נאָך צערטלען אירע שוואַרצע לאָקן? ער וואָלט איר שוין פאַרגעבן די גרויסע זינד פון אַנטלויפן, ווו איז זי איצט די טונקלפּנימדיקע, די ווייס־ציינערדיקע, די אייביק־לאַכנדיקע זימרה? גייט ער, רחמים, איבערן מידבר און זוכט אירע פוסטריט. אפשר איז זי דורך דעם וועג אַנטלאָפן מיט אחמדן? אפשר האָט זי אין דעם ברונעמהויף געלעבט, אפשר וועט ער איר קול דערהערן?

אומרויִקער איז רחמים לעצטנס געוואָרן. ער הערט זי אין די נעכט רופן, זיין האַרץ פילט איר בענקעניש, ער באַנעמט איר חרטה. נאָר ווו איז זי, די פאַרשריִענע, די פאַרשאָלטענע זימרה? ער וועט זי אַרומנעמען מיט די אַלטע הענט און צודריקן צום האַרצן.

ער הערט: דער מידבר־זאַמד סקריפּעט — זימרה; די פייגל רופן — זימרה, און דער ווינט טראָגט אין די נעכט רחמימס געבעט צום באַרעמ־האַרציקן גאָט פון די אבות, ער זאָל עפענען דאָס האַרץ פון זיין טאָכטער און איר צוריק באַקערן צום פאָלק ישׂראל.

רחמים איז אָפּט געקומען צו מידרען. ער פלעגט בלייבן איבער נאַכט אין הויף. אין די פאַרטאָגס פלעגט ער העלפן שעפּן וואַסער פון ברונעם, זיי האָבן באַפייכט די פלאַנצן, דערנאָך פלעגט ער אַוועק און קומען ערשט אין די מיטאָג־שעהן מיט אַ פולער טאָרבע פאַלמעוואָל וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט פאַר אַ קישן און אונטערבעט. פון טרוקענע בלעטער האָט ער אַ ראָגזשע געפלאָכטן צו פאַרדעקן זיך מיט איר אין די קילע נעכט.

מידרע האָט אָפּט מאָל אָנגעהויבן דערציילן רחמימען וועגן זיך, נאָר דער אַלטער פלעגט אים שטענדיק איבעררייסן. רחמים האָט געשפּירט, אַז מידרע איז איבערגעפולט ווי אַ צייטיקער מילגרוים, וואָס זיינע קערנער רייסן זיך צו דער שיין — אַזוי האָט מידרע געוואָלט זיך אַראָפּריידן פון האַרצן פאַר דעם אַלטן.

— קעמלרייטער מיידן אויס יענע מידבר־שטחים וואָס זענען פול מיט סם־קרייטעכצער, ווייל די מידע און דאָרשטיקע קעמלען קאָנען ניט אויסהאַלטן און שטילן זייער הונגער און דאָרשט מיטן מידבר־גיפט. אויך דו האָסט ניט אויסגעהאַלטן, געשטילט דיין דאָרשט מיט סם־קרייטעכצער, זיך גענערט מיט סם־קוסטעס... דיינע איצטיקע מעשׂים וועלן דיך היילן.

נאָך די קלוגע רייד פון אַלטן מאַן איז מידרע צוגעפאַלן צו זיינע

פלאַנצונגען. ער האָט איבערגעפלאַנצט דיביימלעך, ווידער געקליבן ביימער־זריעה און זיך באַהעפט מיט דער אַרומיקער וועלט.

אין האַרבסט האָט דער מידבר דערוואַכט. דער ווינט האָט געטראָגן אַ רויטן שטויב צו די ראַנדן פון די פלאַכן, די קוסטעס זענען נידעריקער געוואָרן און זייערע בלעטלעך זענען באַצויגן געוואָרן מיט פינקלדיקע זעמדעלעך. נאַקעטע וואָרצלען, ווי טויטע זאַמד־שלענגלעך, האָבן געווימלט אין מידבר־ווינט.

אימהדיק האָבן געראַשט די צווייַ אייקאַליפּטן אין די נעכט. זייערע צווייַגן האָבן געטרייסלט פון זיך דעם זאַמד וואָס האָט זיך געשאָטן אין אַלע שפּאַלטן, געלעכערט די בלעטער. די נאַקעטע וואָרצלען האָבן זיך פאַרפלאָכטן מיטן וואָרצלהאָר, אָפּגעבראָכענע צווייַגן פון ריצנבוים זענען געלעגן זיי צופוסנס און האָבן פאַרצוימט פאַר די וואַנדערנדיקע זאַמדן דעם וועג צום פרוכטיקן טאָל.

אין די נעכט האָט מידרע זיך אייַנגעהערט אין דעם טרויעריקן געוואָי פון ווינט, אינעם צווייַגן־געראַש און ער פלעגט אָפּט אַראָפּ פון געלעגער. אַ זאַמדנעפּל האָט פאַרהילט זייַן קאָפּ, געקילט זייַנע שלייפן. ער האָט געשפּרייזט מיט אומרו ביי די ראַנדן, אונטערגעשפּאַרט געהילצער אַרום די ערשט פאַרפלאַנצטע ביימעלעך, אַוועקגעשאַרט די זאַמדבערגלעך אַרום זיי, אָפּגעשטויבט די בלעטלעך און דערנאָך איז ער געבליבן ביז פאַר טאָג ביים שטאַם פון אייקאַליפּט..

ה

זימרהס טרויער און אומרו האָט קיינער ניט פאַרשטאַנען. אירע טרערן האָט דער מידבר־ווינט אָפּגעווישט און איר בענקשאַפט האָט דער קווִיטשער־פויגל פאַרטראָגן צו דעם קעגנאיבערדיקן ראַנד פון די פלאַכן וווּ עס האָט געוואַנדערט איר פאָטער רחמים.

אפשר האָט דאָס פאָטערישע האַרץ אויפגענומען דעם ציטער פון זימרהס האַרץ, איר גרויסע בענקשאַפט, און אפשר דערפאַר איז רחמים ניט אָפּגעטראָטן פונעם קעמל־וועגל, דורך וועלכן זייַן טאָכטער איז אַנטלאָפן מיט אחמדן? אפשר האָט ער דערקענט אין שטערנשימער און אין פויגל־

געשריי, אַז זימרה איז ניט פאַרלאָרן געוואָרן אין די זאַמדן, אַז זי וועט קומען... זי מוז קומען...

זימרה האָט געפילט, אַז אחמד איז איר פרעמד געוואָרן. אַוועק איז פון אים דער טונקלאויגיקער בלענד, דער מילדער שמייכל און פאַרשטילט איז געוואָרן זיין געזאַנג.

אין יענער נאַכט פון אומרו איז זי צוזאַמען מיט אַלע אַראַבער געלאָפן פונעם דאָרף. וווהין? האָט זי ניט געוווסט. אין גרויס בהלה איז זי ווי אַלע אַנדערע אַראַבער אַנטלאָפן אין מידבר. אחמד פלעגט אין די נעכט אַרויס צו די וועגן און קומען אַ פאַרטייעט שטילער מיט בייזע פייערלעך אין זיינע אויגן.

— יאַהוד... האָט זיך אָפט אַ ריס געטאָן פון צווישן זיינע ווייסע ציין, אַ האַרטער זאָג וואָס פלעגט פאַלן אויף זימרהן ווי קיזלשטיין אויף גלאָז.

גאַנצע טעג איז אחמד געזעסן אין די שענקען און אויסגעמיטן די היים. איין מאָל איז ער בעלם געוואָרן אויף אַ וואָך צייט און צוריקגעקומען אַ מידער, אַ פאַרשטויבטער פול מיט זאַקרויב.

זימרה האָט אין דער שטיל געשטיקט אירע טרערן. אחמד איז געוואָרן איינער פון די וואָס רייסן זיך אַריין אין יידישע דערפער, גנבענען און גזלנען. די שטוב זייערע איז פול געוואָרן מיט רויב וואָס ער האָט געבראַכט אין די נעכט.

אין די חלומות האָט זימרה געזען: איר פאָטער גייט אויס אונטערן פייגנבוים. זי פלעגט זיך וועקן מיט געשרייען.

אין איינער פון די האַרבסטנעכט האָט זימרה דערהערט אַ שטיל רופן ביים פענצטער. אחמד איז אויף די פינגערשפיצן אַרויס. זי האָט דורכן פענצטער געזען שאָטנס אַרום שטוב. דערנאָך זענען זיי אַוועק צו די זאַמד־פלאַכן. אחמד איז אַוועק מיט זיי.

זימרה איז אויפגעשפרונגען. אין איר האָט אַ גלי געטאָן אַ קליין פלעמעלע. דאָס פלעמעלע פון בענקשאַפט נאָך דער היים ערגעץ דאָרט ביי ראשון, נאָך איר פאָטער. זי האָט זיך אַ ריס געגעבן פון שטוב און אַוועק אין די פוסטריט פון אחמדן און זיינע חברים.

אַזוי ווי דער מידבר־פלאַנץ, דער גלגל, אַן אָפּגעריסענער פון זיינע

וואָרצלען, קאָלערט זיך איבער די פּלאַכן און פאַרזייט די וויסטעניש מיט מאָנקערנדלעך פון די פאַרבאַרגענע זריעה־קעמערלעך, אַזוי האָט זימרה פאַרזייט איבער די זאַמדן אירע טרערן. זי האָט צעריסן איר לייב אָן די דערנער וואָס זענען אויס אין די נעכט ווי צאַרטער זייד אָבער אונטער יעדן צווייגל טראָגן זיי פאַרבאָרגענע שפּיזלען.

זי האָט ניט געקענט דעם וועג צו די יידישע יישובים. האָט זי נאָכגעשפּירט די קליינע טונקעלע פלעקן אין זאַמד, געזוכט זייערע פוס־אָפּדרוקן און געפּרוווט אויסגעפינען אחמדס טריט.

זימרה איז אַריין אין אַ געדיכטער פאַרוואַקסעניש פון פאַרוועלקטע ריצנביימער. אין ליכט פון די שטערן האָט זי דערזען צעשאָטענע יריחור־רויזן. פון נאַקעטן האָריזאָנט האָט זיך אויפגעהויבן אַ פּאַלמע מיט איר רונדיקן געצווייג. ערגעץ האָט אַ הונט זיך צעבילט, צווישן די קוסטעס האָט זיך געזילבערט די זאַמדשלאַנג און אָפּגעשפּיגלט אויף איר רוקן דעם מילכוועג. אַ פויגל האָט אַ וויג געטאָן אַ דאָרן, נידעריק געפלויגן איבער זימרהן און אַ שטיק וועג זי באַגלייט.

די ווייטע קליינע פלעקן אויפן מידבר האָריזאָנט זענען פאַרשוווּנדן פון זימרהס אויגן. זיי זענען פאַרשלונגען געוואָרן אין אַ שאָטן־געדיכטעניש פון ביימער. זי איז איצט געגאַנגען מיט גיכע טריט, אַריבערגעהיפּט די קליינע דערנער און אָנגעהויבן לויפן אין דער פאַרשאָטנקייט אַריין.

ו

נאָך האַלבער נאַכט איז מידרע אַרויס צו די אייקאַליפּטן. רחמים איז געשלאָפן ניט ווייט פון ברונעם, צוגעדעקט מיט אַ ראַגזשע. דער אַלטער האָט מיד געטעמט נאָך זיין אַרומוואַגלען אַ גאַנצן טאָג.

אַ ליכטיקע נאַכט איז עס געווען. ערשט איצט האָט מידרע דערזען ווי גרויס עס זענען שוין די טייטלביימלעך וואָס ער האָט געפלאַנצט. זיי האָבן געוואָרפן אַ קליינעם בלאָען שאָטן, און די וויגנדיקע פּאַלמעבלעטער האָבן זיך געזילבערט אינעם שטערנליכט.

ער איז געזעסן אינעם אייקאַליפּט־שאָטן, פאַרזונקען אין טראַכטענישן. דער זאַמדסטעפּ האָט זיך אומגעריכט פאַרשאָטנט, אַ ווינטל האָט געקעמט די זאַמדקאַרבן. שאָטנקנוילן האָבן זיך געקייקלט פון קוסט צו קוסט,

געווימלט, און מידרע האָט דערהערט טריט און פאַרשטיקטע רייד פון פרעמדע. זיי זענען אָנגעקומען פון מידבר, האָבן זיך געהאַלטן ביים ראַנד פון די זאַמדן און געזוכט דאָס קעמלוועגל וואָס פירט צום מעטשעט־בערגל.

מידרע האָט דערקענט די פרעמדע נאַכטגייערס און אַ רוף געטאָן מיט אַלע כוחות אינעם מידבר אַריין:

— אַהאַ אַ אַ אַ!

ער האָט געוואָלט מיט זיין געשריי פאַריאָגן די מענטשן־שאָטנס, ניט דערלאָזן זיי צום קעמלוועג. און אפשר וועלן די שכנים דערהערן זיין רוף?

— אַהאַ אַ אַ אַ!

זיין קול האָט זיך איינגעשניטן אין דער ווייטעניש און זיך געטראָגן צו די פאַרטריקנטע פרדסים.

אַ שטיק ליכט האָט אַ בליאַסק געטאָן אין זיינע אויגן. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. אויף זיין פנים האָט ער דערשפּירט דעם מוילהויך פון אַ פרעמדן. די צווייביימער האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער ערדפלאַך און אַוועקגעשוווּמען אין די נאַכטהימלען אַריין. ער האָט דערפילט אַ שאַרפן קלאַפּ אין ברוסט און איז אַנידערגעפאַלן מיטן פנים צום זאַמד.

— — — דער פייערדיקער רינג אַרום אים האָט זיך געשלאָסן. ער האָט דערזען צום ערשטן מאָל די גוטע אויגן פון זיין געליבטער. זי קוקט צו אים מיט טרויער, אירע אויסגעשטרעקטע שטאָלצע הענט באַרירן זיין פנים. זיינע ליפּן שעפטשען. פאַרגיב מיר... פאַרגיב... אָט שטייען זיי די דייטשן... זיי מיר מוחל... ניט איך האָב דיך אַרויסגעגעבן... ניט איך...

ער האָט שוין מער ניט געקאָנט האַלטן אָפן די אויגן, נאָר געפילט אויף זיך די גוטע הענט פון זיין געליבטער, איר רויִקייט און איר גוטסקייט האָבן אים פאַרוויגט. ער האָט מיט זיינע קילע ליפּן באַרירט אירע פינגער...

ווען זימרה האָט דערהערט דאָס געשריי אין מידבר, איז זי געלאָפן צום אייקאַליפּט פול מיט שרעק און אומרויִקן האַרץ־געצאַפּל. עמעץ האָט גערופן נאָך הילף.

זי וועט אים ראַטעווען, זי וועט אים העלפן, זי וועט אים די וווּנדן היילן. זי האָט געוואָלט רופן, שרייען און ניט געקאָנט... אחמד! אחמד!... נאָר דאָס געשריי איז געבליבן אין איר דערשטיקט.

אָט ליגט אין זאַמד אַ מענטש און גייט אָפּ אין בלוט. און דער וועמען זי האָט נאָר וואָס געוואָלט העלפן איז איר מיט אַ מאָל ווייט און פרעמד געוואָרן. ער האָט עס געטאָן! ער, אחמד! — האָט זי אַרויסגעוואָיעט און אירע אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט.

זי איז געפאַלן אויף די קני׳ען, געגלעט מיט די הענט דאָס פּנים פון מידרען און אירע ליפּן האָבן עפּעס געשעפּטשעט.

דער פרעמדער האָט שטיל גערעדט, אַ רויִקייט און געלייטערטקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים.

זי האָט געקלאַפּט מיט די פויסטן אין טירל פון ברונעמהויף און געשריִען מיט די לעצטע כּוחות.

— ראַטעוועט! מענטשן, ראַטעוועט!... עפנט!...

פון ברונעמהויף האָט אַ הייזעריק קול עפּעס אָפּגעענטפערט. דערנאָך האָט זימרה געהערט שטילע טריט. דאָס שלאָגן פון איר האַרץ איז געוואָרן האַסטיקער, די קני׳ען האָבן זיך אונטערגעבראָכן. זי האָט געוואָלט אַנטלויפן פון דער נאַכט־באַגעגעניש מיט דעם מענטשן פון יענער זייט גדר.

די הילפסרופן פון פרעמדן האָבן זיך פאַמעלעך איינגעשטילט און צו זימרהן זענען נאָר דערגאַנגען שטילע קלאַנגען ווי דער געטריף פון טראָפּנס אין ברונעם־חלל. זי האָט ניט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט, אירע הענט זענען געבליבן אויסגעשטרעקט צום טירל. פאַר איר איז געשטאַנען איר פאָטער...

זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, פאַלן צו די פיס פון אַלטן טאַטן, אָבער איר צונג איז געליימט געוואָרן, אירע גרויסע אויגן זענען אָנגעלאָפן מיט אַ פייכטקייט און געלויכטן מיט ליבשאַפט, געבעט.

רחמים האָט מיט ציטערנדיקע הענט באַרירט דאָס מירמלנע פּנים פון זיין טאָכטער...

ז

ווען מען האָט געבראַכט מידרען אין שפּיטאָל איז שוין געווען ליכטיק. ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און האָט שווער געעטעמט. זיין פּנים

איז געווען מילד ווי ער וואָלט רויִק געשלאָפן. די ווונד איז געווען אַ טיפע. דאָס מעסער האָט זיך איינגעשניטן אין דער ברוסט.

זימרה איז ניט אָפּגעטראָטן פון שפּיטאָל־טויער. אַ באָרוועסע, מיט צעשויבערטע האָר. מיט פאַרקראַמפּטע הענט האָט זי זיך געקלאַמערט אין די אייזנס פון טויער און אָנגעהאַנגען אירע גרויסע טרויעריקע אויגן אין די ליכטיקע שפּיטאָל־פענצטער. זי האָט זיך אַריינגעריסן אין די ווייסע קאָרידאָרן, געלאָפן פון טיר צו טיר און געזוכט דעם פאַרוווּנדטן מענטש.

קראַנקן־שוועסטער האָבן זי געוואָלט פאַרהאַלטן, נאָר זי האָט ווי אַ מידבר־ווינט זיך געטראָגן פון זאַל צו זאַל ביז זי איז געבליבן שטיין ביי אַ טיש, אויף וועלכן עס איז געלעגן מידרע. זי איז געפאַלן אויף די קניען, אויסגעשטרעקט די הענט צו די מענטשן אין ווייסע כאַלאַטן און געשריען:

— ראַטעוועט, ראַטעוועט דעם מענטשן... לאָזט אים ניט שטאַרבן... העלפט אים...

די דאָקטוירים האָבן שטיל צווישן זיך גערעדט, נאָך אַ מאָל באַטראַכט דעם פאַרוווּנדטן און איינער האָט אַ זאָג־געטאָן צו זימרהן: — מ׳וועט אים אפשר קאָנען ראַטעווען, נאָר מען דאַרף בלוט, אַ סך בלוט.

זימרה איז אויפגעשפּרונגען, אויסגעשטרעקט ביידע הענט.

— נעמט... נעמט מיין בלוט, נעמט וויפל איר דאַרפט.

מידרע איז געלעגן אומבאַוועגלעך. די ליכטיקייט האָט זיך דורכגעריסן דורך די אויגנדעקלעך. ער איז געווען שטיל, לויטער און רויִק. דאָס איז געווען יענע רויִקייט וואָס נעמט אַרום די צווייגן נאָך אַ שטורעם. ער האָט געזען די ביימלעך וואָס ער האָט געפלאַנצט ביים מידבר־ראַנד. זיי וועלן בלייבן נאָך אים ווי דער איינציקער זכר פון זיין לעבן אין דער וויסטעניש. זיי וועלן שפּרייטן רו אַרום זיך, די צווייגן וועלן פאַרהאַלטן די זאַמדוואָלקנס, צופוסנס וועט זיך גרינען דער טאָל און דער אַלטער רחמים וועט דערציילן די וואַנדערער וועגן אַ מענטשן וואָס איז געפאַלן...

זיי קומען שוין מער ניט צו אים, יענע פון דער אַרישער זייט, די וואָס האָבן אים באַגעגנט אויף די גאַסן... עס קומט שוין ניט זיין געליבטע. זי האָט זיך איין מאָל באַוויזן אין דער נאַכט און איז שטיל אַוועק. אַלע האָבן אים פאַרלאָזט.

ער איז אומרויִק געוואָרן, ווען די דאָקטוירים האָבן זיך געגרייט

צו מאַכן די בלוט־טראַנספוזיע. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אומצופרידנקייט, ער האָט געפּרוווט אויפהויבן אַ האַנט, נאָר זי איז אין אָנמאַכט אַראָפּגעפאַלן.

אין ברונעמהויף איז געוואָרן שאָטנדיקער, גרינער. רחמים און זימרה זענען געזעסן לעבן די יונגע טייטלביימער.

— אַ חודש איז שוין פאַרביי — האָט רחמים געזאָגט און געוויזן אויף אַ יונגן פּאַלמעבלאַט וואָס האָט זיך געעפנט ווי אַ פעכער, — יעדן חודש עפנט זיך אַ ניי בלאַט אויף דער פּאַלמעקרוין.

מידרע האָט ניט געוווסט, אַז אין די שאָטנס פון זיינע ביימער וואַרט אויף אים מיט אומרו די שוואַרצאויגיקע זימרה.

באַקעטע וואָרצלען

א. דאָס פּאַשעפעלד

I

לויטער ווי דער הימל איז דער טייך מאָקשאַ. זיינע ברעגן זענען אָפענע, אָןביימער, אָן קוסטעס, אַפילו אָן גראָזן. אויף די געלע זאַמדן פון ברעג טרעפט מען זעלטן פוס־אָפּדרוקן. דערפאַר איז דער ברעג ווי אויסגעשטעפּט מיט פייגלטריט. פון דאַנען דערנענטערן זיי זיך צום וואַסער אין די הייסע נאָכמיטאָגן און פּאַטשן מיט די צעפּלאָשעטע פליגל אין דעם רויִקן טייך־אייבערפלאַך.

דער ווינט, צי ער קומט פון צפון אָדער דרום, קאַרבט די זאַמד־ברעגן לויט זיין שטייגער. פויערים דערזעענדיק דעם פרישׂ צעקעמטן זאַמד־ברעג, ווען זיי גייען אין די פאַרטאָגן דורך דער בריק, זאָגן:

— אָהאָ, ברודערל, אַ צפונדיקער!

— אַ צפונדיקער, כ׳האָב נאָך ביי נאַכט דערקענט לויטן פייפן.

און ווירקלעך, דאָס זאַמד ביים ברעג האָט אויסגעזען ווי גריוועס פון צעפּלאָשעטע פערד.

ווי טיף די מאָקשאַ זאָל ניט זיין זעט מען שטענדיק דעם דנאָ, וואָס לויכט אַרויס מיט זיין בורשטינענער העלקייט. קיין וואַסער־געוויקסן באַגעגנט מען ניט אויף לאַנגע קילאָמעטערס. די שמאָלע, טונקעלע פלעקן, באַיִועגלעכע און אומבאַוועגלעכע — דאָס זענען די רוקנס פון פיש.

די פעלדער לעבן טייך ציִען זיך אויף צענדליקער קילאָמעטער. זייערע גראָזן וואַקסן ניט אין דער הייך, נאָר שלענגלען זיך אויף דער אייבערפלאַך ווי ווילדע וויינטרויב־צווייגלעך. אין שפּעטן זומער, ווען די ריזיקע סטאַדעס שעפּסן און ציגן עסן אָפּ די גרעזלעך און בלעטלעך, בלייבן נאָר די ברוינע, געשלענגלטע שטענגלעך ווי אָדערן.

ביים דאָרף טענגושיי האָט דער טייך געמאַכט אַ גרויסן קרייז, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרומהאַלדזן די פלאַכע פּאַשע־פעלדער.

פון דער רעכטער זייט מאָקשאַ, אויף ליימיקן באָדן, געפינען זיך די קרויטגערטנער פון די אַרומיקע דערפער. אַ ביסל ווייטער פון רעכטן ברעג, אויף אָפענע הויכקייטן, אין אַ גלייכער רייע, שפרייטן זיך דערפער. אומעטום טרעפט מען די זעלביקע שטיבער פון ווילדן געהילץ, זייערע שפּאַלטן זענען מיט מאָך אויסגעפּילט. אומעטום זענען די פענצטער־ראַנדן באַשלאָגן מיט פאַרביקע ברעטלעך. יעדער שטיבל האָט זיך זיין גאַניקל מיט געשניצטע אוזאָרן, ענלעכע צו מיידלש.ע בונטע סאַראַפאַנעס. פאַר יעדן הייזל געפינט זיך אַ קעלער מיט גראָבע שיכטן ערד באַשאָטן. אין דעם פאָדוואַל געפינט זיך אַ קופערט מיטן גאַנצן פאַרמעגן — אַ זונטיקדיקע שובע פון שעפּסנפעל, אַ פאָר סאַראַפאַנען, פאַרביקע קאָפּטיכלעך און האַנטעכער מיט רויטע ראַנדן. אויך דער פאַרנאַכטיקער אָפּמעלק פון די ציגן ווערט דאָ אין די זומערן אָוועקגעשטעלט, און אין די הייסע נעכט שלאָפן דאָ די באַלעבאַטים.

פון אָטאָ די דערפער זעט מען דאָס גרויסע פּאַשעפעלד ווי די פלאַכ־קייט פון דער אייגענער האַנט.

איצט, אין שפּעטן זומער, ווען די סטאַדעס ציגן און שעפּסן פון די אַרומיקע דערפער האָבן שוין ניט וואָס צו נעמען פונעם פעלד, ליגט די ווייטקייט אַ מידע, אַ געלבלעכע און פאַלט אַריין אין ברוינקייט. צוליב די פאַרטריקנטע ברוינע שטענגלעך וואָס שלענגלען זיך אויף דער אָפּגעהוילטער זאַמדיקייט זעט דאָס פעלד אויס ווי אַ מאַרמאָרענער פלאַך, אַריינגעפּאַסט צווישן הימל און טייך.

אין פרי:ען האַרבסט ווערט דער טייך אומרו:קער, פאַרשאָטנטער. זיין שפּיגל פאַרלירט די בלאָקייט און ווינטן צעוויגן אים. דעמאָלס דערשרעקן זיך די פויערים פאַר דער אויפגעוואַכטער קראַפט. ווי אויפגעוועקטע פון שלאָף יאָגן זיך גאַנצע דערפער אין איין טאָג, אין איין פרימאָרגן־שעה צו די קרויטגערטנער און נעמען אַראָפּ דאָס שפּעטע גערעטעניש. די סטאַדעס ווערן מער ניט געטריבן אויפן גרויסן פּאַשעפעלד. די הילצערנע הענגבריק ווערט צענומען און דאָס געהילץ מיט קייטן צום ברעג געפעסטיקט. פויערים פאַרלאָזן ניט די הייזער. אין די פאַרטאָגן צלמען זיי זיך לענגער פאַר די איקאָנעס.

די טעג זענען פאַרוואָלקנטע, ווינטיקע. אין די נעכט פייפן אומ־

הימלעך די קוימענס. די קעץ קריכן אין די אויוון־מייערלעך אַריין.

— אַהאַ, די קעלטן קומען אָן. — שעפּטשן פּויערטעס.

ערגעץ ווייט, ווייט, וווּהין עס פליסט די מאָקשאַ, זעגנען די טייכן שוין האַלב פאַרפרוירן. די אומרויִקע וואַסערן האָבן ניט קיין אָפּגאַנג, רעגנס הערן ניט אויף, ביז דאָס געדולד פון טייך פּלאַצט. דער רעכטער ברעג הייבט זיך וואָס אַ טאָג אַלץ העכער, ווי די וואַסערן וואָלטן געזוכט אַן אָנשפּאַר פאַר זייערע כּוחות, און דער ריזיקער האַלב־קרייז שליסט זיך צונויף. מיזרח און מערב לויפן זיך באַגעגענען. דאָס וואַסער כוואַליעט אויף דער פּלאַכקייט וואָס האָט געעפנט איר טראַכט. די פאַרשמאַכטע גראָזן דערוואַכן און רייסן זיך מיטן שטראָם. אָפּט מאָל שווימט אָן פון אַ באַוועגטן דאָרף אַ גאַנצער סטויג היי. דער זאַמדיקער באָדן זאַפּט איין אין זיך אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע.

דריי טעג און נעכט דויערט דער געראַנגל. די ערד טרינקט אַלץ אויס, פאַרשלינגט אַ שטראָם נאָך אַ שטראָם ביז עס קומט דער באַגינען פון דריטן טאָג. די ריזיקע פּלאַכקייט ליגט אונטערן וואַסער, אַ געזעטיקטע, אַ באַרויִקטע.

אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָזיערע אָן ברעגן. די דערפלעך זעען אויס ווי אינדזלען. אַרום איז נאָר הימל און וואַסער.

אַ וואָך שפּעטער קומען די פרעסט. די ווייטקייטן ווערן ווידער לויטער און בלאָ. די פאַרגאָסענע פעלדער זעגנען פאַרדעקט מיט אייז. בלויז דאָס אָרט, וווּ די מאָקשאַ פליסט, איז ניט געפרוירן. אירע וואַסערן שלאָגן זיך מיט מי דורך אַ וועג צווישן אייז, וואָס נעמט זי איצט ווי מיט צוואַנגען אַרום. אַזוי ווערט דער טונקעלער אָדער שמעלער און שמעלער ביז ביידע אייזברעגן שליסן זיך צונויף. דעמאָלט עפענען די פּויערים די שטעלער, שפּאַנען די פערד און לאָזן זיך איבערן געפרוירענעם אייז נאָך געהילץ אין די וועלדער איידער עס וועלן אויספאַלן די טיפע שנייען.

אין די פאַרטאָגס איז די גאַנצע געגנט ווייס פון געפרוירענעם טוי. עפנסט ברייט פונאַנדער די אויגן און זעסט נאָר זילבער און ווייס, ווייס און זילבער. האָסט ניט ווו דעם בליק אָנצושפּאַרן, סיידן אין רויך פון די קליינע כאַטעס, וואָס שלענגלט זיך אין די זילבערהויכקייטן אַריין. ווערן

די אויגן מיד פון דער אומענדלעכער ווייסקייט. דאָס איינציקע וואָס דו פּילסט אין וועג איז דער רוקן פון פערד און די געפּאַרבטע דוהע.

לייכט טראָגט זיך דער וואָגן.

— זדראַוו! — באַגעגענען דיך די פּויערים.

— זדראָוו, פּאַטערל! — ענטפער איך. מיין קול הילכט אָפּ אין דער ווייטקייט. דער שעפּסענער פּעלץ וואַרעמט. די נאָזלעפּלעך קלעפּן זיך מיר פון פראָסט. אָט איז דער וואַלד. שטיל איז דאָ ווי אין אַ פאַרוואַרלאָזטן פּאַלאַץ. די שטאַמען — זילבער, די צווייגן — זילבער, דער וואַלדדעק — זילבער.

איך צעשפּאַן דאָס פערד, וואַרף אַראָפּ דעם פּעלץ. מיין האַק הילכט אָפּ אין וואַלד. דאָס זילבער פאַלט אויף מיינע אַקסלען, אויף די וויעס. איך פאַרמעסט זיך נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. די צווייגן שוידערן אויף און בלייבן אָפּגעדעקטע, גראָע. מיט אַ דרייפאַכיקן עכאָ ענטפערט מיר דער וואַלד אויף יעדן קלאַפּ. די האַק בייסט זיך איין טיפער אין שטאַם. עפּעס האָט אַ קרעכץ געטאָן. דער בוים האָט דערשפּירט די געפאַר. דער העכסטער צווייג האָט זיך אַ בויג־געטאָן און ווידער געבליבן אויף דעם פריערדיקן אָרט. מיינע אויגן קוקן נאָך דעם קלענסטן בויג פון שטאַם. איך דערלאַנג דעם לעצטן קלאַפּ און שפּרינג אָפּ עטלעכע שפּאַן, צע־שפּרייטנדיק די הענט. פון האַרצן אַרויס רייסט זיך אַ געשריי:

— אַהאַ—אַ—אַ—אַ!

עס דוכט זיך מיר, אַז דער אַרום האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, און דער האָריזאָנט וואָס האָט זיך דורכגעזען צווישן די שטאַמען איז בעענטער צוגעלאָפן.

איך שטיי אַלץ מיט צעשפּרייטע הענט ווי כ׳וואָלט געוואָלט אַזוי אַרום איינהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט פון דער וועלט.

מיין וואָגן מיטן אָנגעלאָדענעם האָלץ, מיט די טרוקענע צווייגן, שלעפּט זיך איבערן אייז פון די פאַרפלייצטע פעלדער. די קליידער דורכ־גענעצטע פון שווייס, פרירן. מיר דוכט זיך, אַז זיי זענען פון בלעך. איך יאָג שטאַרקער דאָס פערד און לויף נאָכן וואָגן:

— אַנו—קאָ, ג—נ—י—ע—ד—אָ—י! וויאָ—אָ—אָ!

מיין קול שלאָגט זיך אָפּ אין דער געפרווירענער ווייט, קייקלט זיך איבערן שפּיגלפלאַך און קומט צו מיר צוריק ווי דער קלאַנג פון גע־בראָכענעם גלאָז.

— אַנו—קאַאַאַ! וויאָאָ...

דאָס טויער צעפּראַלט זיך, איך לייג דאָס האָלץ פון וואָגן אַראָפּ. דאָס אויסגעשפּאַנטע פערד לויפט מיט הירזשערייַ אין שטאַל אַרייַן.

דער סאַמאָוואַר זידט. די הייסע, ניט געשיילטע קאַרטאָפל ליגן אויפן טיש פאַרדעקטע מיט אַ וואַרעם־טוך, די פאַרע זאָל פון זיי ניט אַרויס. איך שנייַד פענעצלעך ברויט און טייל אויס יעדן אַ גלייַכן טייל.

2

מייַן שכן איז אַן אַלטער פויער, איוואַן איוואַניטש הייסט ער. ער איז שוין איבער די זיבעציקער. אין די נאָכמיטאָגן קומט ער אָפּט צו מיר. דערציילט ער מיר וועגן דער הייליקער, וואָס האָט זיך אַמאָל אין אַ פאַרנאַכט ביי אַ קוואַל אַנטפּלעקט, און פון דעמאָלט אָן קומען קראַנקע פון ווייטסטע דערפער דאָס קוואַלוואַסער טרינקען.

איוואַן איוואַניטש גלייבט ניט, אַז איך בין אַ ייִד. ניין — זאָגט ער, עפּעס ביסטו מער ענלעך אויף אַן אונדזעריקן. — געזען אַ מאָל אַ ייִדן אין ניקאָלייעווסקן קריג, ביי בּרעסט, אָהאָ, אַן אמתן ייִדן געזען, האָט ער אַ שוואַרץ קעסטעלע אויפן שפּיץ קאָפּ געטראָגן און אויף אַ האַנט, מיט געוויקלטע רימענס. אָט, דאָס איז אַן עכטער ייִד געווען. די גאַנצע ראָטע האָט אַזוי געזאָגט. אָבער דו? — ניין! טרייב, סינאָק, ניט קיין שפּאַס!

איין מאָל פרעגט ער מיך, אָנווייַזנדיק אויף אַ בילד אין מייַן בוך:

— ווער איז דער מוזשיק?

— לעוו ניקאָלייעוויטש טאָלסטאָי, — ענטפער איך.

— אַ באַרין?

— אַ גרויסער שרייבער.

דער טיפער שטערן האָט זיך ביי איוואַן איוואַניטשן געקנייטשט, ווי ער וואָלט זיך באַמיט עפּעס צו דערמאָנען. פּלוצעם האָט ער זייַן האַנט אַרויפגעלייגט אויף מייַן אַקסל און אָנגעהויבן:

— מיט אַ סך יאָרן צוריק בין איך פאַרבלאָנקעט געוואָרן אין דער

אומגעגענט פון וואַראַניעזש און אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ גוט, וואָס האָט געהאַט אַ מאָל געהערט צו סוואָראָוון. שטאַלן זענען דאָרט געווען ווי פּאַלאַצן, פערד — די טייערסטע און פלינקסטע, און רינדער — די זעלטנסטע. מאַכט זיך, עס קומען פּריצים אויף יאַגד. מיר זאָטלען די בעסטע פערד. די באַרינעס באַטראַכטן זיי, פּרוּוון אויס זייער געשטעל, פּלוצעם שרייט אויס אַ יונגער באַריניאַק:

— האָספּאַדי, דעם בייטל מיטן געלט האָב איך פאַרלוירן!

זוכט מען דעם בייטל, מען זוכט, ביז דער מוזשיק גרישאַ טראַגט אים צו. — אַ, האַרינקע מיין, באַאומרוּיק זיך ניט, אָט האָסטו אים! — שטרענג האָט דער יונגער באַרין אויף אים אַ קוק געטאָן און אויסגעשריגן:

— עס פעלט דאָס געלט! פּריצים זענען זיך צונויפגעלאָפן. גרישאַ איז אויף די קני געפאַלן. ער האָט פון זיך אַראָפּגעריסן דעם הוט, צעכראַסטעט דאָס העמד, געוויזן דאָס אַנטבלויזטע האַרץ. —האָספּאָדי קאָרמיליעץ! איך האָב אים אַפילו ניט געעפנט! האָספּאַדי!

— אין אָסטראָג! אין אָסטראָג אים פירן! — רופן די פּריצים.

— שמייסן אים, וועט ער דעם אמת זאָגן!

גרישאַ ליגט אַ געבונדענער און שווערט זיך ביי אַלע הייליקע:

— מילאָסערדניע, האָספּאָדאַ...

איינער פון די פּריצים איז צוגעגאַנגען נאָענט צום יונגן פּריץ, אַריינגעקוקט אים טיף אין די אויגן אַריין. אין האַלבקרייז זענען געשטאַנען די פּויערים, פון דער צווייטער זייט — די פּריצים.

— וואָס פאַראַ געלט האָסטו געהאַט אין בייטל? — האָט ער זיך געווענדט צום יונגן.

— צען גאָלדשטיקלעך. אַכט פּאַפּירלעך צו הונדערטער, אַ גאָלדן רינגל און אַ בריוו.

דער באַרין האָט גענומען דעם ליידיקן בייטל, פאַראַרדנט זיין דינער ברענגען געלט, אָפּגעציילט צען גאָלדשטיקלעך און זיי אַריינגעלייגט אין בייטל אַריין, דערנאָך ווידער אָפּגעציילט אַכט פּאַפּירלעך צו הונדערטער. דער בייטל איז פול געווען און האָט זיך ניט געקאָנט פאַרמאַכן.

— ווי אַזוי האָט נאָך דאָ געקאָנט ליגן אַ גאָלדן רינגל און אַ בריוו? גרישאַן האָט מען גלייך אויפגעבונדן. ווער איז געווען דער קלוגער

באַריץ, וואָס האָט דעם שווינדל אויפגעדעקט און געראַטעוועט אַ מוזשיק פון אייביקער קאַטאָרגע, דאָס האָט קיינער ניט געוווּסט. ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מען האָט אים גערופן לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי.

3

אין די לעצטע האַרבסטטעג האָט זיך דער פראָסט געבראָכן. אַ דריבנער שנײ האָט טאָג און נאַכט געפּראָשעט. מיט אומגעדולד האָבן די פויערים געוואַרט אויפן שנײ, ווײַל מיט שליטנס איז לײַכטער אַרויסצופירן דאָס פּאַרגרייטע געהילץ פון די ווייטע זומפּיקע וועלדער, ווו דער באָדן איז איצט געפרוירן. אין אַ פּאַרטאָג האָט איוואַניטש אַ קלאַפּ געטאָן בײַ מיר אין פענצטערל.

— ווסטאַוואַי.

זײַנע שווערע טריט האָבן געסקריפּעט אויף דעם גאַנעקבריקל.

— גייען מיר פיש כאַפּן?

איך האָב ברייט צעעפנט די אויגן.

— פּאַטערל, טרײַבסט קאַטאָוועס!

איוואַן איוואַניטש מיט זײַנע גרויסע בלאָע אויגן און אַרויסשטאַרנ־דיקע קינבאַקן האָט געשמייכלט. אין אים איז געווען עפּעס אַ געמיש פון מאָנגאָליש און רוסיש.

— אַלץ איז אין אײַז פּאַרקאָוועט אויף הונדערטער ווי־אָרסטן — האָב איך גערעדט, איצט פיש כאַפּן?

דער אַלטער האָט מיך געלאָזט אויסרעדן. זײַנע בלאָע אויגן האָבן מיט אַ פּאַטעריש געלעכטערל געקוקט אויף מיר.

— מיר זענען פּראָסטע מוזשיקעס, — האָט איוואַניטש גערעדט — ניט געלייענט קיין ביכער, מיר האָבן אייגענע קעפּ אויף זיך, אַזעלכע קעפּ ווי אונדזערע זיידעס. אָבער איר, איר ווייסט אַפילו ניט, אַז איר טראָגט אויף זיך פרעמדע קעפּ...

אַזוי פלעגט איוואַן איוואַניטש שטענדיק אָנהייבן די רייד מיט עפּעס אַן אייגענער אויסטײַטשונג, דערנאָך איז ער צוגעטרעטן צו דער זאַך:

— אין פריִען האַרבסט, ווען די מאָקשאַ גיסט זיך אויס, גייען אויך

די פיש אַרויס פון די ברעגן זוכן שפייז אויפן פאַרגאַסענעם פּאַשעפּעלד. דער דנאָ פון דער מאַקשאַ איז אַן געוויקסן, אַ זאַמדיקער. פיש קומען אַהער אַזש פון דער וואָלגע. דאָס ריזיקע פּאַשעפּעלד ציט צו פיש. זיי עסן דעם אָפּפאַל פון דער גרויסער צאָל סטאַדעס און אַזוי אַרום ווערט דאָס אָרט אַ פּאַשעפּעלד פאַר פיש. פּונקט ווי שיפן אויף דער וואָלגע האָבן ווינטער אַ האַפן, אַזוי איז מיט די פיש. זיי קלייבן אויס די פּאַסיקסטע ערטער אויף צו איבערווינטערן. ערשט אין פרילינג, ווען דאָס אייז צעגייט און די וואַסערן פליסן אָפּ אין די גזלעגערס, לאָזן זיך די פיש צוריק אין זייערע ערטער.

עס טרעפן אָבער ווינטערס מיט גרויסע פרעסט. די אייזדעק איבער די פעלדער ווערט דיקער און דיקער, די פיש אונטערן אייז פעלט אויס וואַסער, זיי קאָנען זיך ניט באַוועגן און דער ריזיקער אייזדעק בידערט אַלץ מערער און מערער, דעמאָלט קומען זיי אום, די פיש.

איוואַן איוואַניטש האָט זיך אָפּגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום פענצטערל און ווי צו זיך גערעדט.

— איצט איז די צייט. נאָך אַ וואָך — וועלן די פיש אומקומען.

אַ שווייגנדיקער בין איך נאָכגעגאַנגען איוואַניטשן. אויף די אַקסלען האָבן מיר געטראָגן לאָפּעטעס, אין די גאַרטלען — העק.

די זון האָט זיך געגליטשט איבערן פלאַך פון אייזפעלד. די דערפלעך — לאַנגע בוטשאַנען־שורות וואָס האָבן זיך אויסגעזעצט רוען אויף קליינע אינדזלען.

פון דער ליכטיקייט טוען די אויגן ווי. איך פאַרמאַך זיי און שפּאַן טריט נאָך טריט נאָך דעם ניגון פון אַן אַלט רוסיש לידל, וואָס איוואַניטש זינגט:

א באַרין איז פון ווייטן וועג,
געקומען אַ בייזער צו גיין,
און גערופן דעם דינער
אין שיינעם פּאַלאַץ אַריין.

אוך—אַך! אוך—אַך!

עך, דינער מיינער, ליבינקער,
ברענג אַ קישן מיר אַהער,
און פון הויף דעם שווערן שטיין.
שנעלער, פלינקער, זאָל דאָס זיין!

אוך—אַך! אוך—אַך, האָפּ!

לייגט דער באַרין דעם שטיין צוקאָפּנס —
און די פיס אויפן ווייכן קישן,
אויפן ווייכן קישן.

אוך—אַך! אוך—אַך, האָפּ!

באַרין, באַרין, ביסט פון זינען אַראָפּ?
ניין, איך וויל נאָר מיין קאָפּ,
דעם דולן קאָפּ אַזוי באַשטראָפן,
צוליב זיין נאַרישקייט
זענען די פיס זיך אַנגעלאָפן.

אוך—האַ! אוך—האַ!

אויף אַ טייל ערטער איז דאָס אייזפעלד אויסגעבויגן. אַט גייען מיר באַרג־אַרויף, אַט גליטשן מיר זיך אַראָפּ. דאָס אייז פּלאַצט און ליגט שוין אויף דער ערד. די גרעב פון אייז דערגייט ביז עטלעכע אַרשין. מיט די העק צעהאַקן מיר דעם אייזפּאַנצער. אויפן גראָז זעען מיר פיש וואָס רירן זיך ניט, דערשטיקטע. מיר האַקן אויס אַ קיילעכדיק ראָד פון עטלעכע מעטער. דאָס פעלד אונטערן אייז איז ווייך און גיט זיך לייכט אונטער. מיט די לאָפּעטעס גראָבן מיר אַ טיפע גרוב. אין אַכט טעג אַרום וועלן מיר ווידער אַהער קומען מיט עמערס און מיט קיישלעך — זאָגט איוואַניטש.

די אויסגעגראָבענע ערד שוואַרצט זיך. דאָס איז דאָס איינציקע טונקעלע בערגל אין דער אייזיקער לאַנדשאַפט.

אַכט טעג שפּעטער דערקענען מיר דאָס אָרט לויטן האַלב־פאַרשנייטן בערגל ערד. די גרוב איז פול מיט וואַסער. די אייבערפלאַך איז באַדעקט

מיט אַ דינעם שיכט אייז. ווי גלאָז צעשפּרינגט עס אונטער אונדזערע העק.

דער ערשטער אָנגעשעפּטער עמער גיט אַן אומגעריכטן פאַנג. דריי גרויסע שלייענס און אַ העכט. איוואַניטש שמייכלט. ער ווייזט מיר די וואַסער־אָדערן אונטערן אייז. אָט דורך דאַנען האָבן זיי זיך אַ וועג דורכגעשלאָגן. זיי האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען פון דעם אייז וואָס האָט זיי געדריקט. אין אַ געפאַר גייען פיש מיטן שטראָם, זיי זוכן טיפערע ערטער.

מיט שווערע קיישלעך פיש האָבן מיר זיך אומגעקערט אַ היים. כ'האָב אין זיך דערפילט די אורקראַפט פון ערשטן מענטשן, וואָס האָט דאָ געטראָטן, אַזוי ווי איך, אין אַ שעפּסענעם פּעלץ, מיט אַ האַק אין גאַרטל, מיט אַזאַ קיישל געמאַכט פון ליפּע־קאָרע. אויגן האָט ער זיכער געהאַט ברייטע, בלאָע ווי דער הימל. די גראָע באָרד איז ענלעך געווען צו דעם שנייִק־זילבערנעם גלאַנץ פון די פעלדער. מילד איז ער זיכער געווען ווי איוואַניטש און ליב געהאַט האָט ער דעם נע־ונדן ווי זיין טייך מאָקשאַ און דאָס וווּנדערלעכע פאַשעפעלד.

ב. פּאַרשנייטע פּליינען

1

פּוכיקע שנייען זענען געפאַלן אין דער ערשטער וואָך פון יאַנואַר. אין די טונקעלע נעכט האָט דער שניידעק געלויכטן מיט אַ אינעווייניקסטן ליכט. אַפילו די שנייפלאַטערלעך האָבן אין די נעכט אויפגעפלעמלט ווי גליווערעם און מידע זיך געזעצט אויף די פּליינען אַרום דער וואָלגע. די ליכטיקייט איז געווען אַ טיף ערדישע. דער שניי האָט די ליכטיקייט געזויגן פון דער וואַרעמער ערדפלאַך, וואָס האָט געאָטעמט מיט ליכט און לעבן.

אין די נעכט האָבן די פרעסט נאָכגעלאָזן. דער הימל האָט געענידערט צו די פּאַרשנייטע שטיבער, וואָלקנס האָבן זיך געוויקלט אַרום די קוימענס פון די פּוכיק געשוואָלענע דעכער, געלייגט זיך אויף די ווייטע שנייפעלדער ווי קעלטקנוילן, וואָס זוכן דאָ אַ ביסל וואַרעמקייט. און אַז די פרעסט האָבן אין די פּאַרטאָגס פאַרדעקט די פּליינען מיט אַ דין געשליפענעם מירמל־פאַנצער, האָט דער הימל זיך אויפגעהויבן פונעם שניידעק אין די לויטערע הויכקייטן אַריין. צווישן ערד און הימל איז געבליבן אַ הוילקייט, אַ בלאָער חלל.

ערגעץ פון אַ וועלדל, וואָס האָט אין דער ווייטקייט געטונקלט, האָט אַן אַלטיטשקע, איינגעטוליעט אין אַ שעפּסנפּעל, געשלעפּט אויף אַ שליטעלע טרוקענע צווייגן. אונטער די מענטשישע טריט האָט דער געפרוירענער שנייפּאַנצער זיך געבראָכן מיט אַ קלאַנג פון גלאָז. דער בלאָ מירמלנער שניידעק האָט זיך געברעקלט און שטומפּיק אָפּגעקלונגען אין דעם חלל.

דאָס דאָרף טענגושיי האָט געהאַט איין גאַס, אַ ברייטע און לאַנגע, מיט שטיבער פון ניט־געטעסעטן געהילץ. די שפּאַלטן פון די דיקע סאָסנע־

בעלקעס זענען אויסגעשטאָפּט געווען מיט ברוינלעכן מאָך. די קליינע פענצטערלעך — אַרומגעקלאַפּט מיט פאַרביקע ברעטלעך, אויסגעשניטענע מיט שפּיצן און האַלבע לבנות. די גאַנעקלעך האָבן זיך געהוידעט ביים שטעלן אויף זיי אַ טראָט און אַרויסגעגעבן פון זיך אַ סקריפּעריי. די ברינעמער אין מיט פון דער דאָרפגאַס האָבן אויסגעזען ווי ריזיקע פייגל מיט לאַנגע און דינע פיס. די הויכע ברונעם־צײַערס האָבן זיך געוויגט און געפּליעסקעט טראָפּנס וואַסער אין דער טיפקייט אַריין. אָפּט פלעגט פון ערגעץ אָנקומען אַ יונגע פויערטע מיט אַ קראָמיסלע, אויף וועלכער ס׳זענען געהאַנגען צוויי פולע עמערס. אויפן בלענדיק ווייסן פּאַן האָט די קראָמיסלע אויסגעזען ווי אַ שטיק ביט־פאַרשנייטער האָריזאָנט, וואָס שווימט נאָך דער וואַסער־טרעגערין. די צוויי עמערס האָבן זיך געוויגט און געטריפט בלאָע טראָפּנס אין שניי. ס׳האָט אויסגעזען ווי די וואַסער־טרעגערין פאַרלירט אין דער ווייסקייט אַ שנור בלאָע קאָרעלן.

די דאָרפגאַס ציט זיך באַרג־אַרויף ביז די ווינטמילן, וואָס שטייען דאָ נאָקעטע פאַר דער גאַנצער אַרומיקער געגנט. פון דאַנען זעען זיך אָן די ווייטסטע דערפער, וואָס ליגן צופוסנס פון דער הויכקייט. די ריזיקע פאַשעפעלדער ליגן אונטערן שניי. די ברעגן פון די וואַלגע־צושטראָמען זענען פאַרקאָוועט, נאָר איבער דעם פאַרשנייטן געלעגער פון די פאַר־פרוירענע טייכלעך איז דער שניי מער פאַרטונקלט און די בלאָלעכע פאַסן זעען אויס ווי אָנגעדראָלענע אָדערן אויף אַ מענטשנס לייב.

אין די אַמאָליקע ווינטערס האָבן צו די ווינטמילן געפירט אָן אַ שיער וועגלעך און שטעגלעך אויסגעטראָטענע אין שניי, וואָרעם אַרום דער וואָלגע זענען די ווינטערוועגן אַנדערע ווי די זומערוועגן און די האַרבסטוועגן אַנדערע ווי אין ווענסנע. זומער מיידן אויס די פויערים די זאַמדיקע שטחים כדי ניט צו בלייבן דאָרט שטעקן מיט פערד און וואָגן. אין האַרבסט קרייזן זיי אַרום די זומפּיקע ערטער. דאַקעגן ווינטערצייט לאָזן זיי זיך אַרויס אין נידעריקע שליטנס איבער די פאַרשנייטע זאַמד־פעלדער, איבער פאַרפרוירענע זומפּן, שפּאָרן זיך איין לאַנגע וויאָרסטן און יאָגן „נאַפּראַמיק״ איבער גאַנס פאַרשנייטער וועלט.

דעמאָלט האָבן זיך אַלע וועגן צונויפגעקניפּט ביי די ווינטמילן. עס האָט דאָ אָנגעהאַלטן די הירזשעריי פון פערד. אַ צעטראָטענער שניי,

געקנאָטן מיט פֿערדמיסט, היי, האָבער און שוואַרצערד, האָט ווי אַ טונקל גראָער אָרעם אַרומגענומען די הויכע הילצערנע וויעטראַקעס. איצט זענען זייערע צעבראָכענע פֿליגל געהאַנגען ווי אָפּגעשטאָרבענע אבֿרים. אָפּט פֿלעגט זיך אַ שטאַרקער ווינט פֿאַרפֿלאָנטערן אין די טויטע פֿליגלען און אין זיין ווירבלדיקן אימפּעט אַ ריס טאָן די מילאַקס; דעמאָלט האָט טיף אין האַרצן פֿון די אָפּגעשטאָרבענע מילן אַ שווערער מילשטיין אַ קרעכץ געטאָן, און אויף אַ רגע האָבן די פֿליגלען אויפֿגעלעבט.

אַ גאַנצן ווינטער אינעם ערשטן מלחמה־יאָר זענען די וויעטראַקעס געשטאַנען מיט געפּענטעטע פֿליגל. אַרום זענען ניט געווען קיין אויסגעטראָטענע וועגן און אַפֿילו ניט קיין סימנים פֿון מענטשישע טריט. דער פּוכיקער שניי איז געווען אויסגעשטעפּט פֿון פֿייגלטריט. די וויעטראַקעס מיט די שוואַרצע פֿליגל, צעבראָכענע, הפֿקרדיק פֿאַרלאָזענע, האָבן צעשפּרייט זייערע שאָטנס איבער די אַרומיקע דערפֿער. שאָטנס פֿון הונגער האָבן זיך צעלייגט איבער די שנייִיקע דערפֿלעך. דער ווינט האָט אין די נעכט געטראָגן דעם געפּייף פֿון פֿעלדמייז, וואָס האָבן אַרומגעריזשעט די קאַלטע און טויטע מילשטיינער.

איוואַן איוואַניטש איז געלעגן מיט צעעפֿנטע אויגן. דער שניי האָט מיט אַ בלאָ ליכט באַהעלט זיין שטוב. דער פּיעקעלעק איז אין דער נאַכט ניט אָפּגעקילט געוואָרן, אַ געדיכטע וואַרימקייט מיט ריחות פֿון שווייס האָט זיך געקנוילט אַרום גרויסן אויוון. פֿון זיינע מייערלעך האָט זיך נאָך געטראָגן די פּאַרע פֿון פּייכטע אָניטשעס און וואָליקעס. איוואַניטש האָט אַרומגעבונדן די אויסגעטריקנטע לאַפּטשעס מיט דינע רימענס, געוויקלט זיי סימעטריש, איין קרייז אָפּגערוקט פֿון צווייטן אַזש ביז די קני. דעם וואַטענעם שפּענצער האָט ער אַרומגעבונדן מיט אַ העל גרינעם גאַרטל און, שטייענדיק שוין ביי דער שוועל מיטן שעפּסענעם פּוטערהוט אין האַנט, האָט ער זיך איינגעקוקט אין איקאָנע־ווינקל. דאָס איז געווען אַ געבעט אָן ווערטער. מיט אָפֿענע אויגן האָט ער איבערגעקוקט די איקאָנעס, צעפּינקלטע פֿון פֿאַרביקע גלעזלעך און באַקלעפּטע מיט אויסגעשניטענע גלאַנציקע פּאַפּירלעך. זיי האָבן אַ ווײלע זיך פֿאַרהאַלטן אין די ווינקלען פֿון די ניט־געטעסטע האַלצווענט. אַ ליכטיקייט האָט געבלענדט פֿון איוואַניטשעס

אויגן, די לויטערע ליכטיקייט פון דעם שניי און פון זיין אויסגעשוויגענער תּפילה האָט פון זיין פּנים אַראָפּגעשיינט.

ער איז אַרויס אויפן גאַנעקל און געקוקט צו די ווינטמילן. זיין סיוווע, צעפּאַטלטע באָרד, זיין צעצויטלטער וואַטניק, די פאַרבונדענע און פאַר־קניפּטע אָניטשעס אויף די פיס האָבן אים ענלעך געמאַכט צו אַ שטאָם, וואָס איז אָפּגעשיילט פון ווינטן, נאָר טיף פאַרוואָקסן אין דער היימישער ערד. קיין ערדישע און ניט־ערדישע כּוחות קאָנען אים ניט בייגן, ווייל דאָס וואָס האָט זיך געקאָנט בייגן איז שוין לאַנג אָפּגעבראָכן און אָפּגעריסן געוואָרן. געבליבן איז אָבער איוואַן איוואַניטש, דער פויער פון דאָרף טענגושיי, אַ פאַרוואָרצלטער פון דורות אין דער רוסישער ערד. איוואַניטש האָט טיף געגלייבט, אַז ער דאַרף ניט די שטאָט און ניט דעם שטאָטישן מענטש, אַז ער קאָן אויסקומען מיט זיך אַליין און מיט זיין דאָרף טענגושיי, ווייל דער מענטש קאָן ניט זיין מילדער ווי די אָוונטבלאָקייט פון די וואָלגע־פליינען, קאָן ניט זיין לויטערער ווי דאָס קוואַלוואַסער ביים דאָרף, קאָן ניט זיין האַרציקער ווי די מאַמע־ערד וואָס קאָרמעט אַלעמען.

2

אין איינעם פון די יאַנואַר־טעג איז די דאָרפגאַס פול געוואָרן מיט סטאַדעס שעפּסן, פערד און בהמות, וואָס זענען אָנגעקומען פון מערב־זייט. איבערן דאָרף איז געהאַנגען אַ מעקעריי און הירזשעריי פון הונגעריקע סטאַדעס. דער בלינדער מיקישקין איז געשטאַנען אין דעם פּראָסטיקן פאַר־טאָג פאַר זיין שטוב. זיין ווייסע באָרד איז שטייף געוואָרן פון קעלט. די לאַנגע האָר פון זיין אָנטבלויזטן קאָפּ זענען באַדעקט געווען מיט אייז. זיינע אויסגעשפּרייטע הענט מיט די דאַרע קנאָכיקע פינגער האָבן עפּעס געזוכט. די בלינדע אויגנלעכער האָבן שטאַר געקוקט. עס האָט אויסגעזען ווי דער אַלטיטשקער וואָלט פּלוצעם אָנגעהויבן זען מיט די שפּיצן פון זיינע ציטערנדיקע פינגער. ער האָט זיי געפּירט אין דער זייט, פון וואַנען ס'האָט זיך דערטראָגן די רעווערייַ פון דער געטריבענער סטאַדע.

פּלוצעם האָט ער דערפילט ביי זיינע פיס אַ ווייכן, קאַלטן קנויל, עפּעס האָט זיך לעבן אים געשאַרט. דער בלינדער האָט זיך איינגעבויגן. אַרומגענומען מיט זיינע הענט אַ שעפּסעלע, אַ הונגעריקס, אַ דערפרוירנס,

וואָס האָט קאַלט געאָטעמט אויפן אַלטן פויער. ער האָט דאָס שעפסל געוואָלט דערוואַרעמען, נאָר אַן אומגעריכטע בלענדיקייט האָט ווי אַ מעסער־שאַרף זיך איינגעשניטן אין זיין האַרצן; ער האָט זיך אַראָפגעזעצט אויפן שניי, און דאָס שעפסל האָט זיך געטוליעט צו אים און געזוכט די אויס־גייענדיקע וואַרעמקייט פון זיין אַלטן גוף. עטלעכע שכנים, צווישן זיי, דאָס אייניקל, די יונגע ליאָסקאַ, האָבן דעם בלינדן אַריינגעפירט אין כאַטע, אויסגעבעט אים אַ געלעגער אויפן אויוון און אים איינגעוויקלט אין אַ דעקע. דעם אַלטנס קנאָכיקע פינגער האָבן געציטערט, עפעס האָט ער געשטאַמלט, נאָר זיין שטאַמלעריי איז פאַרטויבט געוואָרן פון דער סטאַדעס הונגער־געיאָמער, וואָס איז געהאַנגען איבערן דאָרף.

שעפסן, ווי ברודיקע, אויסגעקראָכענע וואָלקנוילן, האָבן געגישטערט אין די ווינקלען פון דער פאַרשנייטער גאַס. זיי זענען צוגעפאַלן צו דעם נאָך וואַרעמען פערדישן מיסט און געוואַרעמט דאָרט זייערע פאַרפרוירענע קעפ. זיי האָבן זיך געפלאָנטערט לעבן די בהמות, געוואָלט זיך באַהאַלטן אונטער זייערע איינגעפאַלענע בייכער, געשטויסן זיך, כּדי צו געפינען אַן אָרט לעבן די פערד. יונגע שעפעלעך האָבן זיך געוואַרעמט ביי זייערע מוטערס, געקניִט אויף די פאָדערשטע פיס, פאַרוואָרפן די קעפ אויף אַרויף און אַזוי זייגנדיק די אייזיקע אייטערוואָרצלען זיך נאָכגעשאַרט אויף די פאָדערשטע קני נאָך דער סטאַדע. די פערד האָבן געראָיעט די ערד, געקלאַפט מיט די קאָפעטעס אינעם האַרטן שניידעק און דערגראָבן זיך צו די פאַרדאַרטע פאַראַיאָריקע גרעזעלעך און וואָרצלען. די שעפסן האָבן באַגלייט די פערד, געוואָרפן זיך אויף די צעראָיעטע שטיקער ערד.

פויערים האָבן אַרויסגעטראָגן בינטלעך היי. די רעזערווע פון דער סטאַדע איז נאָך העכער געוואָרן, די וויעכעטשעס היי זענען צעפליקט געוואָרן אויף פיך־פיצלעך, הונגעריקע שעפסן האָבן זיך געטראָגן מיט אַ מויל היי איבער דער גאַס און געזוכט אַ ווינקל ווו צו קאָנען עס אויפעסן. צענדליקער שעפסן און דאַרע פערד זענען זיי נאָכגעלאָפן. דערנאָך האָבן זיי לאַנג באַשמעקט דאָס אָרט, כּדי כאָטש איינצוזאַפן מיט זייערע נאָזלעכער דעם ריח, וואָס דאָס גרינלעך וואַרעמע און טרוקענע היי האָט געלאָזן איבער די שנייען.

אין שפעטן פאַרנאַכט האָבן זיך עטלעכע באַפעלצטע סאָלדאַטן אַרויפ־

געזעצט אויף שליטנס און געטריבן די ריזיקע סטאַדעס צום אומענדלעכן רוסישן מיזרח.

אין יאַנואַר ווערט שקיעה־צייט דער פראָסט שטאַרקער. די פּאָר־שנייטע פלאַכן קנוילן זיך צונויף און לייגן זיך מיט זייער בלאָען אומעט צופוסנס פון די קליינע פּאַרשנייטע דאָרפישע שטיבער. ערגעץ קלאַפּן טעמפּ ביט־געקאָוועטע פערדישע פיס. אַ טויער צעסקריפּעט זיך. דער ברונעם־עמער טריפט גרויסע שווערע אייזטראָפּנס, וואָס פרירן אין אויגנבליק און פאַרוואַנדלען זיך אין אייזצאַפּנס.

אין די שטיבער פלעמלען אויף ביי די איקאָנעס באַפּטקאַנעצלעך מיט אַ רויטלעכער שיין. ערגעץ מעקעט אַן אויפהער אַ ציג. אַ פּאַרשפּעטיקטע פויערטע שלעפּט אויף זיך אַ בינטל צווייגן. דער שניי קרעכצט אונטער די טריט פון אירע לאַפּטשעס. ס׳פליסטערן פויערטעס דעם פּאַרנאַכטיקן לויב צו אַלע הייליקע, אַ לויב דערפאַר וואָס זיי זענען ביי זיך אין דער היים און ניט אויף די וועגן, אַ לויב פאַר דעם וואַרעמען אויוון ווו מ׳קאַן אין די ווינטער־נעכט זיך אויסוואַרעמען און שלאָפן.

— אָ, מאַמעלע האַרציקע, דערלייזערין מיינע! באַשיץ די וואָגלערס וואָס זענען אין דער נאַכט אונטער דיינע אויסגעפּרוירענע הימלען, באַשיץ אויך די, וואָס זענען אין זייערע היימען!

3

אין טונקעלן אַלקערל פון איוואַניטשעס כאַטע איז געלעגן מנחם איינגעוויקלט אין אַ וואָלענער דעליע. ער האָט געקוקט אויף די וואַנט־בעלקעס, אויף דעם געהילץ מיט סענקעס און שפּאַלטן. יעדער מאָל האָט ער עפּעס נייס דאָרטן דערזען. דער מאָך, וואָס האָט פון די אַלע שפּאַלטן אַרויסגעקוקט, האָט אים דערמאָנט זיין קליין שטעטל לעבן פּלינצק, אַזאַ מאָך פלעגט מען דאָרט לייגן ווינטערצייט צווישן די טאָפּלטע פענצטערס. די שווערע, וואָלענע דעליע פון ניט־געררייניקטן וואָל האָט פול געמאַכט דאָס חדרל מיט ריחות פון שעפּסן. פון די בעלקעס האָבן געטריפט זשיוויצע־טראָפּנס, וואָס האָבן געלויכטן אין אַלקערל ווי דער רייינסטער בורשטין.

זינט דעם טאָג ווען מנחם איז פאַרוואָגלט געוואָרן קיין טענגושיי און מען האָט אים צוגעוויזן דאָס ווינקל ביים אַלטן קינדערלאָזן פּאָרפּאָלק,

ביי די איוואַניטשעס, זענען אומגעריכט פאַר אים אַליין אויפגעגאַנגען אין אים נייע פאַרלאַנגען, זייטיקע, פרעמדע. לעבנדיק צווישן די פויערים פון דאָרף, האָט ער זיך דערנענטערט צו דער נאַטור, צו דאָרפּישקייט, צו דער ערד. להיפּוך צו זיינע באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך אין זייער וואַנדערונג געלאָזן אין די שטעט פון גרויסן רוסלאַנד, האָט מנחם זיך פאַרקליבן אין אַ זייטיק דאָרף ערגעץ ביי דער וואַלגע, געלעבט צווישן די פויערים, גע־אַרבעט מיט זיי אין פעלד, אין וואַלד, געוווינט מיט זיי אונטער איין דאַך, געגעסן פון איין הילצערנער שיסל און ליב באַקומען די אומעטיקע פלאַכן ביי דער וואָלגע. די ליבע צו די דאָרטיקע פויערים האָט אַרויסגעלויכטן פון זיין נשמה. די פויערים האָבן דאָס דערשפּירט, האָבן זיך געטיילט מיט אים מיט זייער קאַרגן ביסן ברויט. גערופן האָבן זיי אים היימישלעך — מישאַ. קיינער פון טענגושיי האָט אים ניט געפרעגט וועגן זיין היים. געוווּסט האָבן די פויערים, אַז מישאַ איז אַ ייִד פון וויַיטן פּוילן.

אין די אָוונטן ביים סאַמאָוואַר מיט זודיקן טיי האָט איוואַניטש קיין מאָל ניט דערמאָנט מנחמס היים. דער אַלטער האָט געשוויגן, ער האָט געהערט וועגן דעם אומגליק וואָס איז געשען מיט ייִדן, און האָט זיך דער־שמועס אַ קייקל געטאָן אין אַ זייט און מען האָט דערמאָנט מנחמס היים פלעגט איוואַניטש איבעררייסן מיט אַ זאָג:

— אַן אמתער פאַסטעך טרייבט ניט די שעפּעלעך אין אומבאַקאַנטע טאָלן.

געמיינט האָט דערמיט איוואַניטש, אַז מען דאַרף ניט טראַכטן וועגן דער היים, מחמת די לאַגע איז נאָך ניט אין גאַנצן קלאָר.

לאַנגע שעהן איז מנחם געלעגן אין די ווינטער־פאַרנאַכטן אויף זיין בעטל און אויסגעהערט די פויערשע געשיכטעס, גערעדט האָט מען וועגן אַמאָליקן לעבן, וועגן גערעטענישן און טריקענישן, וועגן יאָרן פון זאַטקייט און הונגער, וועגן שימחות און קריגערייען.

ס'האָט אין אים אויפגעקלונגען די לאַנג איינגעשטילטע שטימע פון זיינע זיידעס — ייִדישע פויערים פון פליניצק. ער האָט זיי געזען אין זיין דימיון, מיט רויטהאָריקע בערד, מיט צעפּאַטלטע האָריקע ברוסטן ביים אַקערן, ביים זייען. זיינע עלטער־זיידעס האָבן אויפגעבויט אַ דאָרף מיט ייִדישע פאַסטעכער און ייִדישע שניטערס, מיט ייִדישע אַקערערס און וואַלד־

העקערס. אומרויקע צייטן זענען געקומען. אויפשטאַנדן, פּאָגראָמען און מלחמות. די ייִדעס זענען פון דאָרף פאַרטריבן געוואָרן, געבליבן איז נאָר אַ דאָרפישער בית־עלמין מיט פאַרזונקענע מצבות און אַ חרובע דאָרפישע שול. מנחמס ייִדעס האָבן זיך באַזעצט אין טשעכאַנאָווע און מלאַווע, געוואָרן בעלי־מלאכות און אין די בתי־מדרשים דערציילט מעשׂות וועגן ייִדישע ייִשובניקעס, וועגן אַרענדאַרן און שיכּורע דזשעדזשיצעס. נאָר טיף אין האַרצן האָט אין זיי אַלעמען געטליִעט די ליבע צו ערד און פעלד. ווי אַ פאַרוואָגלט קערנדל וואָס וואַרט אויף ליכט און וואַרעמקייט, כּדי צו קאָנען אויפשפּראָצן, אַזוי האָט ביי מנחמס ייִדעס זיך געוואַרעמט אַ בענקשאַפט צו ערד. די וואַרעמקייט איז איבערגעגאַנגען בירושה און איצט האָט זי אויפגעטויכט ביים צוואַנציק יאָריקן מנחמען ערגעץ אין אַן אומבאַקאַנטן וואָלגע־סטעפּ, ווייט־ווייט פון זיין היים.

גראָד אין די מלחמה־טעג, ווען מיליאָנען מענטשן זענען אַנטלאָפן פון זייערע היימען און בלויז מיטגענומען זייערע דורכזשעווּדיקע שאָטנס, וואָס האָבן זיך אויף די שנייפליינען געטונקלט ווי וואַנדערנדיקע פּיִאָלעטע נעפּלען; ווען מענטשן האָבן געטראָגן זייער אומרו צום פאַרשנייטן רוסישן מיזרח און אַנגעשטעקט מיט ווי און שרעק אַפילו די פייגל; גראָד אין יענע טעג איז אין מנחמען אויפגעגאַנגען דער ווילן צו לעבן צווישן די פּויערים, אויפבויען זיך אַזאַ שטוב פון וואַלדגעהילץ, קליידן זיך אין אַ שעפּסנפּעל, טראָגן לאַפּטשעס אויף די פיס. ער האָט ליב באַקומען די וואַרעמקייט פון די קליינע הילצערנע שטיבער מיט זייערע גרויסע אויוונס, די מילדע און גוטע רוסישע פּויערים, די לאַנגבערדיקע, אין פעלצן און גרינע גאַרטלען.

4

איוואַן איוואַניטש איז נאָך פון פאַרטאָג ניט געווען אין דער היים. ער איז פאַרנאַכט שטיין געבליבן לעבן גאַנעקל און ניט געקאָנט אַריין. צוויי שווערע בשׂורות האָט ער געדאַרפט אָנזאָגן: וועגן טויט פון וואַסיל מיקישקין און וועגן דעם, אַז מישאַ דאַרף מאָרגן פרי זיך צושטעלן אין דער אַרמיי.

וואַסיל מיקישקין איז געווען איוואַניטשעס באַענטסטער פריינד. די צוויי אַלטע פלעגן זיצן אין די פאַרנאַכטן שעהן־לאַנג און ריידן וועגן

היימישן וואַלד, וועגן ווילדגעפליגל, וואָס נעסטיקט זיך אין די וועלדער און ראָשטשעס, וועגן פאַרבאָרגענע קוואַלן, וואָס געווג אַ שטיינדל אַוועקצונעמען, אַז וואַסער זאָל פון זיי אַ שלאָג טאָן...

אויף אַ שטח פון צענדליקער וויאָרסט האָבן זיי געקענט יעדער הויכקייט, יעדער טאָל; זיי האָבן די ערטער אָנגערופן מיט אייגענע נעמען, וואָס קיינער האָט ניט פאַרשריבן; זיי האָבן געוווסט אַלע וואַלדוועגן, געקענט די אַלטע לעסניקעס, געוווסט די גרענעצן פון די אַמאָליקע פּריצישע פעלדער און הויפן. זיי האָבן געקענט ווי די צען פינגער פון זייערע הענט אַלע ערטער אין די וואַסערן ווו ים־פיש פאַרבלאָנקען און געקענט גענוי די צייט ווען מען דאַרף אויף זיי אָנשטעלן די נעצן. איוואַניטש פלעגט אָפט דערציילן ווי מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָט אַ פאַרבלאָנדזשעטער ים־פיש שיער ניט מיטגעריסן די נעצן, נאָר אויף זיין געשריי זענען פאַסטעכער געקומען און מיט גרויס מי איז זיי געראָטן די נעצן אַרויסצושלעפן מיט אַ פיש פון פיר אַרשין די לענג...

אַ געבויגענער אין דרייען, האָט איוואַניטש געשטעלט זיינע שווערע טריט איבערן גאַנעקבריקל. דער טויט פון מיקישקין האָט אים נאָך מער איינגעבויגן. ער האָט דערפילט ווי זיינע פיס וואַקלען זיך, און אַ מידער איז ער אַריינגעפאַלן אין שטוב. מאַריאַ פעריפעראָוונאַ האָט אים באַגעגנט.

— אַך, דו, דיאַוואָל, ביעס, אַ גאַנצן טאָג זיך אַרומגעשלאָנדערט!

איוואַניטש האָט זיך געזעצט אויפן קליינעם אויוונבענקעלע און אָנגעהויבן פונאַנדערצוקניפּלען די לעדערנע רימענס פון די לאַפּטשעס. ער האָט זיי פאַוואָליע אָפּגעוויקלט, אויסגעטאָן די אָניטשעס, אַריינגערוקט זיי אין די אויוון־מייערלעך, די לאַפּטשעס אַרויפגעשטעלט אויף די אויוון־ציגל און זיך אַהין פאַרקליבן.

פאַר טאָג איז מנחם שוין געלאָפן צום מאַרק. ס'האָבן אים באַגלייט איוואַן איוואַניטש און מאַריע. דאָרט זענען זיך צונויפגעקומען די מענער פון דער געגנט. נידעריקע שליטנס, מיט פערד געשפּאַנטע און דוהעס, זענען אָנגעקומען פון די ווייטסטע דערפלעך, געבראַכט צו פירן גאַנצע מישפּחות.

די ברייטע דאָרפגאַס איז איצט פול געוואָרן מיט מענטשן און פערד. די ערשטע האָבן זיך געשטעלט די רוסן פון טענגושיי. זיי זענען געשטאַנען שווייגנדיקע מיט די פּעקלעך ביי די פיס. צו די גאַרטלען זענען צוגעבונדן

געווען עטלעכע פּאָר לאַפּטשעס אויף זאַפּאַס, כּדי ניט צו בלייבן באָרוועס אין לאַנגן וועג ביז מאָסקווע, ווו מ'וועט באַקומען סאָלדאַטסקע שטיוול. די ווייבער זענען געווען יום־טובדיק געקליידט, זיך געחנט מיט זייערע בונטע קאָפּטיכלעך און שנייווייסע וואָליקעס.

פון טאַטערשן דאָרף אַטעגינאַ זענען מיט קלימפּעריי און קלינגעריי אָנגעקומען די טאַטערס. דאָס געשפּאַן פון זייערע פערד — מעש און ביקל. די פערד — הויכפיסיקע מיט רונדיקע בייכער און לאַנגע העלדזער, מיט צעקעמטע גריוועס און צעפלאָשעטע עקן. די שלאַנקע שיפּאָויגיקע טאַטערס זענען געקומען מיט זייערע ווייבער, איינגעוויקלטע אין טונקעלע שאַלן און מאַנטלען, לאַנגע ביז די פּיאַטעס. זייערע מאַנדלאויגן מיט די שוואַרץ געדיכטע ברעמען האָבן מיט טרויער געקוקט אויף די מענער און זייערע שמאָלע ליפּן האָבן געשעפּטשעט נאָר זיי אַליין באַקאַנטע תּפילות.

פון דאָרף שאָקשאַ זענען געקומען אויף צענדליקער שליטנס די מאָרדווינער. זיי זענען פאַרפאָרן מיט אַ טומל און גערודער. די נאָכלאָזיק געשפּאַנטע פערד האָבן זיך געריסן פון די שליטנס, דער געשפּאַן פון ליפּע־רינדל דרייפאַכיק געפלאָכטן, האָט געפּאַסט צו די נידעריקע פערד מיט די איינגעפאַלענע רוקנס. די דוהעס זענען געווען אויסגעמאָלן מיט כּלערליי אוזאָרן. די ווייבער האָבן געטראָגן רויטע קאָפּטיכלעך און די פוטערס זענען געווען אַרומגעגאַרטלט מיט געלע גאַרטלען. אין דער גרויסער מאַסע האָבן זיי אָפּגעזוכט זייערע נאָענטע, אַרומגענומען זיך און צולייגנדיק איין באַק צו אַ צווייטנס באַק געוויינט אויפן קול.

פון דאָרף באַראַשעוואָ זענען געקומען די רוסישע וואָלדהעקערס, אַלטע, בערדיקע פויערים, מיט שווערע און מידע טריט, מיט געדיכט באַ־וואַקסענע ברעמען, מיט ביינערדיקע פּנימער און קורצע, פעסטע הענט. פויערים וואָס האָבן שוין צענדליקער יאָרן געלעבט אין סאַמע געדיכטעניש פון וואַלד און קיין מאָל ניט פאַרלאָזט זייערע וואַלדשטיבלעך.

פון דודניקאָוואָ זענען מיט דער פלינקייט פון הירשן אָנגעלאָפן אויף שליטנס די פאַסטעכער. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין דעם מענטשן־גע־דיכטעניש מיט האַרמאָשקע־טענער, עמעץ פון זיי האָט אויפגעזונגען:

טרויעריק דער וועג, טרויעריק די געגנט,
מיט מיין ליבסטער כ'האָב זיך היינט געזעגנט.

פון דאָרף קוליקאָווע זענען געקומען די אַקערערס — ברייטפּלייציקע רוסישע פּויערים, שיכּורלעך צעפּלאָמטע, גוטמוטיקע, גרייט מיט יעדער איינעם זיך צו קושן און האַלדזן.

מיטאָגצייט האָט דער פראָסט געפּלאַצט. אַ דריבנער און טרוקענער שניי האָט אָנגעהויבן צו פּרישען. שנייעלעך האָבן אַראָפּגעבלענדט פון די מענטשישע פּנימער.

מנחם איז געשטאַנען צווישן דער מאָסע אין אַ טונקעלן, אויסגעריבענעם שטאָטישן מאַנטל, וואָס האָט נאָך איינגעפאַלענער געמאַכט זיינע שמאָלע אַקסלען.

— אַהאַ, אַ שטאָטישער! — האָבן פּויערים מיט חידוש אויסגערופן.

איוואַניטש און זיין ווייב מאַריע זענען פון אים ניט אָפּגעטראָטן. איוואַניטש האָט געשוויגן, נאָר מאַריע האָט גערעדט:

— מישאַ, מיר וועלן בעטן גאָט פאַר דיר, דו זאָלסט צוריקקומען. ווייס, אַז דו האָסט אַן אָרט ביי אונדזער טיש.

מאַריעס געקנייטשט פּנים איז פייכט געוואָרן פון פרישנדיקן שניי. אירע גוטע אויגן האָבן מיט מאַמישקייט געקוקט אויף מנחמען. פון אירע אַלטע, געקאַרבטע אויגן־ווינקלען האָבן אַרויסגעפינקלט צוויי טרערן. זי האָט זיך אָנגעבויגן צו מנחמען און מיט איר וואַרעמען אָטעם אַריינגעהויכט אים אין אויער:

— ליאָסקאַ וואַרט אויך אויף דיין צוריקקומען...

מנחם האָט געווישט דאָס פייכטע פּנים, אויסגעווישט די פאַרשנייטע ווי:עס און אַ פּלוצעמדיקע ליכטיקייט האָט אים באַשטראַלט. אַלעקסאַנדרע אָדער, ווי מען רופט זי פאַרצויגן, ליאָסקאַ, וואַרט אויף אים. דאָס צעפלאַטערט רוסישע מיידל, מיט די גרויסע מאַנדלאויגן, וואָס האָט אים אין די זומערס ביים סענאַקאָס געוויזן ווי אַזוי צו קאָסיען, ווי אַזוי אָנצונעמען אויף ווילעס פּולע הויפּנס היי; וואָס האָט אים הילכיק אַריינגעלאַכט אין פּנים אַריין פאַר ניט קענען אויסריידן די דאָרפישע נעמען מיטן היימישלעכן אַקצענט, די אָ ליאָסקאַ שטייט איצט פאַר אים, אפשר דאָס לעצטע מאָל. צי וועט ער נאָך אַ מאָל זען טעבגושיי? ניין, די וועגן פירן אים איצט אויף מערב, צו מאָסקווע, פון דאָרט וועט ער גיין ווייטער און ווייטער, ביז זיין היים, ביז די חורבות פון זיין שטוב.

איוואַן איוואַניטש, ווי ער וואָלט אַרויסגעפּילט מנחמס געדאַנקען, האָט צעשפּרייט זיינע הענט, אויפגעהויבן הויך זיין קאָפּ און גערעדט ווי צו די ווייטקייטן:

— קאָן מען דען פאַרבייטן די פאַרשנייטע פּליינען, די וואָלגע? דו, מישאַ, וועסט אַוועק, און אפשר ניט קומען צוריק, נאָר די פלאַכן וועלן דיר נאָכגיין.

דער גערויש פון המון איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שטאַרקער, די געוויינען פון די מאָרדווינער — הילכיקער. אויף אַ שליטן האָט ווער אָפּגעדעקט פון אונטער אַ דעקטוך אַן איקאָנע, אַ באַצירטע מיט גאָלדפּאַפּיר. די מאָרדווינערינס האָבן אַרומגעפּירט אַרום שליטן זייערע מענער, אַרומגעקרייזט די איקאָנע צענדליקער מאָל און געוויינט מיט לאַנגע אויסגעצויגענע טענער. אַ טייל פון די מענער האָבן געקניט און אַנטבלויזט זייערע קעפּ. פּלוצעם האָט זיך דער המון אַ וויג געטאָן. צווישן דער מאַסע האָט זיך דורכגעשטופּט אַ מיליטערמאַן מיט לאַנגע פּאַפּירלעך אין די הענט. אויף עטלעכע שליטנס האָבן זיך אַרויפגעשטעלט יונגע פויערים און הויך אויפן קול געלייענט:

— סטעפּאַן גאַווריל‏אָוויטש...

— ניקאָליי...

די פאַרזאַמלטע פויערים האָבן זיך איבערגעקוקט, ערגעץ אין המון האָט זיך עמעץ אַ באַוועג געטאָן און אַ פרעמד פויעריש קול האָט דומפּיק אויסגעשריגן:

— א י ך!

דער אָוונט איז צוגעפאַלן. די דינינקע שניידימענטלעך זענען איצט בלאָלעך געוואָרן. אויף דער דאָרפגאַס זענען נאָך געשטאַנען הונדערטער פויערים. די ווייטקייטן האָבן פאַרנומען דעם רוף פון נעמען:

— סטעפּאַן אַלעקסעיעוויטש; איוואַן פּעטראָוויטש!

מיט טויבלעכע, האַרטע און הייזעריקע עכאָס האָבן די שניי־ווייטקייטן אָפּגעענטפערט. און צווישן די אַנצאָליקע רוסישע נעמען, וואָס די פאַרנאַכטיקע הימלען פון דאָרף טענגושיי האָבן אויפגענומען, האָט פרעמד אָפּגעקלונגען אַ נאָמען פון אַן אומבאַקאַנטן:

— מע—נאַ—כעם, פּע—סאַ—כאָוויטש!

— איך!

די פויערים האָבן געזוכט מיט זייערע בליקן דעם פרעמדן. די וואָלגע־פלאַכן האָבן אויפגענומען די עכאָס פון די רוסישע בעמען און אויך מנחמס נאָמען האָט זיך אַוועקגעטראָגן איבערן פאַרשנייטן רוסישן ברויט־סטעפּ.

די ערשטע שליטנס האָבן גערירט. נאָך זיי האָט זיך געצויגן אַ המון. אַ האַרמאָשקע האָט אויסגעשפּילט אַ ניגון און עמעץ האָט געזונגען:

טרויעריק דער וועג, טרויעריק די געגנט...

דער וועג האָט געפירט פאַרביי די טויטע וויעטראַקעס. ביי די לעצטע הייזער פון טעגגושיי האָט זיך דער מענטשנשטראָם אָפּגעשטעלט. די פרויען האָבן גערופן צו זייערע מענער:

— זדאַראָוו! זדאַראָוו!

מנחם האָט אַ לעצטן בליק געטאָן אויף דעם פאַרשנייטן דאָרף און ענגער זיך איינגעהילט אין מאַנטל. אין דעם פּיאָלעטן אָוונט־דעמער האָט מיט אַן אייגן ליכט אויפגעלויכטן אַ געשטאַלט. ער האָט דערפילט דעם וואַרעמען הויך פון אַ מיידלש מויל. לעבן אים, פּנים צו פּנים, איז געשטאַנען ליאָסקאַ. אַ ליכטיקייט האָט געשלאָגן פון אירע אויגן. דער שעפּסענער פּעלץ איז לויז געהאַנגען אויף אירע אַקסלען. מנחמס אויג איז געפאַלן אויף איר ווייסן רונדיקן מירמלהאַלדז. מיט אירע הענט האָט זי אַרומגענומען זיינע, אַ ווײַלע זיי פאַרהאַלטן אין אירע וואַרעמע און פולקע פינגער און אַרויפגעצויגן אויף זיינע הענט אירע וואָלענע הענטשקעס. זי האָט דערביי מיידלש־פאַרשעמט אַרויסגעמורמלט:

— מישאַ, איך וועל וואַרטן אויף דיר. אַפילו אַ צעקאַלעטשעטן וועל איך דיך נעמען.

די שליטנס האָבן זיך געצויגן אין אַ לאַנגער שורה. די מאַסע האָט גענומען לויפן נאָך די שליטנס. דאָס געשפּאַן האָט טעמפּ געקלונגען. פון דער טונקלקייט האָבן פרויִשע שטימען גערופן צו זייערע מענער. מנחם האָט געהערט ליאָסקאָס קול:

— מי—שאַ—אַ—אַ—אַ!

דער המון האָט זיך געטונקלט אין דער ווייטקייט. די טויטע פליגל פון די ווינטעראַקעס האָבן געשפּרייט לאַנגע, אויסגעצויגענע שאָטנס און עס האָט אויסגעזען, ווי ביינערדיקע הונגער־הענט האַלטן די שנייפלאַכן אין קלעם.

אַ פרישענדיקער שניי האָט אָנגעהויבן אַלץ אַרום צו פאַרווישן ביז דער מענטשנפלעק האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דעם פּאָלעט פון מערב־דיקן הימל.

ג. אַדריאַן

1

וואָס מער דער מענטשן־קנויל האָט זיך דערווייטערט פון טענגושיי, אַלץ אויפגעפלאָנטערטער איז ער געוואָרן. אַ לאַנגער באַוועגלעכער טונקעלער פּאַס, ווי אַ ווייטער וואַלד, וואָס וואַלט אויפגעוואַכט אין אַ שטורעם, האָט זיך פּאַמעלעך געצויגן איבער די בלאָ־שנייִיקע פּאַרנאַכטיקע פעלדער. ביים פּאַרקאָוועטן ברעג פון דער מאָקשאַ זענען נאָך אַלץ געשטאַנען די פּויערטעס פון די אַרומיקע דערפער און געפּאָכעט מיט ווייסע טיכלעך צו דער מענטשנ־ריי, וואָס האָט שוין באַלד דערגרייכט דעם האָריזאָנט.

פּאַרנאַכטיקע דורכזעעוודיקע וואָלקנס האָבן געשפּרייט באַוועגלעכע פיאָלעטענע שאָטנס איבער די פּאַרשנייטע פלאַכן. זיי האָבן איבער די פליינען געווימלט, צונויפגעפירט ערד מיט הימל, פּאַרקניפּט האָריזאָנט מיט האָריזאָנט, פּאַרבונדן דעם לאַנגן טונקעלן מענטשן־פּאַס מיט די וועלדער און הימלען.

די פּויערטעס האָבן אין דער ווייט אַריין גערופן די נעמען פון זייערע מענער. דער ווייטער מענטשן־פּאַס האָט זיך צונויפגעקנוילט. די פּויערים האָבן אַראָפּגענומען זייערע פוטערהיט און געפּאָכעט צום הויכן ברעג פון דער מאָקשאַ, וווּ ס'זענען נאָך אַלץ געשטאַנען זייערע ווייבער.

אין האַלב־רונדיקן קרייז אַרום די היי־פעלדער, וואָס די מאָקשאַ מאַכט ביי טענגושיי, האָבן זיך אין דעם פּאַרנאַכט קוים געמערקט די דערפער באַשקירצי, קוליקאָוו, קראַסני־יאַר און עטלעכע טאָטערישע און מאָרדוויניִשע כוטערן. זיי האָבן זיך געפונען איין ריי איינס פון צווייטן אין אַ גלייכן מרחק, אַזוי ווי פּויערים וואָס זעצן זיך אין סענאָקאָס אויס אויף די הייפעלדער צום מיטאָגרו.

ערשט ביים ראַנד פון וואַלד האָבן די פּויערים דערפילט דעם אומעט

פון צעשיידן זיך מיט די היימישע דערפער. זיי האָבן זיך ניט פאַרקירעוועט רעכטס צום וואַלדוועג, נאָר זענען לאַנג געשטאַנען און געקוקט צום געזעמל פון פויערטעס ביי דער מאָקשאַ און אויך צו די דערפער. די פויערים זענען איצט געוואָרן ערנסט און שווייגנדיק, מיט פנימער ווי פון קאַלטן מירמל.

די פאָדערשטע שליטנס האָבן גערירט. דער קלאַנג פון געשפאַן און דאָס קלאַפּן פון פערד אין געפרוירענעם שניי האָבן אויפגעריסן די שטילקייט. די פויערים זענען געלאָפן נאָך די פערד, געקלאַפּט זיך מיט די הענט אונטער די אָרעמס און מיט שווערקייט געשטעלט די פאַרוויקלטע און פארקניפּטע פיס אין לאַפּטשעס און וואַלטיכער.

— עך ברודערל, אַ טרעסקנדיקער!

— אַן אַנווינטיקער!

וואָס פינצטערער עס איז געוואָרן, אַלץ מערער האָבן זיך די מענטשן געהאַלטן נענטער איינער צום צווייטן, ווי זיי וואָלטן ניט געטרויט דער פראָסטיקער נאַכט צו בלייבן מיט איר אויג אויף אויג. מענטשן האָבן געגאַרט צו מענטשישער וואַרעמקייט, צום געפרוירענעם מענטשישן אָטעם, צום טיטון־רויך, צו אַ מילד וואָרט וועגן היים, וועגן ווייב און וואַרעמען פּיעקעליק.

די קעלט האָט קלענער געמאַכט די מענטשן, איינגעפאַלענער, פאַר־שלאָסענער. זיי האָבן איצט זעלטענער גערעדט, ניט געררייכערט. זייערע באַוועגונגען זענען געוואָרן לייכטערע, ווי זיי וואָלטן ניט געווען באַפּעלצט מיט שעפּסן־פעלן און וואַטניקעס.

שפּעט ביי נאַכט איז די מאַסע אָנגעקומען צום דאָרף אַלעקסאַנדראָווע. פון די פאָדערשטע רייען האָבן די מיליטערישע באַגלייטער גערופן:

— אין די שטיבער! אָנוואַרעמען זיך!

לענג אויס דעם שליאַך זענען געשטאַנען צוויי רייען הילצערנע הייזער פאַרהילטע אין חושך. אַרום די הייזער זענען ניט געווען קיין ביימער, קיין פאַרצוימונגען, נאָר אומענדלעך פאַרשנייטע פעלדער. דער וואַלד האָט אין אַ קרייז אַרומגענומען דאָס דאָרף מיט די פעלדער ווי אַ טונקל־בלאָער רייף.

צוזאַמען מיט מנחמען זענען אין דער כאַטע אַריין עטלעכע פויערים,

צווישן זיי, מנחמס שכן אַדריאַן. עמעץ האָט אַרויסגענומען פון בוזעם אַ קיזלשטיינדל און מיט אַ שטיקל אייזן געגומען אויסשלאָגן פייער. פונקען האָבן אָפּגעשפּרונגען פון שטיין, באַלויכטן אויף אַ ווײַלע די געדיכטע פינצטערניש און זיך ווידער געלאָשן, ביז פון אַזאַ פונק האָט מען אַ פייערל צעבלאָזן און אָנגעצונדן אַ קליין נאַפט־קאַנעצל.

אַרום דעם נאַקעטן טיש האָבן זיך אויסגעזעצט די פרעמדע מענטשן. אַוועקגעשטעלט די זעקלעך אויפן דיל און געזוכט מיט די בליקן די בעלי־בתים.

ערגעץ אויפן אויוון האָט זיך עפּעס געגומען באַוועגן. פון צווישן דעקעס האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ לעבעדיק באַשעפעניש, אַ פויערטע האָט זיך אויפגעזעצט אויפן ראַנד פון פּיעקעליק, אַראָפּגעלאָזט אירע נאַקעטע פיס און פון אַ קנויל אויסגעוויקלט אַ קינד. אירע ברוסטן זענען אָפּגעדעקט געווען און האָבן אויסגעזען ווי די פּוסטע מעל־טאָרבעס וואָס הענגען אין פויערישע אַמבאַרן.

מנחם האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע. ער האָט זיך איינגעהילט אין דינעם מאַנטל, געפילט ווי ערשט דאָ נעמט אים אַרום אַ שניידיקע קעלט און עס קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן. אַ שטעכיקייט, ווי פון נאָדלען, האָט אים קיין רו ניט געגעבן. די שטעכיקייט האָט זיך אָנגע־הויבן פון די שפּיצן נעגל פון די פיס און איז דערגאַנגען ביז צו די אויערן.

די פויערים האָבן צעבונדן זייערע זעקלעך, אַרויסגענומען פון דאָרט קיילעכדיקע ברויטן, שטיקלעך סאַלע און אָנגעהויבן עסן.

די פויערטע איז אַלץ געזעסן אויפן ראַנד פון פּיעקעליק, געטוליעט צו זיך דאָס קינד, און מיט אַ וויינענדיקן ניגון גערעדט צו זיך:

— אויף וועמען האָט ער מיך איבערגעלאָזט? וואָס וועל איך, אָרעמע, אַליין טאָן? ווי אַזוי וועל איך זיך באַשפּייזן? ווער וועט מיר אַ מילד וואָרט זאָגן?

די לעצטע ווערטער פון יעדן זאַץ האָט זי אויסגעצויגן מיט אַ לאַנג בליפּעריי וואָס האָט זיך ביי יעדן טראַף אָפּגעהאַקט.

דער ברייטפּלייציקער אַדריאַן, מיט איבערגעוואַקסענע הענט, מיט אַ ברייטביינערדיק פּנים און טיפע אויגן־לעכער ווי פויסטן די גרייס, איז

געזעסן לעבן מנחמען אויפן דיל, אַראָפּגעצויגן פון זיינע פיס די דינע אויסגעריבענע שטיוול און מיט זיין אָטעם געוואַלט דערוואַרעמען מנחמס דערפרוירענע פינגער.

— ער וועט דערפרוירן ווערן, — האָבן זיי צווישן זיך גערעדט. די פויערים האָבן געקוקט אויף דעם פרעמדן יונגן מענטש, באַטראַכט זיין הילוך, באַוואונדערט ווי אַזוי ער איז דערגאַנגען די עטלעכע צענדליק וויאָרסט אין די שטיוול און ניט פאַרפרוירן געוואָרן. זיי האָבן צווישן זייערע זעק אויסגעפונען צוויי וואַלטיכער, עמעץ האָט אָפּגעקניפּט פון גאַרטל אַ פּאָר לאַפּטשעס געפלאָכטענע פון ליפּע־קאָרע און אַדריאַן האָט זיי גענומען אָנטאָן אויף מנחמס פיס.

— אַ, נו־קאַ, טרעט, פּרוווּ! שטעל אַ פוס!

מנחם האָט זיך אויפגעשטעלט, זיינע איינגעפאַלענע אַקסלען האָבן אויסגעזען נאָך דינער און אויסגעבויגענער, ער האָט געשטעלט אַ טריט, דערנאָך אַ צווייטן. די שטעכיקייט האָט איצט זיך פאַרקליבן אונטערן ברוסט־גריבל. אַדריאַן האָט אים געפירט איבער דער שטוב און געלערנט גיין אין די פּראָסטע ליפּעווע שטיוול...

— שפּאַן, שטעל אַ טריט, וועסט ניט פאַלן!

מנחמען האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז אָט צעקניפּן זיך די אַלע שטריקלעך און שלייפן, אָט צעפלעכט זיך די ליפּע־קאָרע. ער האָט געפילט ווי ער וויגט זיך אין גאַנג, ווייל די פאָדערשטע שפּיצן לאַפּטשעס זענען העכער ווי די פּיאַטעס.

— מען קאָן גליקלעך זיין אויך אין לאַפּטשעס — האָט אַדריאַן געזאָגט.

אַ געלע קאַץ האָט אַ שפּרונג געטאָן פון קאַלטן אויוון און געבליבן שטיין מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צום טיש, וווּ עס זענען געזעסן די פרעמדע. די קעצישע אויגן האָבן געפלעמלט מיט אַ קאַלט און אומהיימלעך פייערל. דערנאָך האָט זי געעפנט אַ געל ציינערדיק מויל און דינע קעצישע גאַוואַר־פעדעמלעך האָבן זיך גענומען ציִען צו דער דיל. איר גאַנצע פעל איז געוואָרן אַ שטיק פאַרטייעבדיקע אומגעדולדיקייט, וואָס וועט יעדע רגע זיך אַ וואָרף־טאָן, אַ שפּרונג־טאָן, אויסציִען זיך און מיט שאַרפע קעצישע בעגל זיך איינבייסן אין די פּיצלעך ברויט וואָס די מענטשן שניידן אויפן

טיש. די קאַלטע אויגן־פּלעמלעך האָבן מיט אומהיימלעכקייט אַריינגעלויכטן אין די העלע פּויערישע אויגן. די פּויערים האָבן צוגעוואָרפן דער הונגעריקער קאַץ שטיקלעך עסן. מיט אַן אומגעוויינטלעכער שנעלקייט זענען די ברעקלעך פאַרצערט געוואָרן. דערנאָך האָט די קאַץ אָנגעהויבן יאָמערן מיט אַ שטילן אויסגעצויגענעם קעציישן געיאָמער, וואָס האָט זיך געוויקלט אַרום יעדן ביסן און פאַרשפּינט עס מיט דינעם קעציישן גאַווער.

די פּויערטע האָט גערופן די קאַץ, געשאָלטן זי, געשריִען אויף איר, אַז זי איז אַ ניט־אָנגעזעטיקטער טייוול, עפּעס אַ געלער טשאָרט, אַ ביעס!

זי האָט באַדויערט וואָס די קאַץ דעקט אָפּ אַזוי אָפן און אומפאַרשעמט דעם סוד פון דער שטוב, דעם הונגער פון דער האַלב־פאַרלאָזטער באַלע־באַטישקייט. די פּויערטע האָט זיך געשעמט פאַר די פרעמדע, אָבער ערגעץ טיף אין זיך איז זי געווען צופרידן, וואָס די קאַץ העלפט איר אויסוויינען דאָס גרויסע געוויין פון איינזאַמקייט און הונגער.

די פּויערים האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אויפן הילצערנעם דיל, איינגע־קנוילט זיך, פאַרדעקט זיך מיט די פּעלצלעך און געפּילט דעם שכנס דער־וואַרעמטן אָטעם. נעבן מנחמען איז געלעגן אַדריאַן, דער פּויער פון טענגושיי, און שטיל גערעדט, דערציילט מנחמען וועגן זיין שטוב, וועגן ווייב און דאָרף. דערנעבן האָט גערוט גאַווריליטש, דער אַקערער פון טאָטערישן דאָרף, לעבן אים דער מאָרדווינער טערענטיעוו — אַ פּאַסטעך פון דודני־קאָווע. ווייטער פון אים איז געלעגן וואַסקאַ — אַ בערדיקער פּויער, דער שמיד פון קאָלכאָזנעם הויף.

2

די אומענדלעכע ברויט־פעלדער זענען אין די מלחמה־יאָרן געלעגן ניט־געאַקערטע. דאָס ווילדגראָז האָט דערגרייכט ביזן פּאַס, אויף די האַלב־פאַרשנייטע פעלדער האָבן נאָך אין די האַרבסטן פּויערטעס גענישטערט, געזוכט די איבערגעבליבענע קאַרטאָפל, כאָטש פאַרפרוירענע, עס וועט אפשר טויגן צו מאַכן דערפון קראַכמאַל. זיי האָבן געזאַמלט דעם ברוינעם פּאָלין, וואָס זיי האָבן אים גערופן לעביעדאַ, געדראָשן די פּאָלין־זאַנגען און פון זיין טונקעלן מאָן געבאַקן שוואַרצע ליימיקע פלעצלעך.

אויסטערלישע וועלף מיט פלעקיקע פעלן האָבן זיך באַוויזן אין די

נעכט אין די דערפער. ביי טאָג האָבן הונגעריקע ציגן מיט פעלן אויסגע־קראַכענע פון הונגער, געבישטערט אין די פאַרשנייטע דאָרפישע הייף און געזוכט גרעזלעך.

די ווייטקייט האָט געשראָקן. אַ ליידיקע, אָן אימהדיק הונגעריקע ווייט האָט פאַרטייעט געלויערט, אַזוי ווי עס לויערט אַ שרעקלעכער טומאַן און טראָגט אין זיך פאַרלענדונג.

פאַרטאָג האָבן זיך די מענטשן געזאַמלט אַרום די שליטנס, אויס־געשטעלט זיך אין רייען און ווידער געשפּאַנט איבער די גרויסע און ברייטע רוסישע וועגן. פויערטעס האָבן אַרויסגעקוקט פון די קליינע פענצטערלעך און געשעפּטשעט תפילות.

— אָ, האָספּאָדי, מען טרייבט זיי, די אָרעמע.

אַדריאַן האָט דערציילט מנחמען וועגן זיין לעבן, וועגן זיינע וואַנדע־רונגען איבער רוסלאַנד. גערעדט האָט ער מיט בענקשאַפט וועגן יענע טעג, ווען ער איז אַ מאַטראָז געווען אויפן קאַספּישן ים, וועגן די שטעט און דערפער פון קאַווקאַז, נאָר ליבער פון אַלעם איז אים זיין היים — דאָס דאָרף טענגושיי. וואָס קאָן זיין נענטער ווי דאָס געבוירן־אָרט, ווי דער בוים, וואָס דיין פאָטער האָט געפלאַנצט, ווי די שטוב וואָס דו האָסט אַליין געבויט, ווי די מאָקשאַ — וואָס דו קאָנסט אירע ברעגן ווי די שוועל פון דיין אייגענער כאַטע.

— אַ מענטש אין דער פרעמד פאַרלירט זיך אַליין. ער הערט אויף צו זיין דאָס וואָס ער איז געווען — האָט אַדריאַן גערעדט, אַזוי ווי אַ שפּעסעלע אַריינגעטריבן צווישן דערנער גייט פון דאָרט אַרויס מיט צע־שויבערטע וואָלקנוילן, מיט קאָלטנס. אויך דער מענטש נעמט זיך אָן מיט פרעמדע קאָלטנס און טראָגט זיי אַ לעבן לאַנג אויף זיך ביז ווייסנדיק אַפילו דערפון.

מיט נייגער האָבן זיך די פויערים צוגעהערט צו מנחמס רייד וועגן זיין היים, וועגן זיין אָפּשטאַם. גערעדט האָט ער צו זיי ווי צו אייגענע, אַראָפּגערעדט זיך פון האַרצן און געבליבן פאַר זיי אַזוי אָפן, ווי אָפן מען קאָן נאָר ווערן אין אַנבליק פון די פאַרשנייטע רוסישע פלאַכן, ווי אָפן עס ווערט בכלל דער מענטש אַנטקעגן דער סודותדיקייט פון אייגענעם גורל.

מנחם האָט אין דעם ווייטן וועג ניט געוואָלט טראָגן מיט זיך קיין פֿאַרהוילעניש פֿאַר זיינע פֿריינד. ער האָט זיי דערציילט וועגן די ייִדישע שטעטלעך ביי דער ווייסל, וועגן אייביקן פּחד פֿאַרן גוייִשן שכן, וועגן די שטילע ייִדן, שוסטער און שניידער, סעדער־ייִדן און דאָרף־גייער וואָס האָבן אין די נעכט פֿאַרמאַכט די לאָדנס און מיט שרעק פֿאַרהעמערט די טירן; דערציילט זיי וועגן די ליידן, וואָס זיין פֿאָלק איז אַלץ אויסגעשטאַנען.

אַדריאַן האָט זיך אויפֿגעשטעלט, איבערגעריסן מנחמס רייד, צעשפּרייט זיינע ברייטע, געזונטע פּויערישע דלאָניעס, צעעפֿנט די טיפֿע אויגן און איינגעקוקט זיך אין מנחמען:

— דו רעדסט אמתדיק? דאָס אַלץ איז אמת?

3

ביים ריאַזאַנער וועג האָבן זיי געררוט עטלעכע טעג און געוואַרט אויף וואַגאָנען וואָס זאָלן זיי אָפּפירן ביז מאָסקווע. אין ענגן וואָקזאַל איז מען געשלאָפֿן, ליגנדיק און זיצנדיק. אין די פֿאַרטאָגס האָט מען פייערן צעלייגט, געבראָכן דאָס טרוקענע געהילץ פֿון די פֿאַרקאַנעס און געוואַרעמט זיך, געקאָכט קיפּיאַטאָק. אין איינער אַ נאַכט האָט עמעץ הויך אויסגעשריגן:

— העי, קינדערלעך! אין די וואַ—גאָ—נען!

פֿאַרשלאָפֿענע, צעקנאָדערטע, דערפֿרוירענע, האָבן זיך די פּויערים געשלעפּט אין די וואַגאָנען. אַ קעלט האָט פֿון זיי געיאָגט. אַדריאַן האָט ווי אַ פֿאָטער אַכטונג געגעבן אויף מנחמען, אויסגעבעט אים אַ געלעגער אין מיטן וואַגאָן, געזעצט זיך לעבן אים און אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די קני.

די באַן האָט זיך געטראָגן אין דער נאַכט אָן אָפּהאַלט. אין די וואַגאָנען האָט מען זיך געשאָלטן אין דער מאַמען אַריין, געשאָלטן אַלע הייליקע, ביז די מידקייט האָט גובר געווען און אַלע זענען איינגעשטילט געוואָרן.

נאָך דריי מעת־לעת איז דער צוג אָנגעקומען צו דער צפֿון־מערב־זייט פֿון מאָסקווע. די וואַגאָנען האָבן זיך צעפּראַלט און טויזנטער האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די רעלסן צווישן די אומצאָליקע האַלב־צעבראָכענע וואַגאָנען.

די פּויערים פֿון טענגושייער געגנט האָבן אין דעם לאָקאָמאָטיוון־געררויש און געטומל פֿון פֿרעמדע קולות געפֿילט זיך איינזאַם און פֿאַרלוירן.

זיי האָבן זיך געזאַמלט, יעדער לויט די דערפֿער, געהאַלטן זיך נאָענט איינער צום צווייטן. פֿאַרנאַכט־צו האָט מען געבראַכט אַ לאַסטמאַשין מיט גרויע זעלנערישע שינעלן. יעדער האָט אָפּגעגעבן זיין פּעלצל און באַקומען אַ צעקנאָדערטן שינעל. דערנאָך האָט מען די מאַסע אויסגעשטעלט אין רייען און מען האָט זיי געפֿירט דורך די פֿאַרשטעט פֿון מאָסקווע צום גרויסן און ברייטן שליאַך.

די גאַסן זענען געווען פֿול מיט האַנטוועגעלעך וואָס פֿרויען און קינדער האָבן געשלעפּט, אָפּט פֿלעגט זיך באַווייזן אַ הויך־געלאָדענער וואָגן, ציווילע מענטשן האָבן זיך געשאַרט אין דער זייט, געוואָלט אויסמיידן די רייען מאָביליזירטע. אַלטע לייט האָבן געקוקט פֿון די טראָטואַרן אויפֿן הילוך פֿון די מאַרשירנדיקע, אין לאַפּטשעס, אין פֿוטערנע היט און אין סאָלדאַטסקע שינעלן.

אַדריאַן האָט געצויגן מנחמען פֿאַרן אַרבל, — זיי אַנטלויפֿן פֿון מאָסקווע, — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ גרויסער לאַסטמאַשין וואָס איז פֿאַרדעקט געווען מיט לייוונט.

פּלוצעם איז פֿון ערגעץ אָנגעקומען אַ פּאַטראָל מיליץ אין בלאָע היטלען, זיי האָבן אָפּגעשטעלט די לאַסטמאַשין, אָנגעהויבן אַרויסשליידערן פֿון דאָרט שטובזאַכן, און אַראָפּגעפֿירט פֿון דאָרט אַ מיטליאָריקן, דיקלעכן, גוט־געקליידטן מאַן און אויפֿן אָרט אים דערשאָסן.

— פֿון מאָסקווע וועט מען ניט אַנטלויפֿן, מען וועט ניט אָפּטרעטן — האָט עמעצער געזאָגט.

אַרום דעם דערשאָסענעם, וואָס איז געלעגן ביי דער לאַסטמאַשין, האָבן זיך געזאַמלט נייגעריקע.

דער דורכגאַנג האָט זיך פֿאַרשטאָפּט פֿון מענטשן־אָנגעלויף, די פּויערים פֿון טענגושייער געגנט האָבן זיך גראָד געפֿונען לעבן דער לאַסט־מאַשין.

— ווער איז דער דערשאָסענער? — האָט עמעץ אַ פֿרעג געטאָן.

אַ זייטיקער מענטש פֿון טראָטואַר, מיט שפּיזיק קליינע אייגעלעך, האָט אַ קוק געטאָן אַרום זיך און שנעל אויסגעשעפּטשעט, אַזוי אַז אַלע אַרום זאָלן הערן:

— אַ זשיד איז ער! די זשידעס אַנטלויפֿן און נעמען צו די מאַשינען!

און איידער מ׳האָט זיך אומגעקוקט, איז ער נעלם געוואָרן.

אַ שושקעריי האָט זיך צעטראָגן איבער די רייען פון די מאַרשירנדיקע:

— אַ זשיד... אַ זשיד... זשידעס אַנטלויפן...

דער פּחד פון די ייִדישע שטעטלעך האָט ווי טויזנט קראָ־פליגל געהויערט איבער מאָסקווע, און מנחם האָט דערפילט זיך נאָך איינזאַמער און פאַרלאָזענער.

אַדריאַן האָט זיך איבערגעבויגן צו אים מיט זיין ריזיקער הויכקייט.

— די שׂנאה צו אייך איז ניט פון אונדז, זי איז פון דער פרעמד געבראַכט, אַזוי ווי אַ שעפעלע ברענגט אין וואָל דערנער־קאָלטנס.

4

דערציילט האָט מען, אַז נאָר ער אַליין איז געבליבן אין הויפּט־שטאָב פון מאָסקווע. ער וועט פון דאַנען ניט אָפּטרעטן און די שטאָט ניט אָפּגעבן דעם שׂונא.

הונדערטער צוגן מיט פויערים און אַרבעטער זענען טאָג־איין, טאָג־אויס געגאַנגען אָן אויפהער צו מאָסקווע. פון די וויטסטע עקן לאַנד זענען גערופן געוואָרן די מענער. באַוואָפנטע און ניט־באַוואָפנטע, אין זעלנערישע שינעלן און אַפילו אין פויערישע שובעס און וואַטניקעס זענען זיי געשיקט געוואָרן גלייך אויפן שונאס פייער. די פיינדלעכע אויסשפּירער האָבן מיט שפּאָט נאָכגעפאָלגט די באַוועגונגען פון אַ המון ניט־באַוואָפנטע און שלעכט־באַקליידטע מענער. עס איז שווער געווען מיט באַשפּייזונג. אויף די וויט־סטע, אַרויסגערוקטסטע פּאָזיציעס האָט מען באַקומען צוגעטיילט פּענעצלעך פאַרדאַרטן ברויט, נאָר הינטער די מאַרשירנדיקע באַטאַליאָנען פון ניט־געשולטע, הונגעריקע און אָפּגעריסענע סאָלדאַטן זענען געשטאַנען, ביז די ציין־באַוואָפנטע, וואַרעם באַקליידטע און זאַטע סיבירער פּאָלקן.

און דער אָנגריף האָט זיך אָנגעהויבן. געגאַנגען איז עשאַלאָן נאָך עשאַלאָן, גלייך ווי מ׳איז געקומען פון דער היים. דאַרף לעבן דאָרף, גע־גאַנגען אין פייער. די ריי איז געקומען אויף מנחמס באַטאַליאָן. זיי זענען אַוועק אין אַ פאַרטאָג. אַן אָפיציר האָט גערעדט צום המון:

— וועט איר אָפּטרעטן — וואַרט אויף אייך דער טויט פון אונדזערע פאַרצוימונגס־אָטריאַדן, וועט איר גיין פאָרויס — קאָנט איר אפשר אומ־

קומען, נאָר דאָס וועט זיין אַ טויט פון העלדן, אָבער אייערע משפחות וועלן לעבן רויק. קלייבט אויס: פון פאָרנט — אומקום אָבער אין רום, פון הינטן — אומקום פון אייגענע און אייביקע שאַנד!

די פויערים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. אַ שווערער פּראָסטיקער הימל האָט געניִדערט און געדאַכט האָט זיך, אַז די פויערישע אַקסלען שפּאַרן אים אונטער.

פון ערגעץ ווייט האָט זיך דערטראָגן אַ טעמפּע קאַנאָנאַדע. דאָס האָט געקלאַפּט די דייטשישע אַרטילעריע.

— היי, ברודערל, זיי וועלן לאַנג ניט קלאַפּן! עס וועט זיי קוילן אויספּעלן. מיליאָנען וועלן גיין, מיט ליידיקע הענט, אָבער געביילטע פויסטן! מיר וועלן גיין טאָג־איין, טאָג־אויס, אָן אָפּהאַלט! פון אַזאַ גאַנג וועט יעדער פייער צעטראָטן ווערן! מיר וועלן טאָלן אַריבערשפּאַנען, מיר וועלן זייערע טיפענישן אויסבעטן מיט אונדזערע געפאַלענע — און מיר וועלן אַדורך! און אַז מיר וועלן דאָס ניט באַוויַיזן, וועלן אַנדערע קומען און דערנאָך וועט אַ גיי טאָן סיביר! זיי וועלן שפּאַנען פון ווייטן אוראַל, זיי וועלן דורכרייסן די דינאַמיט־וואָלקנס! זעט, אָט דאָרטן וואַרטן זיי. כדי זיי זאָלן אַדורך, מוזן מיר איצט גיין!

מנחם האָט אויפגעהויבן זיין בליק און געזען ווי דער פּשוטער רוסישער פויער פון טענגושיי, אַדריאַן, רעדט צו הונדערטער סאָלדאַטן; ער האָט דערזען זיינע טיפע, גרויסע אויגן, ער האָט געזען ווי זיינע פּנים־שטריכן ווערן שאַרף און אָנגעצויגן.

די סאָלדאַטן האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, געקוקט צו דער פאַר־וואָלקנטער ווייט. מנחם איז דער ערשטער צוגעגאַנגען צו אַדריאַנען און ביידע האָבן אין שפּיץ פון אַ מחנה אָנגעהויבן שפּאַנען צום גרויליק פאַר־טונקלטן מערב הימל.

ד. נאַקעטע וואָרצלען

1

אַדריאַנס אָפּטייל איז אַ גאַנצע נאַכט געגאַנגען איבער די פאַרשנייטע פעלדער. די סאָלדאַטן האָבן געשטעלט זייערע שווערע טריט אינעם שניי, געקנאָטן מיט די פיס די צעאַקערטע פעלדער. שוואַרצע שטיקער ערד האָבן זיך אויסגעמישט מיטן נאַכטיק־בלאָען שניי. ווייט, פון יענער זייט סונקל־בלאָען וואַלדפּאַס, האָבן געדונערט דעם שונאס האַרמאַטן.

דער ערב־פרילינג איז היי־יאָר פרי צוגעפאַלן. די נאַסע שנייען האָבן דורכגענומען דאָס מענטשישע געביין. די נעכט זענען געוואָרן פינצטערער, אַ קלעפּיקע חשכות איז אַריינגעדרונגען אין די פאַרבאָרגנסטע נאַכט־ווינקעלעך.

אין די ווייטן האָבן ניט געפלעמלט קיין ליכטלעך אַזוי ווי אין שלום־צייטן. אַ וויסטע אימה און פאַרלוירנקייט האָט געקיניגט איבער גאָטס וועלט.

די סאָלדאַטן האָבן אין דער נאַכט־פאַרלוירעניש געטראָגן אונטער זייערע האַלבפאַרמאַכטע ווי׳עס דעם אָפּשיין פון קאַנעצלעך וואָס פלעמלען ערגעץ דאָרט אין מאָרדאָוויע, אין די איקאָנע־ווינקעלעך פון זייערע כאַטעס. פון דער הילצערנער שיסל טראָגט זיך איצט די קאַרטאָפל־פּאַרע. דער סאַמאָוואַר זידט און פון דער גאַלאַנקע פאַלט אַ שיין פון ברענענדיקן האָלץ — — —

ווי צום סאָלדאַט וואָס דאָס ווייטע, קוים צאַנקענדיקע פלעמל פון די קאַנעצלעך איז אים פאַרלאָשן געוואָרן אין געדעכעניש. ווי איז צו דעם, וואָס האָט אויפגעהערט צו זען פון אונטער זייגע ווי׳עס, דאָס ווייטע היימישע פלעמל. די ערשטע פאַרבלאָנדזשעטע קויל וועט אים טרעפן אָדער אַ מידקייט וועט אים באַפאַלן — און ער וועט ניט זיין בכוח אַרויסצושלעפּן

זיינע פיס פון דעם צעטאָפּטשעטן שניי, ער וועט אין איינע פון די נעכט פאַרזונקען ווערן אין די טיפע ערדלעכער פון האַרמאַטן־שאָסן. אַפילו זיינע נאָענטע וועלן ניט דערפילן, אַז איינער פון זיי איז נעלם געוואָרן, און אין דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט־קלעפּעניש וועט ער איינזאַם אויסגיין.

פאַרטאָג האָט זיך אַ געדיכטער נעפּל אַראָפּגעלאָזט. דער אָפּטייל האָט גערוט ביים וואַלדראַנד אין טיפע קאַנאַוועס. אַדריאַן איז געגאַנגען לענגאויס דעם ריוו, אַריינגעקוקט אין די פּנימער פון זיינע מענטשן און גערופן:

— נו, סינאַק...

און אַז יענער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט אַדריאַן אַ ווײַלע זיך איינגעקוקט אין סאָלדאַט, געזען דאָס מידע און פאַרוואַקסענע פּנים, געקוקט אויף דעם עלנטן, דורכגעווייקטן מענטש און דערפילט די גרויסע אחריות וואָס מ׳האָט אויף אים אַרויפגעלייגט; אַדורכצופירן די מענטשן דורך דעם שונאס פייער.

אַדריאַן האָט געשפּאַנט אין דעם נעפּלדיקן פאַרטאָג, יעדער ווײַלע האָט זיך געהערט זיין רוף צו די פאַרבלאָטיקטע און מידע סאָלדאַטן.

דער טענגושייער פויער איז מיט יעדן טריט אומרויִקער געוואָרן, זיין שפּאַן איז געוואָרן גרעסער, ער האָט זיך אָפּטער אָפּגעשטעלט און געזוכט מנחמען. ווען ער האָט אים געטראָפן אַ וואַכעדיקן ביים סוף פון דער קאַנאַווע, לעבן אַקימען און טערענטיעוון, האָט זיך אַדריאַן אַנידערגעזעצט און גענומען זוכן אין זיינע טאַשן דעם טיטון.

— וועלן מיר פאַררויכערן?

טערענטיעוו האָט פון בוזעם אַרויסגענומען אַ טאַרבעלע טיטון און אַלעמען עס אונטערגעטראָגן. די הענט וואָס זענען אויסגעשטרעקט געווען מיטן טיטון־טאַרבעלע האָבן אין דעם נעפּל זיך אויסגעטיילט מיט זייער וואַרצלדיקער קרעמפּיקייט. ער האָט אויסגעהאַקט פייער פון אַ שטיינדל מיט אַ שטיקל שטאָל. פונקען זענען אָפּגעשפּרונגען און אָנגעצונדן אַ דינעם קנויט.

ווען דער רויך האָט זיך געשפּרייט איבער דער טראַנשיי זענען די

שכנישע סאָלדאַטן וואַכעדיק געוואָרן און געבעטן אַ ביסל טיטון. דער נעפּל האָט שווער געמאַכט דאָס מענטשישע לשון. מען האָט גערעדט אָפּגעהאַקט, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט. און גערעדט האָט מען רויִק. געלאָזן פּריי לאַנגע מינוטן פון איין זאַג צום צווייטן.

ווייט פון די היימען, אין דער פרעמד, האָבן די מענטשן געטראַכט דורך בילד און זעונג און אַלע טראַכטענישן האָבן צוריקגעפירט אַהין צו, ווייט, ווייט, פון וואַנען די סאָלדאַטן זענען אַוועק.

עמעץ האָט געזאָגט. — כ'לעבן, די ביינער אויפן אויוון דורכ־וואַרעמען...

און גלייך איז אַ שווייגעניש אַלעמען באַפאַלן. זיי האָבן אין דער רגע דערזען די היימען, די וואַרעמע אויוונס, די שטילע הייזלעך פון ביט־געטעסעטן געהילץ.

לפנים האָבן זיי געקענט ווייניק, גאָר ווייניק ריידן וועגן דער היים. פאַרקערט, אין די שווערע טעג און נעכט פון הפקרדיקן גאַנג איבער מיניִרטע פעלדער האָבן די פויערים אַרויסגעוויזן אַ גלייכגילט צו זייערע היימען, צו זיך און צו די אייגענע. זיי האָבן זיך געטראָגן מיט אַזאַ אימפּעט אין די גרעסטע געפאַרן אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ גורל־זאַך. געדאַכט האָט זיך, אַז די מענטשן זענען אַרויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען פון זייערע היימען, און אַז זיי בענקען שוין אַפילו ניט נאָך זיי. נאָר פּלוצעם, אומגעריכט איז באַפאַלן אַ בענקעניש ווי אַ געוויטער, דעמאָלט זענען זיי געוואָרן שווייגנדיקע, שטילע און אַ האַרציקע גוטסקייט האָט אַרויסגעלויכטן פון זיי. זיי האָבן זיך געטיילט מיט יעדער ביסן, אייגנגע־שטעלט דאָס לעבן פאַר פרעמדע, אַרויסגעטראָגן זיי פון די שווערסטע געפאַרן אויף אַקסלען, געריסן זיך אין גרעסטן פייער צום שונאס געשטעלן.

מנחמען האָבן זיי טיף באַדויערט. געוואָלט מיט וואַרעמקייט פאַר־טרעטן יענץ פייערל, וואָס האָט פון זייערע טיפענישן אַרויסגעלויכטן — דאָס קאַנעצל־שיין פון זייערע ווייטע און זיכערע היימען. אין זייער דמיון האָבן זיי זיך אויסגערוט אויף די היימישע אויוונס. זיי האָבן געפילט דעם וואַרעמען הויך פון היים. מנחמען האָבן זיי באַדויערט דערפאַר וואָס אין סאַמע מיט פון מלחמה־שטורעם איז זיין היים צעשטערט געוואָרן און די אייגענע דערמאָרדעט. זיי האָבן אים געוואָלט אָפּגעבן אַ טייל פון

זייער אינטימסטן, פון דעם וואָס האָט זיי אויפגעהאַלטן און געגעבן קראַפט אינעם שווערן גאַנג צום מערב — דאָס געפיל פון היים. זיי האָבן אים דערציילט פון זייערע דערפער, וועגן זייערע פעלדער און וועלדער, וועגן די פּאַשע־לאַנקעס, די קאָניטשינע־פעלדער, די אַלטע סאָסנע־וועלדער מיטן פאַרשיידנסטן ווילדגעפליגל, די טייכן מיט די אַלערליי סאָרטן פיש. זיי האָבן מנחמען געעצהט קיין מאָל זיך ניט אומצוקערן אין זיינע קאַנטן.

2

דער נעפּל איז געוואָרן דורכזעעוודיקער, געהאַנגען איצט ווי אַ זילבערהויך און לסוף געבליבן פאַרפלאָנטערט אין די נידעריקע קוסטעס. פאַר די סאָלדאַטן האָט זיך געשפּרייט דער חרובער וואַלד ווו עס איז די פאַרגאַנגענע נאַכט דורכגעגאַנגען דעם שונאס פייער.

אַ כמורנע שווייגן האָט אַלעמען באַהערשט. זייערע אויגן זענען אויפגעריסן געוואָרן און אַנטפּלעקט די גרויסע אויגן־ווייסלען אָנגעלאָפענע מיט טונקעלע אָדערלעך. זיי האָבן געהאַט אין זיך דעם קאַלטן בליאַסק פון אייזקריַעס. וואַסקע סאָבאָלעוו האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פוטערהוט, זיינע האָר זענען אים געפאַלן אויפן שטערן, זיין פּנים איז געווענדט געווען צום וואַלד. דער גאַנצער אָפּטייל איז געשטאַנען פאַר־גליווערט אין שטילקייט.

— האָספּאָדי — האָט אויסגערופן אַ סאָלדאַט און אַראָפּגעלאָזן זיך אויף די קניִען. אַ לאַנגע מענטשנוואַנט, פון מידע, בלאַטיקע, פאַרוואַקסענע סאָלדאַטן, איז געבליבן שטיין אַנטקעגן דעם שטאַרבנדיקן וואַלד.

דאָס שווערע אַרטילעריע־פייער, וואָס האָט דאָ די פאַרגאַנגענע נאַכט געבושעוועט, האָט אַרויסגעריסן די ביימער מיט די וואָרצלען, זיי פאַרטראָגן אין די ווייטן, צעבראָכן די דיקסטע שטאַמען, צעשפּענט זיי אויף טויזנטער האָלץ־שפּליטערס. אַ גרויסער סענקאָטער דעמב איז געבליבן ליגן איבערגעקערט מיט זיינע לאַנגע וואָרצלען, פאַרפלאָכטענע מיט שטיקער ערד, און די צווייגן־קרוין איז פאַרזונקען געווען אינעם וואַלדבאָדן. די וואָרצלען האָבן אימהדיק געסטערטשעט מיט זייער ערד־שוואַרצקייט הויך אינעם הימל אַריין.

אויף טייל ערטער איז דער וואַלד געווען אָפּגעקאָסיעט ווי פון

אַ געניטן שניטער. די ביימער־קרוינען זענען ערגעץ־ווו פאַרטראָגן געוואָרן. אויף אַנדערע, זענען די סאָסנעס איבערגעקערט געוואָרן און אַ וויסט־שרעקיקער געפלאָנטער פון ערד און וואָרצלען האָט ווי אַ מאָנסטער געקיניגט איבער דעם פאַרכּישופטן, גאָטס־פאַרשאָלטענעם העק. לינקס פון דער סאָלדאַטן־גרופּע איז אַ טייל פון וואַלד געווען אויסגעגלייכט מיט דער ערד. עס האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַן אומגעהייער וואָלט דאָרט אָקערשט אָפּגעפּראַוועט זיין הפקר־טאַנץ איבער וועלדער, און פון יעדער שפּרונג האָבן זיך איינגעלייגט יאָדלעס און סאָסנעס, אַזוי ווי עס לייגט זיך איין גראָז אונטער מענטשישע טריט.

פון די פאַרוווּנדטע, צעריסענע און צעשפּאָלטענע שטאַמען און צווייגן האָט געטריפט אַ ברוינע זשיווּיצע — ווי לעצטע בלוטטראָפּנס פון צעקאַלעטשעטע מענטשן. דאָס רויע, נאַקעט־אָפּגעשיילטע האָלץ פון די צעפּליקטע ביימער האָט אומרויִק געמאַכט די סאָלדאַטן. זיי האָבן געפילט דעם צער און שניידיקן ווייטיק פון דעם וואַלד, ווי מען פילט די ווּנדן פון אייגענעם לייב. און אַז זיי האָבן דערזען ביים וואַלדראַנד אַ ביצול־געוואָרענע יונגע סאָסנע, זענען זיי נאָענט צוגעגאַנגען, געצערטלט אירע ציטעריק־גרינע צווייגן — און אַ האָפענונג האָט גענומען אויפטויכן: אפשר... אפשר וועט מען דורכהאַלטן. אָט איז דער וואַלד, אַ פאַרוווּנדטער, אַן אויסגעייענדיקער, אָבער ווו ניט ווו איז דאָך אַ ביימעלע געבליבן.

די מענטשן האָבן געזוכט טרייסט, זיי האָבן געזוכט סמנים וואָס זאָלן דערציילן פון אויסדויער.

3

די ערשטע צייטן האָט מען טערענטיעוון כמעט ניט באַמערקט. דער בידעריקער, איינגעפאַלענער מוזשיק פון דודניקאָווע איז שטענדיק געשטאַנען אַ זייטיקער, אַ שעמעוודיקער גרייט אונטערצוטראָגן יעדן איינעם אַ טייל פון זיין מאַכאָרקע־זעקעלע. ער פלעגט זיך אומגעריכטערהייט צושאַרן צו די מידע און געבן זיי עצות, אין פלוג באַזיווע, למשל, ווי אַזוי דעם פאַסיק אָנצוציִען פונעם געווער, ווי אַזוי די אָניטשעס צו פאַרוויקלען, אַז עס זאָל אין די פיס ניט רייבן. האָט זיך עמעצן דער רימען איבערגעריסן פון דער ביקס — איז טערענטיעוו גלייך אויסגעוואַקסן מיט זיין קנייפּערל.

געמאַכט פון אַ שטיקל שטאָל פון אַ צעבראָכענער קאַסע — ער איז צוגעגאַנגען צו אַ בוים און פון דאָרט אָפּגעשונדן אַ פּאַס ווייכע קאָרע, וואָס ער האָט עס ליקע געראָפּן, און די ליקע האָט פאַרטרעטן דעם לעדערנעם רימען. און אַז מען האָט געוואָלט אויסקלאַפּן פונקען פון אַ שטיקל שטאָל, געקלאַפּט עס אין אַ שטיין־שפּליטערל, און קיין פונקען האָבן זיך ניט באַוויזן — איז צוגעקומען טערענטיעוו, מיט זיין מילדן שמייכל, געקוקט אויף די אַרומיקע ווי אויף קינדער און פון זיינע טיפע הויזנטאַשן אַרויס־גענומען עפּעס אַ שטיינדל — און מיטן ערשטן קלאַפּ האָבן זיך געדיכטע פונקען באַוויזן און אַנגעצונדן דעם קנויט.

ווען אַדריאַנס אָפּטייל איז מיט אַ צייט צוריק פאַרזונקען געווען אין די וועלדער צפונדיק פון מאָסקווע און געווען אָפּגעשניטן פון די באַזעס, האָט ער דער ערשטער געוווסט ווי אַזוי צו בויען ערדשטיבלעך מיט באַ־קוועמלעכקייטן, אַפילו מיט לאָמפּן, וואָס זאָלן אין די נעכט באַלייכטן די ערדנאַרעס. צום שטוינען פונעם גאַנצן אָפּטייל האָט טערענטיעוו צונויפ־געקליבן פאַרשיידענע מינים צווייגן, אויסגעפונען בלעכערנע כּלים, צעלייגט אַ פייער, געקאָכט עפּעס אין די בלעכן און לסוף אַרויסבאַקומען פון זיי אַ פּליסיקייט. און ווען ער האָט די פּליסיקייט אין קליינע בלעכערנע לעמפּלעך אַריינגעגאָסן און קנויטלעך אַריינגעטאָן — האָבן זיי זיך צעברענט מיט אַ ריין און ליכטיק פייערל. פאַרחידושטע זענען די סאָלדאַטן געשטאַנען אין די נעכט נעבן די ליכטיקע לאָמפּן און באַוונדערט טערענטיעווס איינפאַלן.

וואָס שווערער עס איז געוואָרן אין אַדריאַנס אָפּטייל, וואָס מידער און געפּאַלענער עס זענען געוואָרן די מענטשן — אַלץ מער האָט אין פאָדערגרונט זיך אַרויסגערוקט דער דודניקאָווער פאַסטעך. אַזוי ווי ער האָט אויסגעזען אין די ערשטע טעג פון זיין קומען אין דעם אָפּטייל, אַזוי איז ער געבליבן די גאַנצע צייט. זיינע וואָרצל־הענט, זיין וויגנדיקער גאַנג, דער מילדער בליק, די פּאַסמעס העלע האָר וואָס זענען אים געפאַלן אויפן שטערנווינקל, די קנאָכיקע קינבאַקן אָפּגעסמאַליעטע פון דער ווינטערזון און גערונצלטע פון די ערב־פרילינגדיקע ווינטן, די שיפּלעכע מיזרחדיקע אויגן, וואָס נעמען אַרום אַלעמען מיט גוטסקייט און צוטרוי — דאָס אַלץ איז געבליבן אין טערענטיעוון ניט געענדערט.

טערענטיעוון האָט עס געצויגן צו דעם שוואַרצאויגיקן ייִד מנחם. ער האָט הנאה געהאַט וואָס דער פּרעמדער ווייס ניט די פּשוטסטע זאַכן, די איינפאַכסטע מיטלען, וואָס קענען פאַרלייכטערן דעם מענטשן, ווען ער איז אין וואַלד, אין פעלד. ער האָט פאַר מנחמען אויסגעשניצט פון אַן אָלכע־צווייג אַ לעפל און אים געגעבן אַ מתּנה, אַ מעסער געמאַכט פון אַ קאָסע־שפּליטער, פאַרראָכטן מנחמס שטיוול, ממש מיט די ליידיקע פינגער און פון ערגעץ־ווו געבראַכט דזשעגעכץ, אויסגעשמירט די כאָליאַוועס און די זוילן, אַז זיי זאָלן די נעץ ניט דורכלאָזן.

אין פריילינג פלעגט ער רופן צו מנחמען: — אָט האָסטו די גרויע גראָז־קוסטעס — דאָס איז די לעביעדאַ, פון די קערנדלעך קען מען לעפּיאָשקעס באַקן אויסמישנדיק זיי מיט טרוקענע ליפּעבלעטער און אָט האָסטו די פעלד־ציבעלע. נעם בראַטאָק, און פאַרזוך. אמתע ציבעלע. טרעפסט אויך דאָ דעם זויערן שטשאַוו. קענסט אַ מאָלצייט קאָכן!

געקענט האָט ער אַלערליי וואָרצלען, געוווּסט זייער טעם. ער האָט דערציילט וועגן וואָרצלען וואָס זענען זיס ווי צוקער. מיט איינעם אַזאַ קליינעם וואָרצל קען מען אַ טולער סאַמאָוואַר זיס מאַכן, אַזש דער גאַנצער אָפּטייל זאָל זיך אָנכלעבען מיט טיי.

— און איצט דער אמתער האָניק, וואָס געפינט זיך אין די אָוראַגן — די מערבדיקע טאָל־אַראָפּהאַנגען. פּודנווייז קענסטו דעם האָניג נעמען, דער טייערסטער האָניג, אַ געשמאַקערער נאָך ווי פון די בינשטאָקן, און די אַלערליי פאַרביקע אייער וואָס פאַרבייפליִענדיקע פייגל לייגן אין די גראָזן, כאַטש נעם אַ קיישעלע און קלייב זיי צונויף. און דו מנחם, — האָט טערענטיעוו גערעדט — גייסט אַרום איבער גאָטס שיינע וועלט און ווייסט ניט פון דעם אַלעם...

ביים שיין פון סקיפּידאַר־לעמפּל אין דער זעמליאַנקע האָבן זיך אַלע צוגעהערט צו זיינע רייד:

— די שטאָטישע האָבן צונויפגעזאַמלט שטיין אויף שטיין. שטיינערנע שטעט געבויט. אומעטום שטיין און שטיין, און די ערד האָבן זיי אויף לאַנגע וויאָרסטן אין שטיין פאַרקאָוועט. ווײַנט דאָרט ביי זיי די ערד אַרויס פון אונטערן שטיין, אַ געפּענטעטע און באַליידיקטע, און די שטאָטישע הערן ניט דאָס געוויין...

עמעץ האָט אים איבערגעריסן:

— עך, ברודערל, דאָרט איז גוט אין אַ געשפּאַן צו פאָרן, ועסט אין זומפּן ניט זינקען.

— דערפאַר זענען די זומפּן ביי זיי אין די הערצער — האָט טערעב־טיעוו געענטפערט.

4

טערענטיעוו האָט געטראָגן אין זיינע אויגן די רחבותדיקייט פון די רוסישע פעלדער אַרום דער מאָקשאַ, די אומעטיקע גרויע פלאַכן, די אָנ־סופיקע, די זאַטע ברויט־פעלדער. קוקסט אויף זיי און אַן אומעט נעמט דיך אַרום, אַ טיפע נאָגנדיקע בענקשאַפט. זעסט נאָר פלאַכן און פלאַכן. ווו ניט ווו פאַלדעוועט זיך מיט ווייכער מילדקייט די ווייט, ערגעץ אויף די האָריזאָנטן בלאָען זיך פאַסן איינטאָניק — דאָס זענען די גרויסע רוסישע וועלדער, די טיפע, די לאָקנדיק־שרעקנדיקע, וואָס דו קענסט זיי מיטן אויג ניט אַרומנעמען. נאָר די פלאַכן נעמען דיך אַרום, הילן דיך איין אין גרויען אומעט, אין בענקשאַפט.

אין די נעכט האָט טערענטיעוו דערציילט מנחמען וועגן זיינע זיידעס, וועגן זיין היים, וועגן דאָרף דודניקאָווע. און מנחם האָט געזען פאַר זיך די גרויסע שעפּסן־סטאַדעס וואָס פּיטערן זיך אין די זאַטע טאָלן, געזען זייערע ליכטיקע רוקנס, וואָס פליצן ווי אַ וואַסערפאַל איבער די גראָע רוסישע ווייטן.

— — — מיין זיידע — האָט טערענטיעוו דערציילט, פלעגט אויף אַ צייט פון יאָר אַוועק קיין ניזשני און דאָרט זיך אָנדינגען אַלס באַרקע־טרייבער. די באַרקעס זענען געטריבן געוואָרן אַזש ביזן קאַספּישן ים דורך צאַריצין. אין די ווינטערס, ווען די טייכן ווערן פאַרקאָוועט אין אייז, פלעגט ער קומען אין אַ נייער שעפּסענער בורקע, אין אַ נייעם פוטערהוט און מיט מתנות פאַר די טעכטער. זיין געזאַנג האָט געוועקט דאָס קליינוואַרג פון יינגלישן דרימל. ווען עס האָט נאָר אַ שפּראָץ־געטאָן אויף זייערע באַקן דער ערשטער מעד, זענען זיי מיט די טאַטעס אַוועק צו דער וואָלגע — צו דער מאַמעלע דער שפּייזערין. און געשפּייזט האָט זי מיט אַ ברייטער האַנט. אין איינעם פון די האַרבסטן האָט מען דעם זיידן געבראַכט אַ קראַנקן.

דער פאָטער איז שוין ניט צוריק געקומען. די וואָלגע האָט די באַרקע צעפליקט, דאָס געהילץ איז ווי שפענער געוואָרפן געוואָרן פון ברעג צו ברעג. זייט דעמאָלט איז מען פון דודניקאָווע מער ניט געגאַנגען קיין ניזשני צו באַרקע־טרייבעריי. דער זיידע איז שוין פון אויוון ניט אַראָפּ. ער איז דורך דער צייט געעלטערט געוואָרן און געבליבן אַ געליימטער אויפן גאַנצן לעבן. נאָר איין מאָל איז נאָך אויסגעקומען דעם זיידן צו ווייזן וואָס ער קאָן. אַ גרויסע שריפה האָט פאַרברענט אַ האַלב דאָרף. מען האָט דעם זיידן אַראָפּגענומען פון אויוון און אין פעלד געטראָגן, ער זאָל ניט פאַרברענט ווערן צוזאַמען מיט דער שטוב. נאָך גוט וואָס שכנים האָבן אין דער בהלה אין אים געדענקט. און אַז דאָס פייער האָט זיך צעפלאַקערט און דער אָפּשיין האָט פון ווייטנס געסמאַליעט דעם זיידנס אויגן, האָט ער זיך פאַוואָליע גענומען אָנשפּאַרן אויף די קנאָכיק־אויסגעקרימטע בלאָ־אָדערנדיקע הענט און געפרוווט אונטערהייבן דעם קערפּער. די אָדערן פון דער ברוסט זענען געוואָרן אָנגעדראָלן, די מוסקלען פון זיין געפאַלדעוועט פנים האָבן געציטערט. ער איז געבליבן שטיין אַ ציטערנדיקער אויף די איינגעטריקנטע פיס. די פויערים, דערזעענדיק ווי דער אַלטער שטעלט זיך וואַקלדיקע טריט נאָך אַזויפל יאָרן געליימטקייט, האָבן זיך געצלמט. דריי טעג איז דער זיידע ניט אָפּגעטראָטן פון דער האַלב פאַרברענטער כאַטע. ער האָט פון ערגעץ געהילצער באַקומען, פאַרריכט, געדעקט דעם דאַך מיט פרישן שטרוי, פאַרראָכטן דעם גרויסן אויוון און צום סוף פון דריטן טאָג אַרויפגעקראָכן אויפן וואַרעמען פּיעקעליק און אין דער זעלביקער נאַכט שטיל אויסגעגאַנגען...

אַדריאַנס אָפּטייל איז אַ גאַנצע נאַכט געגאַנגען איבערן גוסטדיקן וואַלד. די סאָלדאַטן זענען געקראָכן איבער וואָרצלען, וואָס זענען געלעגן אויסגעריסענע, אָפּגעדעקטע מיט גאָרשטשעס ערד אין די געדיכט־פאַרפלאָנטערטע וואָרצלבערד. זיי זענען געזונקען אין גריבער, וואָס זענען געבליבן נאָך די אַרויסגעריסענעביימער, זיי האָבן זיך פאַרטשעפּעט אין די שאַרף־אויפגעריסענע, צעשפּאָלטענע געהילצער, זיי זענען געשפּרונגען איבער די גליטשיקע סאָסנע־קלעצער, אַריינגעפלאָנטערט די פיס אין וואָרצלקניפּן, אין שליימיקע זומפּן־קאַנאַוועס און צעשטאָכן זיך די פנימער, די הענט און

ס׳לייב אָן די נאָדלען. ווי איז געווען צום סאָלדאַט, וואָס האָט זיך אַריינ־געפּלאָנטערט אין אַ מאַזשעוויקקוסט. ער איז פון דאָרט אַרויס קוים אַ לעבעדיקער. די קורצע און האַרטע נאָדלען האָבן אים צעריסן די הויט, דורכגעלעכערט זי ווי אַ זיפּ.

ווען מנחם האָט זיך געפונען אין אַ צרה, פלעגט פון אונטער דער ערד אויסוואַקסן טערענטיעוו און — ווי ביט מיינענדיק מנחמען, זאָגן:

— נו, ברודערל, שטעל די פיס ווו איך שטעל זיי...

פאַרנאַכט, ווען דער אָפּטייל איז דערגאַנגען צום צווייטן ראַנד פון וואַלד, האָט פלוצעם פון די הימלען זיך גענומען שיטן אַ פייער. אַן אימהדיק געוואַי האָט אויפגעריסן די אויערן־ווענטלעך. דער שטאָליקער געברויז האָט די מענטשן פאַרנאַגלט צו דער ערד.

פאַרזונקענע אין לעכער פון שטאַרבנדיקן וואַלד, אין די ערטער, וווּ די וואָרצלען האָבן זייערע היימען געהאַט און אין מנוחה געצויגן די זאַפטן פון דער וואַרעמער, ווייכער און זאַטער ערד, האָבן אַדריאַנס מענטשן זיך געקאָרטשעט ווי וואָלדווערעם.

מנחם האָט זיך איינגעגראָבן אין דער פרוכנעוואַטער פייכטעניש, געבליבן ליגן מיטן פנים צו דער ערד און אפשר צום לעצטן מאָל אויפ־גענומען דעם קלאַנג פון אַ יידישער תפילה וואָס האָט זיך פון זיינע ליפּן אַראָפּגעגליטשט און אים געוואָרעמט.

טערענטיעוו האָט שטיל זיך צוגעשאַרט צום אים און אַז ער האָט דערפילט מנחמס אָטעם, איז ער רויִק געוואָרן.

— רוסלאַנד איז איצט געגליכן צו מיין יידן אין דער דאָרף־שׂריפה — האָט ער שטיל געזאָגט.

אַדריאַנס מענטשן וואָס האָבן זיך דאָ איינגעגראָבן, זענען געווען ווי די נאַקעטע וואָרצלען פון שטאַרבנדיקן וואַלד.

צווײ בײמער

אַ שמאָל אײזל־שטעגל פֿאַרבינדט די צווײ פֿאַרוואָרלאָזטע אַראַבֿישע דערפֿער. אויפֿן מעטשעט־בערגל, בײ דער שטײנערנער קאָרעטע, אין געסל־געוויקל, דאָרט וווּ דאָרשטיקע שעפּסן האָבן אין קילן שטײן פֿון קאָרעטעס געטרונקען דאָס קוואַלוואַסער. פֿון דאָרט פֿאַלט מיט האַסט אַ ליכטיק שטעגל, אַ צעכוואַליעטס, ווי אַן אויפֿגעדעקטער וואַסערפֿאַל און ווערט פֿאַרפּלאָנטערט פֿון קאַקטוסן און טרוקענע פּרדסים. אָפּטמאָל לויפֿט דאָס שטעגל צווישן נידעריקע גראָזן פֿון קאַווע־קאָליר מיט אַ ליכטיק־נאַקעטן זאַמד־שטויב און שפּיגלט זיך אין דער זון ווי אַ שלאַנג וואָס איז אַרויס פֿון פֿאַרבאָרגעניש.

די קוסטפֿײגל פֿליִען ניט אין די הימלהײכן, זײ היפּן פֿון סאַבּרע־בלאַט אויף די וויקלצווײַגן. זײערע קלײנע פֿליגל זענען פֿול מיט שטויב. עס הערט זיך ניט קײן פֿײגל־צוויטשערײַ אין די הײסע מיטאָג־שעהן, נאָר אַ שטיל געשאָך פֿון פֿאַראַיאָריקע דינע צווײַגלעך, וואָס ברעכן זיך פֿון טרוקעניש און דערמאָנט, אַז ערגעץ אין דער צווײַגן־געדיכטעניש ווימלט אַ פֿײגלש לעבן.

אַ שורה קאַקטוסן לײגט אַוועק די מידע קעפּ אויפֿן צעגליטן אײזל־שטעגל, אײן זײט פֿון וועגל איז איצט האַלב פֿאַרשאָטנט, פֿול מיט קײַלעכיקע שאָטנפֿלעקן. דער געל־געפֿלעקטער הונט וואָס וואָגלט פֿון דאָרף צו דאָרף גײט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האַלט זיך אין דער זײט פֿון וועגל, וווּ ס׳פֿאַלן די שאָטנס פֿון די גרוי־גרינלעכע קאַקטוסן.

בײם ריצנבוים איז דאָס וועגל דורכגעשניטן פֿון אַ ריזלדיקן שוואַרצן אָדער, וואָס ציט זיך אין דער גראָזן־געדיכטעניש אַרײַן — דאָס זענען די מוראַשקעס וואָס פֿלײצן איבערן לויטערן זאַמד, מוראַשקע נאָך מוראַשקע.

בלײַבט דער הײמלאָזער און מידער הונט שטײן פֿאַר דעם מוראַשקע־

שנור, זײַנע אױסגעטריקנטע נאָזלעכער הײבן אָן ציטערן, ער הײבט אונטער אַ פֿאָדערשטן פֿוס, קוקט זיך אײַן אין גראָזן־געציטער און גײט אַװעק.

צװײ בײמער דערהײבן זיך בײם ראַנד פֿון װעגל, אַ בױם אַנטקעגן אַ צװײטן בױם. דוכט זיך, אַז די הימלען איבער זײ זענען העכער, די טרױעריקע װײט — נאָך װײטער, און די װעג־קוסטעס, די קאָװע־קאָליר־גראָזן, דער גרױער ריטלעך־געפֿלעכט, די שטעכבלעטער און טױטער זשאַװער־פֿאָלין — בישטיק און קלײן.

אײן בױם האָט צעשפּרײט זײַנע רונדיקע צװײַגן, ער נעמט אַרום די װײטע האָריזאָנטן, זײַן גרין איז דאָס גרין פֿון קאַלטן שטאָל, זײַנע צװײַגן־בלעטער זענען לאַנג, שמאָל װי מעסערס, די בלאַט־אָדערן — האַרט מיט אַ טױטער געלקײט פֿון העלפֿאַנטבײן, דער שלאַנקער שטאַם איז שײן, מיט קאַרבן װי רינגען אױף די העלדזער פֿון די װײַבער װאָס האָבן אױף דעם װעגל געשפּאַנט. אַ זילבערנער שטױב העלט אין די נעכט און באַזײמט די צװײַגן און די שטאַם־קאַרבן מיט לבנהדיקער ליכט. עס זעט אױס װי דער בױם װאָלט אױפֿגעהאַלטן דאָס געװיכט פֿון די טרױעריקע װײטן. זײַנע צװײַגן האַלטן אונטער די װײטע געװעלבטע הימלען, און אין די חאַמסין־טעג הײבט ער אױף זײַן שטאָלצן קאָפּ צו די העכסטע פֿײערהװיכן און זײַן פֿוס קילט זיך אין אײגענעם שאָטן, אין קילן װינטלדיקן שאָטן װוּ עס זאַמלען זיך אײַן די גראָז־פֿײגל.

— דאָס איז די פּאַלמע, די װוּנדערלעך־שײנע טײטלפּאַלמע.

דער צװײטער בױם טראָגט אױף זײַנע דינע צװײַגלעך אַ פֿרישע לױטערע גרינקײט, אַזאַ גרינקײט װאָס מען טרעפֿט נאָר אין די לענדער פֿון די ברײטע טײכן אײַנגעפּאַסטע אין פּאַשע־פֿעלדער, אָדער בײ האַלב־פֿאַרשאָטענע קװאַלן. די בלעטלעך פֿון בױם זענען קלײן, ציטערן, דעם שטאַם זעט מען ניט אַרױס. פֿון דער ערד אָן ביזן שפּיץ איז ער אָנגעטאָן אין אַ שפּרודלדיק גרינעם בלעטער־קלײד, אַזאַ אײדלס איז דאָס גרין, דורכזעעװדיק דין װי גרינער פֿעלד־שפּינװעבס. אין זײַנע צװײַגן איז נישטאָ קײן שאָטן, די זון איז ניט אַזױ אומברחמנותדיק צו דעם בױם, זײַן פֿײער גליטשט זיך אַראָפּ פֿון די גרין־בורשטינענע בלעטלעך און בלײַבט ליגן צו פֿוסנס פֿון דעם שמאָלן, באַבלעטערטן שטאַם.

אַ גאַנצן װינטער שטײט ער אַ נאַקעטער, אָן אָפּגעשטאָרבענער, מיט

צווייגלעך וואָס ציִען זיך אין די הייכן, רייסן זיך צום שפּיץ, נאָר דער בוים־שפּיץ איז שמאָל, דין און וויגט זיך אין קלענסטן ווינטל. ער עפֿנט זיינע קנאָספּן אין שפּעטן מיי, דעמאָלט ווען דער פֿייגנבוים און דער תּות שפּרייטן שוין זייערע שאָטנס. ער שטייט אַלץ אַן אָנבלעטערדיקער אַפֿילו דעמאָלס ווען די ווייטן זענען גרין, געזעטיקט פֿון די שפּעדיקע רעגנס. זיינע דורכזעעוודיקע בלעטער פֿאַלן אַראָפּ אין פֿריִסטן האַרבסט. דער בוים פֿירט זיך אַזוי, ווי אין זיין ווייטן אָפּשטאַם־אָרט, ערגעץ ביי די סלאַווישע וועגן. ער האָט איבערגענומען בירושה דעם אַלטן לוח פֿון בליִונג און וועלקונג און האַלט אָן דעם אַלטן ביימערישן שטייגער. דעמאָלס, ווען די ערשטע קאַלטע האַרבסט־ווינטן צעוואָיען זיך אין די סלאַווישע לענדער, וואַרפֿט ער אַראָפּ זיינע בלעטער אויך דאָ, אויף דעם אייזלשטעגל, כאָטש דער זומער שטייט דאָ ווי פֿריִער און עס זענען נאָך נישטאָ אַפֿילו קיין סימנים פֿון קעלטן. נאָר דאָרט אין זיין אָפּשטאַם־אָרט פֿאַלן איצט בלעטער — וואַרפֿט זיי דער בוים אויך דאָ. הונדערטער ביימערישע דורות טראָגט ער אין זיך דעם סוד פֿין וועלקונג און בליִונג. ער עפֿנט זיינע קנאָספּן דעמאָלט ווען אין ווייסללאַנד איז די ערד שוין לאַנג צעוואַרעמט געוואָרן, נאָך דעם ווי דער שניידעק איז צעגאַנגען און אין ריטשקעלעך אָפּגעפּלאָסן צו די טייכן און דאָרט האָט דערוואַכט די צייט פֿון בליִען... — דאָס איז דער טאָפּאָל וואָס האָט פֿאַרוואָגלט אין דעם לאַנד אַריין און מען טרעפֿט אים ביי די וועג־ראַנדן, ביי פּרדס־צוימען.

ווי אַזוי דער טאָפּאָל האָט זיך צונויפֿגעטראָפֿן מיט דער פּאַלמע, דאָ אויף דעם פֿאַרוואָרלאָזטן אייזלשטעגל, וועט שוין בלייבן אַן אייביקער סוד. ווער האָט פֿאַרפּלאַנצט די צוויי ביימער? ווען מענס העגט האָבן אָפּגעהיטן דעם ערשטן אַרויסשפּראָץ? ווער איז אין זייער שאָטן געזעסן?

די פֿייגל־טריט אויפֿן וועגל זענען פֿאַרשאָטן, די יאַשטשערקע־שפּורן אין זאַמד פֿאַרווישן די לעצטע פּוסטריט פֿון די שעפּסן־סטאַדעס. אין לינקן זייט פֿון וועגל זענען געבליבן שפּורן פֿון מענטשנס טריט, און דאָרט ווו די צוויי ביימער שטייען אַנטקעגן זיך זענען זיי אָפּגעהאַקט געוואָרן און פֿאַרשוווּנדן.

קיינער ווייס ניט דעם סוד פֿון די צוויי ביימער, ניט די פּוסטריט אין זאַמד וועלן דעם סוד אויסגעבן, ניט דער צעכראַסטעטער פֿויגל־

געצוויטשער, דאָס צעריפּעטע און טרוקענע פויגל־גרעגעריי וועט עפּעס אַנטפּלעקן פון דעם ליידיקן וועגל.

ווער האָט זיי צונויפגעפּירט די צוויי ווייטע פרעמדע וועלטן און זיי געשטעלט פּנים צו פּנים? ווער האָט דאָס געפלאַנצטביים ראַנד פון אייזל־שטעגל דעם האַרט־גרינעם גרוי־שטויביקן פּאַלמע־בוים נעבן דער ליכטיק־גרינער צאַרטער טאָפּאָליע?

די פּאַלמע־צווייגן שאָרכן אויס מיט זייערע אָדערנדיקע בלעטער דאָס ליד פון מידבריות, דאָס געזאַנג פון טרויעריקע ווייטן, די טאָפּאָל־צווייגלעך ציטערן אויס מיט זיידענעם געשעפּטש דאָס ליד פון גרינע לאָנקעס.

ערגעץ דאַרף זיך דאָס געזאַנג באַהעפטן. ערגעץ פליסן דאָך הייסע און קאַלטע קוואַלן און גיסן זיך צוזאַמען, און אונטער אונדזערע טריט אין די ערד־טיפענישן פלעכטן זיך וואָרצלען צוזאַמען אין איין געפלעכט.

אַ טונקל־שווערער טראַקטאָר האָט זיך געמאַכט אַ וועג אין דעם פאַרטריקנטן פּרדס. צווייגן האָבן זיך געבראָכן מיט טרעסקנדיקער איינ־געקוואַרטקייט, ברוינע וואָרצלען זענען אויפגעשפּרונגען מיט שטיקער רויערד און געפאַלן אויף אַ הויכן וואָרצלשטויס. אַ שטיק קאַקטוס־גדר האָט זיך אַ טרייסל־געגעבן און מיט טויזנט קעפּ צוגעפאַלן צו דער ערד ווי זיי, די קעפּ, וואָלטן געוואָלט באַהאַלטן דעם צער פאַר דער ליכטיקער שיין.

דאָס האָט מען אָפּגערייניקט אַ גרויסן שטח צו שטעלן געצעלטן פאַר ניי־געקומענע. דער טראַקטאָר האָט לאַנג געראַשט צווישן די שטאַמען און טויטע וואָרצלען און פאַרנומען אַלץ מערער און מערער פון אייזל־שטעגל ביז זיינע פאָדערשטע רעדער זענען געבליבן שטיין אַנטקעגן דעם טאָפּאָל. ער האָט לייכט באַרירט דעם הויכן גרינעם בוים, דער שטאַם האָט ניט קיין ציטער געטאָן. דערנאָך נאָך אַ מאָל. דאָס מאָל האָט דער טאָפּאָל־שפּיץ אַ שוידער־געטאָן ווי אַ האַרבסט־ווינט וואָלט אים דורכגעלאָפן. דער טראַקטאָר האָט אויף אַ ווײַלע זיך צוריקגעקערט מיט אַ שטיל געטוקעריי ווי דער מאָטאָר וואָלט געהאַלטן זיך ביים פאַרלעשן, דערנאָך האָט ער בייז צערעוועט זיך, אַ הייב־געטאָן די אונטערשטע רעדער. שטיקער ערד זענען געפלויגן ווי צעשראָקענע פייגל, און מיט רעוועדיקן אימפּעט

אַ שטויס־געגעבן דעם שטאַם. דער טאָפּאָל האָט זיך אויסגעבויגן, עטלעכע בלעטער האָבן זיך אָפּגעריסן. ער איז געפאַלן שטיל, לייכט, נאָר אַ געשאָרך פון גרינע בלעטער האָט זיך געהערט. דאָס איז גיכער געווען אַ לייכט שוועבן, אַ קורצאָטעמדיקער פּלי פון אַ קראַנקן פויגל.

דער טאָפּאָל איז געלעגן אויף דער ערד ביז מיטן שטאַם, נאָר אונטערגעשפּאַרט אויף זיינע שטאַם־צווייגלעך. אַ טייל פון טאָפּאָלס וואָרצלען זענען נאָך געזעסן אין דער ערד. דער טראַקטאָר האָט ווידער געמאַכט אַ קרייז און זיך דערנענטערט צום טאָפּאָל. זיין גראָב־אייזן האָט זיך איינגעשניטן אינעם וואָרצל־געקניפּ, דער מאָטאָר האָט אַ רעווע־געטאָן. דער בוים האָט זיך געוואָרפן. נאַקעטע, העלע וואָרצלען האָבן זיך אַנטפּלעקט און געטרייסלט פון זיך אַ רויט־ערדיקן וואָלקן. פּלוצעם האָט זיך אַ הויב געגעבן אַ שטיק פון זאַמד־וועגל. די פּאַלמע וואָס האָט רויִק זיך צוגעקוקט צום טויט פון טאָפּאָל האָט אַ צעשפּרייט־געטאָן אירע רונדיקע צווייגן און דער פּאַלמע־שטאַם איז מיט אַ הילכיקן דונער געפאַלן מיט דער געקאַרבטער שטאַם־ברוסט צו דער נאַקעטער ערד...

די וואָרצלען פון די צוויי ביימער זענען אין דער ערד־טיפעניש געווען פאַרקנופּט און צוזאַמען האָבן זיי געטרונקען פון די פאַרבאָרגענע ערדקוואַלן. ווען דער טראַקטאָר האָט אַ ריס־געטאָן דעם טאָפּאָל־וואָרצל איז אויך די טייטלפּאַלמע געפאַלן.

די צוויי טויטע ביימער זענען געלעגן מיט נאַקעטע פאַרפלאָכטענע וואָרצלען. די פּאַלמע־צווייגן האָבן ווי מיט הענט אַרומגענומען דעם צאַפּלדיקן גרין פון טאָפּאָל־שטאַם.

צופוסנס פון די הרי־יהודה

א

געווען איז דאָס אין די טעג ערב דעם אויספאַל פון יורה, ווען די ערשטע מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין די פאַרוואָרלאָזטע אַראַבישע דערפער צופוסנס פון די הרי־יהודה.

אַ גאַנצן פרילינג און זומער זענען די דערפער געווען פוסט. טייל מאָל האָט זיך עמעצער פון די שמירה־לייט דורכגעשניטן מיט זיין דזשיפּ דורך די שטויביקע אייזל־שטעגלעך און נעלם געוואָרן צווישן אַש־גרויע וועג־דערנער.

די פייגנביימער ביי די פּלויטן, דער תּות־בוים אין מיטן פון די ליימיקע הייפלעך און אַפילו דער ריצנקוסט זענען באַדעקט געוואָרן מיט אַ רויטלעכן שטויב ווי זשאַווער. די בלעטער האָבן זיך געקנוילט, פאַר־דעקט די קרענקלעך־געלע בלאַטאָדערן און ביים ערשטן ווינטל האָבן זיי זיך געקייקלט איבער הייף, איבער געסלעך און ליידיקע טרוקענע פעלדער.

די חמרה־ערד איז פול געוואָרן מיט שפּאַלטן, טיפע אָפּגרונטיקע ריסן, ווי די ערד וואָלט געוואָלט אַנטפּלעקן פאַר די הימלען די גרויסע לעכצונג נאָך וואַסער. די שפּאַלטן זענען געווען טונקעלע, זיי האָבן אַרויס־געאָטעמט אַ דעמפּיקע ערד־טרוקעניש וואָס קומט פון טיפן ערד־איב־געווייד. ביי טאָג האָבן די ערדריסן אויסגעזען ווי אויסגעגאַנגענע בליצן און אין די נעכט — ווי שלאַנגען וואָס לויערן אויף באַכט־שרצים.

די עטלעכע אַראַבישע דערפער זענען געלעגן אויף בערגלדיקע שטחים, צונויפגעקנוילט אַרום אַ מעטשעט, אַרום גרויען געשטיין און ליימיקע ווענט פון הויף־פאַרצוימונגען. צופוסנס פון די דערפער האָט זיך געשפּרייט דאָס פלאַכלאַנד — אַ טרויעריקע ווייט פול מיט טראָסטניק־קוסטעס פון אַן אויסגעלאָשענעם פעלד־זילבער־קאָליר.

די קעמלוועגן און אייזלשטעגלעך שלענגלען זיך דאָ פֿון דערפֿל צו דערפֿל און פֿון פֿעלד צו פֿעלד. אויף די טאָלפֿלאַכן זענען די סאַברע־קוסטעס ניִדעריקע, מיט קליינע פּרוכט און גרויסע שטעכערס. אָט וועלן זיי זיך אַריינפּרעסן מיט זייער שטעכעניש אין דעם לייב פֿון די שאַקאַלן וואָס זוכן אַנטרינונג פֿאַר דער ליכטיקייט פֿון אָנקומענדיקן טאָג.

ערגעץ ווו ביים ראַנד פֿון דאָרף דערהייבן זיך עטלעכע טייטלביימער, זיי זענען האַלב־רונדיק ווי דער הימל־געוועלב. דער שאַרף־געלער טייטלשטאַנג וויגט זיך אין ווינט און לאָקט צו זיך די פֿעלדפֿייגל, די דאָרשטיקע און פֿאַרשמאַכטע, וואָס קומען אַהער אויפֿצופּיקן דעם האַרט־הויטיקן האַלב־רייפֿן טייטל.

אויף די פֿאַרלאָזענע וועגלעך האָבן ניי־געקומענע מענטשן געשפּרייזט. עמעץ האָט פֿאַרגאַפֿט זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר אַ טייטלבוים, פֿאַרריסן דעם קאָפּ צו דער קרוין און איינגעקוקט זיך אין שטויביקן האַרטן גרין פֿון די טייטלצווייגן. ער האָט באַרירט מיט די פֿינגער דעם שטאַם, איינגעקוקט זיך אין דער געקאַרבטקייט פֿון דער קאָרע, דערנאָך איז דעם פֿרעמדנס בליק געפֿאַלן אויף דעם טייטלקנויל. ער האָט אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד אַ ניט־צייטיקן טייטל און געשפּילט זיך מיט דער געשליפֿענער גלאַטיקייט ווי מיט אַ קרעל. ער האָט אויסגעפּרוווט דעם טעם פֿון דער פֿרי איינבייסנדיק זי מיט די ציין.

אָפּט האָט זיך איינער פֿון די ניי־געקומענע פֿאַרהאַלטן פֿאַר די איבערגעצייטיקטע סאַברע־קוסטעס, עס האָט אים געלאָקט דער רויט־זאַפּטיקער שימער פֿון דער אָנגעגאָסענער פּרוכט און ער האָט אויסגעצויגן זיין האַנט צו איר און דערפֿילט אַ רייצנדיקע שטעכיקייט אויף דער האַנט־פֿלאַך. מענגעס שטעכיקע הערעלעך האָבן זיך איינגעהעקלט אין דער הויט, און ער האָט לאַנג לאַנג ניט געקאָנט זיך פֿון זיי באַפֿרייען. איז דער פֿרעמדער שטיין־געבליבן און חידושדיק געשעפּטשעט — אוווּאַ, זע נאָר זע... גאָרנישט געוווּסט...

אין די דאָרפֿגעסלעך האָט דער שטויב געקנוילט זיך אַרום די ליימווענט. אַ טרוקעניש איז באַפֿאַלן אַלע פֿלאַנצן. די טריקעניש האָט זיך איבערגעטראָגן אויף די מענטשן, מיד געמאַכט זייערע טריט. די רייד זענען געפֿאַלן ווי פֿאַרדאַרטע פֿייגנבלעטער וואָס זייער פֿאַלן הערט מען

יאָ און מען הערט ניט. ערגעץ ווו האָט מען געקאָלכט אַ טירל פון אַ הייפל. עמעץ האָט פון ערגעץ געשלעפּט אַ ברעט. אַ היימלאָזער הונט האָט זיך ווי אַ שאָטן דורכגעשלייכט ביי די ליימווענט, רייבנדיק זיין געלע פעל אָן די ווענט. דעם הונטס אויגן זענען געווען אויסגעלאָשן, ער האָט שטאַר געקוקט פאַר זיך און באַהאַלטן דעם עק צווישן די פיס. פון טרוקענעם פּרדס האָט זיך געטראָגן אַן אייזל־געוויין. צווישן דערנער איז געלעגן אַן אייזל פאַרבונדן מיט שטריק, פאַרפּלאָנטערט אין צווייגן־געדיכטעניש. פון אַן אויפגעפּראַלט נידעריק הויפטירל איז אַרויס אַ שוואַרצע ציג אָן הערנער. די לאַנגע האָר־צויטן, פול מיט קאָלטנס און שטעכלקעס, זענען אַזש ברוינ־לעך געוואָרן פון דער שוואַרצקייט. דער ציגס אויגן זענען געווען גרויס און טרויעריק און איר אייטער — איינגעפאַלן.

אין איינע פון די הייסע נאָכמיטאָגס איז מוינע געקומען אין דאָרף אַריין. אין געוועלבטן חדר פון אַ טונקעלן מויער לעבן מעטשעטבאַרג האָט ער געוויזן זיינע פּאַפּירלעך וואָס מ׳האָט אים מיטגעגעבן פון בית־עולים.

איינער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט און גענומען שפּאַנען מיט אַ הינקעדיקן טריט איבערן געסל. ער איז אַוועק צו די טרוקענע פעלדער.

— העי, קימץ מיט! — האָט ער אויסגעשריִען צו מוינען, ווי ער וואָלט זיך פּלוצעם דערמאָנט אין פרעמדן. דער היימישער פּוילישער ייִדיש האָט מוינען דערנענטערט צום הינקעדיקן, צום שטויבגעסל און צו די נידעריקע ליימהייזער.

זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט און געגאַנגען שווייגנדיקע. דער הינקע־דיקער האָט זיך אָפט פאַרהאַלטן פאַר אַ טירל און דערנאָך ווייטער גע־שפּאַנט. דער אָוונט האָט אָנגעהויבן צוצופאַלן. מוינע האָט געזען, אַז דער שטערן פון זיין באַגלייטער איז באַזעצט מיט טראָפּנס שוויים און אַ וויִע ציטערט אים. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אַ גרויסע פייערדיקע זון איז געלעגן אויף דעם מערבדיקן הימלראַנד.

— עץ זעט דאָס טרוקענע פעלד? קוקץ! דאָרטן זענען נאָך פריי־עטלעכע ווינונגען. דאָ איז אַלץ פאַרנומען.

מוינע האָט זיך אַליין אַראָפּגעלאָזן מיטן אייזל־שטעגל צו די טרוקענע פּליינען, ווו צווישן נידעריקע גרויע קנוילן קוסטריטלעך האָבן זיך אַרויס־געזען ליימשטיבלעך. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, טריט נאָך טריט. זיינע

אויגן האָט ער אָנגעהאַנגען אין די בערג־ווייטענישן, אין די אויסגעלאָשענע נעפּלדיק־פאַרגליווערטע בערג און טונקעלע אַראָפּהאַנגען. זיי האָבן אויסגעזען צו זיין נאָענט, גאָר נאָענט, די הרי־יהודה, נאָר וואָס נידעריקער מוינע איז געגאַנגען מיטן וועגל, וואָס נענטער ער איז צוגעקומען צו די פעלדער, אַלץ ווייטער זענען אָפּגעשפּרונגען די בערג, אַלץ מער און מער איז פאַרווישט געוואָרן זייער גרענעץ מיט די פאַרנאַכטיקע הימלען. ער האָט זיך אויסגעדרייט אויף צוריק, געזען ווי דער דאָרפס־אויפזעער פון סוכנות הינקט אַוועק צום מעטשעט־בערגל.

דאָס אייזל־שטעגל איז איצט געלעגן אַ האַלב־פאַרשאָטנס. די טרוקנגראָזן און די קוסטעס ביים ראַנד פון וועגל האָבן געוואָרפן אַ בלאָלעך־אויסגעצויגענעם שאָטן. פון גאָר נאָענט האָט זיך געטראָגן דער זיסלעכער ריח פון פייגן־האָניק. ביים פאַרצווייגטן שיקמה־בוים איז מוינע געבליבן שטיין. ער האָט אויפגעקליבן אַ הויפן אָנגעגאָסענע שיקמה־פּירות און זיי געהאַלטן אויף דער האַנטפלאַך. אַ זשומעריי פון פעלדבינען און אַ פייגל־געצוויטשער האָט זיך געטראָגן פון די טונקעלע צווייגן. אַ מידקייט איז אים באַפאַלן. די מידקייט פון אַרומוואָגלען איבער דער שטאָט, פון געסל צו געסל, עס איז אים נימאס געוואָרן דאָס געלויף אין די אַמטן נאָך כּלערליי פּאַפּירלעך אויף צו באַקומען ערגעץ אַ חדרל. ער האָט אין זיינע וואַנדערונגען שטענדיק געזען פאַר זיך אַ גרין־געזעטיקט פעלד וואָס ליגט ווי אַ טעפּיך אויסגעשפּרייט ביי זיינע פיס. דו רו פון אַ גרין פעלד, אַ בלויענדיקס האָט געוויגט זיינע שלייפן, געליכטיקט אין די מידע אויגן. עפּעס אַ ווייטע אַנונג, אַ זעונג וואָס שפּיגלט זיך איבער פון הימל אין טייך און פון טייך אין מענטשן־אַפּלען אַריין און פון דאָרט שלאָגט זיך אָפּ די זעונג אין דער נשמה און בלייבט פאַרבאָרגן אויף לאַנגע צייטן ביז עס קומט די רגע פון אַנטפּלעקונג, אַזוי איז עס אויך געווען מיט מוינען. דאָס דאָרף פון זיין זיידע און עלטער־זיידע, די גרעבליע, דאָס פּאַשע־פעלד, די לאָנקע — דאָס אַלץ האָט גענומען אַרויסשפּיגלען פון די נשמה־טיפענישן דורך די אויגנאַפּלען. ער האָט אפשר אין יענע רגעס ניט געוווּסט, אַז עס אַנטפּלעקט זיך אין אים אַ דורותדיקע בענקשאַפט צו ערד.

דאָס הייזל איז געווען פון ווילדן געשטיין, אָן טירן און אָן פענצטער.

דער הויף אָנגעוואָרפן מיט מיסט און טרוקענע געהילצער. דער ברונעם איז געווען טיף און געהאַט איבער זיך אַ געוועלבטן מויער פון געטעסעטע שטיינער. דער איינציקער חדר פון דעם הויז איז געווען פאַרטונקלט און דעמפּיק. אין די ווינקלען האָבן זיך אויפגעהאַלטן גרויסע שפּינען פאַר־וועבטע אין שפּינגעוועבסן.

מוינע האָט געשפּרייזט אַרום מויערל, געקוקט אין די הויפווינקלען און איז אַרויס צום פעלד. פאַר אים האָט זיך געשפּרייט אַן אויסגעסאָכניעט פלאַכלאַנד, אַ גרויס, פול מיט שטעכפלאַנצן, שאַרף־בעגלדיקע, גרוי־זילבערנע אימהדיקע קוסטעס. פייגל האָבן זיך ניט געטרויט אַראָפּצולאָזן נידעריק צום דאָרנפעלד. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז זייערע פליגלען וועלן צעריסן ווערן פון די שטעכיקע קרייטעכצער, זיי האָבן ניט געוואָלט זיך זעצן אויף די טויטע שטעך־קרוינען אויסצופּיקן פון דאָרט דעם רייפן קראָפּעווע־מאָן. נאָר די קליינע שטויב־פייגל מיט אייביק צעשויבערטע פעדערן, די וואָס זעצן זיך אויף די קלענסטע טרוקנגראָזן און וויגן זיך אויף זיי מיט דיבינקען געסקריפּ, ווי דאָס פאַלן פון סאָסנע־שישקעס, האָבן גע־טראָגן זיך דעם פאַרנאַכט איבערן פעלד מיט אַ פאַרעקשנט שווייגן.

מוינע האָט זיך באַזעצט אין דעם הייזל. מען האָט פאַרריכט דעם דאַך, אַריינגעשטעלט אַ טיר און אַ פענצטער און דאָס איבעריקע האָט מוינע גענומען אויף זיך. ער וועט אַלץ אַליין מאַכן. ער האָט די ערשטע וואָך שווער געאַרבעט אין הויף. צוערשט דאָס אָפּרייניקן דעם חדר פון שפּינ־געוועבסן, דאָס קאַלכן און שפּעטער דאָס אָוועקפירן דעם שטיינער־אָנהויף ווו יאַשטשערקעס האָבן געהאַט זייערע היימען. זיי פלעגן לאַנג שטיין אויפן מויערל, מיטן קאָפּ אויסגעבויגן צו דער פאַרשרפנדיקער זון, און געעפנט גרויסע אומהיימלעכע מיילער באַזעצטע מיט אָפּגעבליאַקעטע קרעלן.

דעם ערשטן פאַרטאָג פון באַזעצן זיך אינעם הייזל איז מוינע אַרויס אין פעלד. ער האָט קיין רו ניט געהאַט אַ גאַנצע נאַכט, געדוכט האָט זיך אים אַז דאָס אָפּגעשטאָרבענע פעלד נעמט אים אַרום מיט אַ טויטן דערנער־דעק, ער האָט אין שלאָף געזען די שטעכיקייטן נעענטערן זיך צו אים, און פון אומעטום רייסן זיך שטעכקוסטעס, צעוואַקסן זיך אויפן פלויט, אויפן דאַך־ווינקל און אָט זענען זיי שוין ביי די שוועלן. ער קאָן ניט קיין טריט שטעלן, אומעטום זענען זיי דאָ, זיי שטעכן זיך איין אין לייב, צערייסן די קליידער,

די הויט, פאַרבלוטיקן ס׳פּנים. ער האָט זיך געטראָגן איבער די פעלדער מיט אַ וויסט און אימהדיק געשריי, ער איז געלאָפן אַנטקעגן דער באַרג־וויטעניש, געוואָלט זיך אַרויסרייסן פון טרויעריקן טאָל און לסוף געבליבן ליגן אַ צעשטאָכענער און פאַרבלוטיקטער ביי אַ סאַברע־גדר. דאָס זענען אָבער געווען זעלטענערע חלומות. ער איז געלעגן דערנאָך אויף זיין געלעגער אין אַנגסטן און געטראַכט וועגן פעלד.

אַרום מויערל האָט זיך געשלענגלט דער ברוינער, נידעריקער קוסט, דער שטיינברעכער, וואָס האָט זיך איינגעביסן אין די טויטע שטיינער, אין זייערע ריצן און שפּאַלטן, דאָרט ווו דער ווינט האָט אָנגעטראָגן דעם רויטן ערדשטויב, האָט ער צעשפּרייט אין דעם שפּאַלט פון שטיין העקלדיקע וואָרצלען. אומעטום, אויף יעדן פּלויטווינקל האָט אומבאַמערקט, שטיל געשלענגלט זיך דער שטיינברעכער.

און דו, בן־אדם? פאַר וואָס זאָלסטו זיך ניט קאָנען איינקלאַמערן אין דער ערד, אין דעם גרויסן טאָל וואָס קאָן געבן פּרוכט בשפע?

ער האָט ביז שפּעט אין טאָג אַריין אַרומגעשפּרייזט איבערן טרוקענעם פעלד, געבליבן שטיין ביי די אויסטערליש־פרעמדע געוויקסן און געקוקט אין די פאַרטריקנטע זריעה־בעכערס. טייל האָבן געהאַט אין זיך שוואַרץ־פּורפּורענע יאַגעדעס וואָס האָבן געפינקלט ווי וואָראָנע־אויגן.

ביי די ראַנדן פון די וועגן האָט זיך געזילבערט דער ווילדהאָבער מיט ליידיקע פּלעווס. ער האָט געמיינעט זיך אין דער זון מיט אָנזאָג, אַז ערגעץ ווו אויף באַאַרבעטע פעלדער צייטיקט שוין דאָס האָבערפעלד, מיט שווער־אָנגעגאָסענע קערנער.

די טריקעניש ערב דעם יורה איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. געפּילט האָט מען אין דער לופטן אַ טשאַדיקייט. דער פייגנבוים האָט שוין באַלד פאַרלוירן זיינע בלעטער און די שלאָפנדיקע קנאָספּן האָבן געהעלט מיט אַ בורשטינענער גרינקייט. אַרום תות־בוים איז אומעטיק געוואָרן. די פייגל האָבן זיך ניט געזעצט אויף זיינע צווייגן, זיי האָבן ניט געהאַט וואָס צו נעמען.

ערגעץ ביי די פּרדס־ראַנדן איז געשטאַנען דער טאָפּאָל אַ האַלב־ליידיקער, זיינע דינע ריטלעך, ווי אָנגעצויגענע האַרפּע־סטרונעס, האָבן געוויינט אין ווינט און אויפגעדעקט דעם שטאַם. אַפילו די טיף־פאַרוואָרצלטע

שיקמה האָט געשאָטן אַרום זיך פֿאַרטריקנטע, ניט־רייפֿע פּירות וואָס האָבן מחמת דוחק אין וואַסער פּרי געוועלקט. נאָר דער דאָרן וואָס איז אַ גאַנצן פֿרילינג און זומער געווען אָנבלעטערדיק, פֿול מיט שטעכיקייטן, האָט פּלוצעם צעעפֿנט קליינע בלימלעך און גרינע בלעטלעך. אַפֿילו דער מימאָזע־קוסט האָט אָנגעהויבן עפֿענען זיינע העל־געלע פּוכבלימלעך.

אין די בעכט האָט אין מערב־זייט געבליצט. אַ וואָלקן האָט זיך אומגעריכט אָנטפּלעקט, זיינע ראַנדן זענען אָנגעצונדן געווען מיט פֿאָספֿאָר־ליכט. דאָס ליכט האָט אַ בלענד־געטאָן און זיך געלאָשן, דערנאָך ווידער אויפֿגעבליצט. מוינע האָט געקוקט אויף דעם ווונדער פֿון אָנטפּלעקטן הימל און געזען ביי יעדן אויפֿבליץ טונקעלע וואָלקנס, שווערע כמאַרעס באַ־זוימטע מיט אַ גרין ליכט. זיי וועלן באַלד אַראָפּגידערן צו דער דאָרשטיקער ערד.

ער האָט ניט געקאָנט אַ גאַנצע נאַכט איינשלאָפֿן. די אָנגעשפּיצטע דערוואַרטונג פֿון דער לעכצנדיקער ערד, פֿון פֿלאַנץ און בוים האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויפֿן מענטש. די דערוואַרטונג האָט אים פֿאַרשיכּורט און גערופֿן צו דער שוועל.

אין די הייזער אַרום מעטשעט־בערגל האָבן געפֿלעמלט באָפּט־קאַנעצלעך. שאָטנס זענען אויפֿגעשפּרונגען און פֿאַרשוווּנדן. ביי יעדן בליץ האָבן צווייגן געשטרעקט זיך צו די הימלען, געקלעטערט צו די באַלויכטענע מערבדיקע וואָלקן־הייכן און צוריקגעפֿאַלן צו די וואָרצלען.

פֿייגל האָבן געפֿלאַטערט אַרום די נעסטן, געזוכט זייער יונג־געפֿליגל און מיט געשריי געטראָגן זיך צום אָנגעצונדענעם מערב. דער יורה איז ניט געפֿאַלן. שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָבן זיך עטלעכע הענער צעקרייעט, אין טרוקענעם פּרדס האָט געגרעוועט אַן אייזל.

מוינע האָט ניט געקאָנט געפֿינען קיין אָרט אין שטוב. ער איז אַרויס צום וועגל און געזעצט זיך מיטן פּנים צו די בערג. ער האָט איצט געזען די הרי־יהודה נאָענט. ער האָט אין דער טיפֿער נאַכט דערפֿילט ווי די בערג עטעמען צו אים מיט קילקייט. זיין אויג איז געוואָרן שאַרף. ער האָט געשפּירט ווי די שטיינערנע פֿעלדזן, די באַוואַקסענע באַרג־ראַנדן שווימען צו נאָענט. אַ קילער ים־ווינט האָט אָנגעטראָגן וואָלקנס, זיי זענען געשוווּמען איבערן הימל און דערנענטערט זיך צו די בערג, די וואָלקנס

האָבן זיך געמערט, געדיכטער געוואָרן און געהאָנגען איבער די הרי־יהודה ווי אַ גרויסער שלייער. פון דער שווערקייט זענען די וואָלקנס געזונקען נידעריקער און נידעריקער און פאַרהילט די בערגשפּיצן. זיי זענען געהאָנגען אין חלל צווישן טרוקענעם פעלד און הימל. עס האָט אויסגעזען, ווי גאָט אַליין אַ פאַרהילטער אין נעפּלען קושט איצט די הרי יהודה.

ווען מוינע האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט שוין געליכטיקט. ער האָט דערפילט, אַז די נאַכטקילקייט האָט דורכגענומען זיין געביין. דער נעפּל־שלייער האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן פון טרוקענעם פעלד, פון די בערג, און געבליבן הענגען הויך אין הימל. די הרי־יהודה האָבן איצטער אין פרימאָרגן געפינקלט ווי קרישטאָל, אויסגעוואַשענע, לויטערע, מיט טויזנטער ליכטער, געשייערטע אין ריינסטן זילבער.

פאַרטאָג האָט ער אַרויפגעצויגן פון ברונעם אַן עמער וואַסער, אַרומגעוואַשן זיך אין הייפל ביז אין דער העלפט. דאָס ברונעם־וואַסער איז געווען קאַלט און אים וואַכעדיק געמאַכט. ער האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך די קליידער, פאַרריגלט דאָס טירל און אַוועק צום מעטשעט־בערגל, צום הייזער־געקנויל, צו די מענטשן פון געסל, כדי צו זען ווי אַזוי אַנצו־הייבן דאָס נייע לעבן אין דעם לאַנד.

מוינע האָט באַקומען אַרבעט ביי פאַרריכטן די הייזער אויפן מעטשעט־בערגל. מען האָט אַריינגעשטעלט פענצטער און טירן, געפלאַסטערט די בעטאָן־דעכער מיט סמאָלע, פאַרשמירט די ווענטשפּאַלטן. אין די פרימאָרגנס זענען די מענטשן געגאַנגען צו זייערע אַרבעטן. עמעצער האָט געטריבן אַן אייזעלע, איינגעשפּאַנט אין אַ צוויירעדערדיק וועגעלע; איינער האָט זיך שוין באַוויזן איינצושאַפן אַ פערד און וואָגן און געפאָרן אין שטאָט אַריין. אַ טייל פון די נייע תושבים זענען געקומען אין געסל שפּעטלעך ווען די זון איז שוין הויך געווען. מען איז געפאָרן צו קרובים און באַקאַנטע, זען זיך, און דער עיקר האַלטן זיך אַן עצה מיט די אַלטע תושבים. טייל האָבן שוין אַפילו געעפנט קלייטלעך; צעלייגט אויף גיט־געהיבלטע קאַסטן־ברעטער פאַרשיידענע סחורות, אויפגעקלאַפּט הילצערנע געשטעלן, פאַרדעקט מיט בלעכן.

מוינע איז יעדן טאָג געקומען צו דער אַרבעט. פלינק געמישט דעם צעמענט מיטן קאַלך. וויפל מאָל עס איז אים ניט אויסגעקומען צו אַרבעטן

אויף די דעכער, האָט ער שטענדיק געקוקט צום טרוקענעם פעלד וואָס רינגלט אַרום זיין הייזל, דאָס פלאַכלאַנד וואָס קאָן געבן שפייז און רו, איז אים געוואָרן נאָענט. נאָך אַ טאָג, עס וועלן אַ מאָל טאָן די ערשטע רעגנס, וועט ער מוזן בלייבן אין זיין הייזל, איינער אַליין, די אַרבעטן וועלן זיך אָפּשטעלן.

אין די נעכט האָבן זיך אים געחלומט ווייטע חלומות: ער איז אַ קליין יינגל. די עלטערן האָבן זיך איבערגעקליבן פון דאָרף אין אַ שטעטל. זיי וווינען אין אַן ענג יידיש געסעלע מיט האַלב־פאַרזונקענע שטיבער, ער וויל גיין אין פעלד און קאָן ניט אַרויס פון געסלדיקן געפלאָנטער. ער וויל צוריק אין דאָרף, צוריק קיין קוכאַר. דאָרט וווּ דער זיידע האָט פעלדער געאַקערט; וויים ער ניט ווי אַזוי מען וויקלט זיך אַרויס פון די געסלעך פאַרשפינטע אין רינשטאָקן און קאַנאַוועס...

אַ צווייט מאָל זעט ער אין חלום אַ קליין יידיש יינגעלע טאָפּטשען אין פרילינגדיקער צעווייקטער ערד. ערגעץ ביי אַ פאַרלאָזן הויז שטייט אַ גרינער שימלדיקער פּלויט פול מיט מאָך. אַ פריש ווערבע־ריטל מיט אָנגעדראָלענע קנאָספּן ליגט אין מיטן וועגל. דאָס קליינע יינגל פאַר־פלאַנצט דאָס ווערבע־צווייגל ביים גרינעם הילצערנעם פּלויט. אין שפּעטן זומער אַנטפּלעקט ער דעם סוד פון צווייגל פאַר אַ חבֿרל. זיי גייען צוזאַמען אין סודותדיקער פאַרהוילעניש צום גדר. אָ, גאָט! אַ ביימל האָט זיך צעוואַקסן...

ב

די אַרבעט ביים פאַרריכטן די הייזער איז ניט קיין שווערע. מען דאַרף נאָר קאָנען האַלטן די קעלניע אין דער האַנט, פאַרוואַרפן די ווענט־שפּאַלטן, אַריינמויערן אַ טיר, אַ פענצטער. אויסקאַלכן די הויכע גע־וועלבטע חדרים, פאַרמויערן די רונדיקע טאָפּל־פענצטער וואָס דערהייבן זיך לעבן סופיט. פון די ערשטע טעג אָן האָט מוינע זיך באַפריינדט מיט איינעם פון די אַרבעטער. דאָס איז געווען אַן נידעריקער, קרעמפּער, פריי־לעכער יונג. ער האָט זיך געוויגט אין גאַנג און געשטעלט שווערע טריט. עמעץ האָט אים גערופן פינחס, אַ צווייטער האָט פאַרראָכטן „פיניע" ביז עס איז געוואָרן פון פיניע — פיניאַק. דער נאָמען איז אים געפעלן. ער האָט

זיך אַליין אַזוי גערופֿן. עפּעס אַ שווערקייט איז געווען אין פּיניאָקס לשון. ער האָט יעדן איינעם געקוקט פֿאַרשעריש אין די אויגן אַריין. זיינע הענט — קורצע און שטאַרקע — האָבן ווי וואָרצלען געסטערטשעט. טייל מאָל פֿלעגט ער אויסשיסן אין אַ הילכיק געלעכטער, סתּם אַזוי פֿון דער העלער הויט. דאָס געלעכטער האָט זיך געקייקלט ווי שטיינער אויסגעשאָטענע פֿון אַ שווערן וואָגן. טייל מאָל פֿלעגט ער פֿאַרציִען אַ טרויעריקן ניגון, אַזאַ וואָס ס'זינגען ים־לייט אויף אָפֿענע ימען ערב שטורעמס. ער האָט קיין מאָל ניט געענדיקט דאָס געזאַנג, איבערגעריסן אין דער מיט און געוואָרפֿן בליקן צו די אַרומיקע. זיין בליק איז געווען פֿול מיט שפּאָט, ווי ער וואָלט דערמיט געזאָגט: וואָס ווייסט איר, וואָס האָט איר דען געזען... ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. עס לוינט ניט, ניט כּדאַי...

אַזוי זענען טעג אַדורך ביי דער אַרבעט. איין מאָל אין אַ פֿאַרנאַכט זענען זיי אַוועק צו דער וואַסערדער אַרומצווואַשן זיך. פּיניאָק האָט צעקנעפּלט זיין העמד. זיין לייב איז פֿול געווען מיט אויסטאַטויִרטע צייכענונגען; פֿון אַ פּרוי האַלב־פֿיש, פֿון אַ דורכגעשניטן האַרץ מיט אַ קינזשאַל, זיינע הענט זענען געווען מיט צייכענונגען פֿון פֿייגל און רויזן. ער האָט געקוקט אויף מוינען אַ שמייכלענדיקער מיט קינדערישע אויגן.

אין די פֿאַרנאַכטן איז מוינע געבליבן צווישן די ליימווענט. ביזן זונפֿאַרגאַנג איז ער געזעסן אויף דער שוועל, געבלאָנדזשעט אין די ווייט־קייטן, פֿאַרהאַלטן זיך ביי די טייטלביימער פֿון יענער זייט פֿעלד, אַמאָל ביי אַ שיקמה־בוים.

די ערשטע רעגנס זענען געווען וואַרעמע, שטילע און לייבלעכע. זיי זענען געפֿאַלן אויף די גראָזן לייכט ווי טוי, האָבן דורכגעווייקט דאָס אייבערשטע ערדהייטל און אַראָפּגעשוואָנקען דעם רויטלעכן שטויב פֿון די געוויקסן.

דאָס טרוקענע פֿעלד איז געוואָרן אומרויִק. די שטעכקוסטעס מיט די דערנער־בלומען האָבן זיך ביי יעדן ווינטל געבראָכן, דער נאַכט־ווינט האָט אָנגעמאַכט אַ תּל אין דעם פֿאַרטריקנטן פֿעלד, ער האָט גענאַרפּט אָפּרייניקן דאָס פֿעלד און צוגרייטן אָרט, אַז די צעשאָטענע פֿאַלין־זריעה זאָל קענען דאָ ווידער אויפֿגיין און האַלטן דעם חמרה־באָדן אין די נעגל פֿון ווילד־פֿלאַנצן.

ס'האָט זיך דערנעענטערט די צייט פון ווינטער־פּאַרזיי. מוינע איז אומרויִקער געוואָרן מיט יעדן טאָג. ער האָט געפילט, אַז מען מוז דאָס פּעלד באַאַרבעטן, מען מוז עס צעאַקערן.

די נעכט זענען געווען פּאַרוואָלקנטע, טונקעלע. אַן אומהיימלעכער געוויין פון שאַקאַלן האָט לאַנג אָנגעהאַלטן. ניט ווייט האָבן געסקריפּעט די טירלעך פון די הייף. מענטשן האָבן פאַרהעמערט אין די נעכט טיר און טויער. קליינע קאַנעצלעך האָבן געפּלעמלט אין די מעטשעט־געסלעך. אויפן אייזלשטעגל האָט דער פויגל אויסגעשריִען זיין האַנען־געשריי. אויפן שפּיץ פון אַ טרוקענעם צווייג איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך די נאַכט־סאָווע. פלעדערמייז האָבן זיך נידעריק אַראָפּגעלאָזן, געטראָגן זיך לענג־אויס די געסלעך, געפלויגן איבער מענטשישע קעפּ, שטילע, אַן געשאָרך און נעלם געוואָרן אין קוסטעס.

זיין פאַרמעגן איז געווען אַ הילצערן רענצל, אַן אייזערן בעטל, אַ טיש צונויפגעשלאָגן פון אַלטע געהילצער און עטלעכע טשוועקעס אין דער וואַנט אויפצוהענגען די מלבושים. ער האָט ניט געקענט די מענטשן פון מעטשעט־געסל און זיי האָבן אים ניט געקענט. אין די פרימאָרגנס האָט ער זיך מיט זיי געגריסט, גערעדט וועגן וועטער און אַוועק זיין וועג. טייל מאָל איז ער מיט זיי געשטאַנען ביי דער מעטשעט־געביידע און געשמועסט וועגן די רעגנס וואָס וועלן קומען, וועגן די פּרדסים וואָס טריקענען און מען וואָלט זיי נאָך געקאָנט אָפּראַטעווען, וועגן די שלעכט־געמויערטע הייזער ווו ס'איז שטענדיק פייכט און קיל, וועגן די אַלטע תּושבים פון לאַנד. אין דעם רעדל מענטשן זענען געווען פאַרשיידענע געסל־איינוווינער. געווען איינער וואָס האָט אַ צעשפּרייט־געטאָן זיינע געזונטע ידים, אַרויפגערוקט דעם הוט אויפן שפּיץ קאָפּ, אַנטפּלעקנדיק אַ געדיכטע קוטשמע געלע האָר. זיינע שמאָלע אייגעלעך האָבן געשפּיזלט און די אויגנוויינקלען האָבן זיך גערונצלט. ער האָט ביידע הענט געהאַלטן אין די הויזנקעשענעס און ווילעריש גערעדט צו איינעם:

— ווער פרעגט דיך? מ'עט זיך אָן דיינע עצות באַגיין! אַז ס'טריקנט דער פּרדס, מסתּמא דאַרף עס אַזוי זיין! מע ווייס אין די הויכע פענצטער וואָס צו טאָן...

ער האָט זיך אַ בויג געטאָן צו איינעם אַ הויכן מיט אַ קנאָפּ אין לאַנגן האַלדז און אַרויסגעשפּאַרטע אויגנוויסלען.

— מע מעג זיך פאַרלאָזן אויף די יידעלעך, האַ?

דער הויכער האָט ניט געוווסט וואָס צו ענטפערן אויף דער שאלה וואָס האָט אים אויסגעזען ניט צו זיין קיין שאלה נאָר אַ פעסטער זאָג.

— עך ווייס... — האָט דער הויכער געשטאַמלט. — עך זאָג, זאָג עך... — נאָר ער איז מער ניט געקומען צום וואָרט.

געווען אויך איינער אַ בידעריקער. ער האָט גערעדט גיך און אַריינגעשטעלט אין זיין רעדן אָן אַ שיעור לשון־קודשדיקע ווערטער מיט אַ סך פּתחן. צו זיינע רייד האָט מען זיך צוגעהערט, אָבער קיינער האָט אים ניט פאַרשטאַנען. געוווסט האָט מען, אַז ער איז געווען אַן עסקן אין די דייטשישע לאַגערן.

— עס וועט זיין בסדר, בסדר גמור, רבותי!

און געווען איינער אין רעדל מענטשן וואָס איז געשטאַנען זייטיק, צו יעדערנס רייד צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ ווי איינער וואָס טראַכט: ס׳וועט פון דעם קאָרן קיין ברויט ניט זיין. עכ׳ל דערפון קיין פרנסה ניט האָבן...

און איינער מיט גרויסע, פייערדיקע אויגן, אַ ברוגזער איז, גרייט געווען זיך מיט יעדן צו קריגן און יעדערן צו זידלען.

— עך זאָגט, אַז ס׳איז ווויל, אַז ס׳איז גוט, טאָ לאָזט מיך אַרויס פון געשעפט? כ׳טרעט אָפּ מיין חלק!

ער האָט אויף אַלעמען געשרפהט מיט בייזקייט און שפּאָט. די רייד האָט ער געזאָגט ניט נאָר מיטן מויל, זיי האָבן אַרויסגעשריגן פון די אויגן, פון געשטעל, פון יעדן קער.

און געווען איינער אַ שטילינקער מיט אַ שיטער בערדל און מידע אויגן, ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, דער אָטעם איז אים געבליבן פאַרהאַקט אין האַלדז און ער האָט ניט געקאָנט גאָרנישט אַרויסריידן. דאָס איז געווען דער מונקאַטשער חסיד, ער האָט לסוף אַרויסגעבראַכט עטלעכע ווערטער וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם געזעמל.

און געווען איינער אין דיקע ברילן־גלעזער, אַ שניידער פון בעזוין. און אַ וואָליגער יאָריד־גייער מיט אַ טונקל־ברוין ביינערדיק פנים האָט געריסן זיך צום יונג מיט דער ברוגזדיקער צורה.

— ווער האַלט דיך צו, קאָנסט גיין!

די שריפה אין יונגס פּנים האָט זיך געלאָשן. ער איז שטיל געוואָרן. די נאַכט איז צוגעפאַלן. די מענטשן זענען זיך ניט צעגאַנגען. זיי זענען געשטאַנען שווייגנדיקע מיט די פּנימער צום גרויסן טונקעלן מעטשעט. אין דינע שלייערן פון זיידנס געוועבט.

— ס׳צוגעזאָגטע לאַנד... — האָט עמעצער געזאָגט. קיינער האָט ניט געזען יענעמס פּנים. קיינער האָט זיך ניט צוגעהערט. יעדער איז געווען מיט אייגענע זאָרגן און האָט די זאָרגן אַוועקגעטראָגן מיט זיך צו די ליימ־ווענט. ווידער האָבן נאַפּט־פלעמלעך אויפגעצאַפּלט. מוינע איז געגאַנגען לענגאויס די געסל־ווענט, אַראָפּ מיטן סאַברע־וועגל צום פעלד. די טונקל־קייט איז גיך צוגעפאַלן. אַ געדיכטע ווינטער־פינצטערניש האָט ווי פעך צוגעדעקט פעלד און באַרג. אַ טרויעריקע חשכות האָט אים אַרומגענומען. ער האָט ניט געצונדן קיין ליכט דעם אָוונט נאָר געלעגן אין די קליידער אויפן בעטל.

ג

נאָכן יורה זענען ווידער געקומען זוניקע טעג. דאָס ים־ווינטל אין די מיטאָג־שעהן איז געוואָרן קילער און שאַרפער. געדיכטע וואָלקנס האָבן זיך געזאַמלט אויפן מערבדיקן הימל. צווישן די אָפּגעבראָכענע, פאַר־טריקנטע שטעכקוסטעס האָט זיך באַוויזן אַ צאַרט גרין גראָז. די שטיינער־דיקע ערד איז דורך עטלעכע טוינעכט און פון יורה באַדעקט געוואָרן מיט אַ גרינעם אויסשפּראָץ.

ער איז אומרויקער געוואָרן, מוינע, מיט יעדן טאָג. צו ערשט האָט ער ניט באַנומען פון וואַנען דער אומרו קומט. פאַר טאָג איז ער אָפּט אַרויס צום מעטשעט־בערגל. ניט ווייט האָט אַ פרוי צעהאַנגען אַ שנור מיט וועש וואָס האָט געפלאַטערט אין פרימאָרגן־ווינטל. עמעץ האָט וואָלקנס זענען אָנגעשווומען פון מערב. די הרי־יהודה האָבן זיך געהילט פאַרראָכטן אַ צעשאָטענע ליימוואַנט. אַן אייזעלע האָט געטאָרגלט זיך אין זאַמד און אויפגעהויבן אַ שטויבוואָלקן.

די טרוקענע שטעכלקעס, די שאַרפשפּיציקע, מיט אויסטערלישע

בעכערס, די געשניצטע גרוי־זילבערדיקע בלעטער האָבן געלויכטן מיט טויטראַפּנס. מוינע האָט געשפּאַנט איבערן פעלד ביז צום וואַדי און דערנאָך צוריק. ער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אָפּט זיך אָפּגעשטעלט. די ערד איז נאָך האַרט געווען, די טרוקן־קוסטעס האָבן געסקריפּעט אונטער זיינע טריט, די ריטלעך האָבן זיך געבראָכן. אַלץ האָט דאָ געגאַרט נאָך דעם אַקער וואָס זאָל זיך טיף איינשניידן אין דעם פעלד. די ערד האָט געוואַרט, אַז דער בלאַנקענדיקער שטאָל זאָל זי אַ הייב־טאָן און באַפרייען איר פון גרויען שאָלפּאַנצער און אַנטפּלעקן דעם רויט־פלײשיקן באָדן פאַרן ליכטיקן טאָג.

דעם טאָג איז מוינע ניט אַרויס צו זיין אַרבעט ביים פאַרריכטן די הייזער. עפּעס מזומן האָט ער געהאַט — דאָס זענען געווען זיינע ערשטע אָפּשפּאָרונגען אין לאַנד. ער האָט געוואָלט אַרומקוקן זיך אַרום זיין הייזל, האָט געטראַכט צוצוגרייטן זיך צום ווינטער, אויסרוימען דאָס הייפל, פאַרריכטן די ליימווענט, דאָס הויפּטירל און דערנאָך אויפזוכן זיינע פריינד, נאָכפרעגן זיך אויף אייגענע.

אין געסל האָבן זיך פאַרזאַמלט עטלעכע באַלעגאָלעס. זיי זענען געשטאַנען מיט די אייזעלעך ביי דער וואַסערער. מוינע האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף אַן אייזעלע און געגלעט די אייזל־פעל. פּיניאָק איז פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ לייטער.

— העי, מוינע, וואָסער יום־טוב אויף דיר?

ער האָט אַראָפּגעשטעלט דעם לייטער און פאַררויכערט.

— גייסט עפּענען אַ געוועלב? אַ סוחרל ווערן?

ער האָט געטייטלט אויף דער לאַנגער שורה קלייט־שטעלעכלעך וואָס זענען געשטאַנען איןביידע זייטן וועג.

מוינע האָט געשוויגן. דאָס אייזעלע האָט געשפּיזלט מיט די אויערן. שאָלקע נאָזדרע איז פון ערגעץ געקומען .אַ פאַרשטויבטער. ער האָט געפירט אַ פערד פאַרן ציימל. קוטשמעס שוואַרצע האָר זענען געפאַלן אויף זיין קורצן שטערן, אויף די אויגן. ער האָט געפּאַרסקעט מיט די אָנגעשוואָלענע ליפּן, געשריען אויפן פערד מיט גוייִשער רוגזה.

— שטיי נאָר! — האָט איינער פון די אייזלטרייבער גערופן צו נאָזדרען.

— האַר נאַר אַ מעניטקאַ! זעי׳נאַ ס׳יוגעניש! לאָז אָנקוקן די שקאַפּע!

נאַזדרע האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס גרויע פערד איז ביטו איינגעשטאַנען, ס׳האָט זיך געדרייט אין אַ קרייז, געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס איבעם זאַמד, געשטויבט און געוואָרפן דעם עק. דעם פערדס אויגן זענען געווען טונקל־גרוי און גרויס, די אויגנווינקלען — פייכט און אַ ראַי פון קופּערנע פליגן האָט זיך געטראָגן איבער זיי מיט געזשומעריי.

איינער האָט זיך איינגעבויגן, אונטערגעהויבן דעם פערדס אונטערשטן פוס און באַקוקט די קאָפּיטעס. אַ צווייטער מיט אַ ביינערדיק פּנים, איז צו צום פערד פון פאָרנט, אַ כאַפּ געטאָן די גזשיווע, דערנאָך די מאָרדע און אויפגעריסן דעם פערדס מויל. ער האָט אַנטפּלעקט אַ שורה פערדישע ציינער פול מיט ווייסן שוים. דער יונג האָט געווישט די הענט פון פערד־סלינע אין זיינע הויזן און געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט דערמיט אויסגע־דריקט זיין גוטע מיינונג וועגן פערד.

— ווו האָסטו אים פּאַטשאַפּעט?

אַן אַנדערער האָט דורכגעפירט זיין האַנט איבערן פערדישן קאַרק, אַריינקוקנדיק דערביי טיף אין די גרויסע אויגן.

— די באַרווע איז נישקשהדיק. די שליפּיעס — געזונטע.

— מ׳קאָן מיט אים אַרבעטן אַ שיינע פּאָר יאָרעלעך?

— אוי קאָן מען!

— ס׳איז אַן אַקערפערד, — האָט אַ זייטיקער צוגעגעבן, — כ׳דערקען לויטן שפּרייזן.

מוינע איז אַריין צווישן די באַלעגאָלעס, צוגעגאַנגען באַענט צום פערד, מען האָט אים פּלאַץ געמאַכט. „אַן אַקערפערד״, די ווערטער האָבן געשלאָגן אין זיין מוח.

צופוסנס פון מעטשעט־געסל ליגט דאָס פעלד געפאַנגען פון דערנער־קוסטעס, פון שלאַנגען־גראָזן, פון אַ בריַעכץ, פון ביטערן פּאָלין. דער ווינט טראָגט איבער די פלאַכן די סמיקע שטויב־זריעה...

— אַן אַקערפערד ? טאַקע אַן אַקערפערד? — האָט ער עטלעכענע מאָל איבערגעפרעגט. נאַזדרע האָט אַ ריס געטאָן ס׳פערד ביים ציימל, עפּעס אויסגעברומט, דערנאָך געוויזן אויף דעם פערדס פּיס.

— עץ זעט אַ געשטעל?

פּיניאָק איז געשטאַנען מיטן לייטער און געוואַרט אויף מוינען. נאָר מוינע איז אַלץ מערער און מערער אַריינגעצויגן געוואָרן אין די גערייד וועגן פערד, ער האָט איינגעטענהט מיט באָזדרען, געפּרעגט, געדונגען זיך. באָזדרע האָט אים עטלעכע מאָל אַ נעם געטאָן פאַר די אַקסלען, געזוכט מוינעס האַנטפלאַך און מיט דער גאַנצער קראַפט געפּאַטשט האַנט אָן האַנט. פּיניאָק האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן אויף מוינען, ער האָט אַ מאַך געטאָן און אַוועק מיטן לייטער צום געסל־געוויקל.

דעם טאָג האָט מוינע אַריינגעפירט צו זיך אין הייפל דאָס פערד וואָס ער האָט געקויפט ביי באָזדרען. ער האָט עס געפירט טריט ביי טריט, די געסל־וויבער האָבן נאָכגעקוקט דעם יונגן־מאַן מיט די טיף־אַריינגעשניטענע אויגן, באַראַמטע מיט געדיכטע ברעמען. זיין הילוך, זיין גאַנצער באַנעם איז ניט געווען פון קיין באַלעגאָלע.

אַז עס איז טונקל געוואָרן איז שוין געווען צונויפגעקלאַפּט אַ שטעלעכל, צוויי ווענט האָט ער צוגעשטעלט צום הויף־ווינקל און געדעקט אַ דעכל פון אַלטע בלעכן וואָס האָבן זיך געוואַלגערט לרוב אין אַלע הייף פון דאָרף. ביי נאַכט איז ער געזעסן ביים באָפּט־קאַנעץ און געחשבונט, געציילט די עטלעכע געלט־פּאַפּירלעך וואָס זענען אים נאָך געבליבן. ער דאַרף נאָך קויפן אַ געשפּאַן, אַן אַקער, אַ וואָגן און פּאַשע אויף עטלעכע וואָכן. אין מיטן דער נאַכט איז ער אַרויס צום פערד, געגלעט דעם רוקן, דעם קאַרק, גערופן אים קאַרער.

דאָס פערד איז געשטאַנען שטיל, מעלה־גרהט, געקייט די ציינער. פון צייט צו צייט איז אים אַ דראָשטש דורכגעלאָפן איבערן רוקן אַזש ביז די קני׳ען, דעמאָלט האָט דאָס פערד אויפגעהויבן אַ פוס און אַ שטויס געטאָן אין ווענטל.

ניט לייכט איז אָנגעקומען מוינען צונויפצושאַפן דעם געשפּאַן, אַ גוטן אַקער, אַ בראָנע און אויך אַ וואָגן. עס האָט אויף אַלעם ניט געסטייעט קיין געלט. ער האָט בלויז פאַרן געשפּאַן אַרויסגעלייגט די לעצטע פּאַפּירלעך. דערצו נאָך האָט ער געמוזט קויפן האָבער. דער טאָג ווען ער האָט זיך געגרייט אַרויסצוגיין אַקערן דאָס פעלד איז אָפּגעלייגט געוואָרן. דערווייל זענען אָנגעקומען די ווינטער־רעגנס. עס האָט געפּליוכעט

פון די גרויע הימלען מיט שווערע רעגנשטראָמען. אַרום שטוב איז געוואָרן גרין. אַפילו דאָס טרוקענע טויטע פעלד איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ גרינעם דעק.

מיטן וואָגן געשפּאַנט אין קאַרן האָט מוינע זיך אַרויסגעלאָזן אין דער נאָענטער שטאָט אַריין אויף פּאַרדינסטן. אין די פּאַרנאַכטן איז ער צוריקגעקומען אַ מידער און דורכגעווייקטער פון די פּלוצעמדיקע רעגנס וואָס זענען אין די טעג געפאַלן אָן שום אָנזאָג און סימן אַז עס וועט פאַלן אַ רעגן. דערנאָך איז ווידער לויטער געוואָרן.

אין די אָוונטן איז אָפּטמאָל געקומען פּיניאָק. זיי זענען געזעסן שווייגנדיק ביים נאַפטלאָמפּ, געלאָזן קנוילן רויך אין חדרל. אין סופיט־ווינקל איז אַ שפּין געהאָנגען. אין אַ וואַנט־שפּאַלט האָט געזשומעט אַ פליג.

פּיניאָקס אויגן־טאָרבעלעך זענען געווען טונקל און אָנגעלאָפן. די טיפע צווייַ שניטן וואָס האָבן געפירט פון די נאָז־ווינקלען ביז צו די מויל־ווינקלען זענען געוואָרן שאַרפער און אָנגעצויגענער.

— זי בענקט, מאַרוסיע, זי בענקט אַ היים...

מוינע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, געדרייט זיך אויפן בענקל, געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט געפונען קיין ווערטער.

— זי וועט אויסגיין פון טרויער... ווייַנט אין די נעכט, יאָמערט, אַזוי ווי די שאַקאַלן הייבן נאָר אָן דעם געיאָמער, אַזוי העלפט זי זיי צו. די וואָלגע רופט איר צוריק צו אירע ברעגעס. נאָר פּיניאָק האָט זי אָוועקגעפירט... ווייט אַוועקגעפירט...

— זאָג, פּיניאָק, דו אַליין בענקסט ניט? ווילסטו שוין אייביק בלייבן צווישן די בערג און דעם ים, אויף דעם מעטשעט־בערגל לעבן די פלאַכן?

פּיניאָק איז אויפגעשפּרונגען. ער האָט זיך געוויגט אויף זייַנע קורצע פיס. געגאַנגען פון איין עק חדר צום צווייטן.

— בענקען? נאָך וועמען?

דאָס נאַפטלעמפּל האָט געצאַנקט. גרויסע צוויי שאָטנס האָבן זיך געוויגט אויף דער בלאָ־געקאַלכטער וואַנט. מוינע האָט געוואָלט אַרויס־

דרייען די קנויט, נאָר פּיניאַק האָט אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויף מוינעס פינגער.

— מ׳דאַרף ניט...

זיי זענען געבליבן אין דער טונקלקייט פון חדר.

דער שטילער שטראָם רייד איז געקומען פון פּיניאַקס גוף, פון זיינע פאַרשאָטנטע הענט.

ער האָט דערזען, מוינע, אַ קליין פּויליש שטעטל. אין פאָדערשטן בית־מדרש, ביים אויוון ליגט דער דאָרף־שלעפער חנינעלע. ער ליגט אין צעריסענע טראַנטעס, פאַרבלאָטיקט, פאַרלייזיקט, פון מויל שלאָגט אים אַ פּיענע, פון גוף טראָגט זיך אַן אַוויר. טרעגער־יונגען שטייען אין אַ קרענצל, עמעץ רופט: גייט׳ס, זאָגט אָן ראַצען, אַז דער אוצר האָט זיך אָפּגעפונען! דער שאָדן איז דאָ! חנינעלען האָט אַ פויער געפונען ליגן ביי אַ באָטשנע וועגל און אים געבראַכט אין בית־מדרש. די יונגען האָבן געטראָגן דאָס טהרה־ברעט, אַרויפגעלייגט דעם לעבעדיקן חנינעלע. דאָרט איז געלעגן אַ קנויל שמאַטעס, צעפּליקטע און צעשליסענע ביט קיין מענטש. אַן אַלטער ייד האָט געשריגן: גויִים, שקצים מען טאָר ניט! ער לעבט דאָך! די טרעגער זענען אַוועק. זיי האָבן אים געטראָגן צום בית־הקברות. די קינדער פון גאַס זענען נאָכגעלאָפן ביז העלפט וועג און זיך צוריקגעקערט, נאָר איין יינגעלע, אַ באָרוועס, איז געלאָפן ביזן טהרה־שטיבל. ער האָט געזען ווי מען הייצט אונטער דאָס קעסל מיט וואַסער, ווי די טרעגער וואַשן אַרום דעם אויסגעדאַרטן גוף פון זיין טאַטן. ער האָט געוואָלט שרייען, וויינען, איז אים די קעל טרוקן געוואָרן, אַלע טרערן אויסגערונען. מען האָט חנינעלען אָנגעטאָן אַ פּאָר אַלטע הויזן, אַ רעקל, אַ היטל. זיי האָבן אים געפירט געאָרעמט צו אַנשלען אין רעסטאַראַציע און געשטעלט ספּירט.

פּיניאַקס האַנט האָט געציטערט. זי איז געווען וואַרעם און מילד.

— איך בין געווען דאָס באָרוועסע יינגעלע. איך... האָט פּיניאַק איבערגעחזרט.

מוינע האָט אים באַגלייט אַ שטיק וועג. זיי האָבן געשוויגן. די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע, אָן שטערן, פאַרוואָלקנט.

— ווען וועסטו אַקערן דאָס פעלד?

— וויעסנע.

— נאָך די רעגנס? — האָט פּיניאָק איבערגעפרעגט.

— יאָ.

— טוסט גוט, מוינע, אָבער איינעם אַליין איז שווער.

אין פּיניאָקס פענצטערל האָט אויפגעצאַפּלט אַ ליכטיק פּייערל. אַ פאָרהאַנגל האָט זיך אונטערגעהויבן און אַ פרויען־קול האָט גערופן.

— שוין האַלבע נאַכט, מען מוז גיין, מאַרוסיע וואַרט, האָט פּיניאָק געזאָגט און פאַרשוווּנדן אין הייפל.

ד

וואָס נענטער צום פרילינג אַלץ אומרויִקער איז דאָס פערד געוואָרן אין שטאַל. ס׳האָט זיך געריסן צום גרינעם גראָז וואָס איז בשפע געוואַקסן אין אַלע ווינקעלעך. אין הויף איז שוין געלעגן אַן אַקער, אַ בראָנע. דאָס געשפּאַן איז געהאַנגען אין צימערל אויף אַ גרויסן טשוואָק.

אין די רעגנדיקע טעג האָט עס מוינען געטריבן פון שטוב. ער איז געגאַנגען איבער די געסלעך, געלאָזט פאַלן אויף זיך די שווערע רעגנ־טראָפּנס פון די ליימדעכער. טייל מאָל האָט ער זיך פאַרהאַלטן פאַר די געוועלבטע ברונעמוועגט און לאַנג געשטאַנען אין די שטיינערנע בישעס, אין די מויער־אויסהוילעכישן מיט שטיין־קאָרעטעס ווו מידע גייערס האָבן געשטילט זייער דאָרשט אין די חאַמסינען. אין די אָוונטן האָבן זיך פון מעטשעט־בערגל אָנגעזען די ווייטע פייערלעך פון דער שטאָט. די דינ־שפּיזלדיקע ליכטער האָבן זיך געמינעט אין דער פייכטער ווייטעניש מיט בלאָלעך־קאַלטן שימער. אַרום מוינען איז געווען שטאָק־פינצטער. צופוסנס פון באַרג האָבן קוים־קוים זיך אָנגעזען די קאַלך־שטיינער פון אַלטן אַראַבישן בית־הקברות. די שטיינער האָבן אַרויסגעקוקט פון די טונקעלע גראָזן. דער שיקמה־בוים האָט געטראָגן אין זיינע צווייגן שטיקער גליווערדיקע פינצטערניש. ער האָט זיך איינגעהילט אין רעקל, אויפגע־שטעלט דעם קאָלנער און געשפּירט ווי דער קאַלטער רעגנווינט נעמט אים דורך.

עס האָט אים געצויגן צו דער שטאָט, צו דעם נאַכטליכט וואָס פאַלט אויף פייכטע טראָטואַרן, צו די גרויסע באַלויכטענע שויפענצטער

מיט נעאָן־ליכטער, צו די טריטלדיקע שפּרייזן פון אַ פאַרשפּעטיקטער דורכגייערין מיט אַ פריש פּנים און פייכטע וויִעס באַזעצטע מיט שפּליטער־טראָפּנס. ער וואָלט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ קאַפּע און איינגעטעמט דעם ריח פון פרישער קאַווע, אויפגעכאַפּט די מוזיק־קלאַנגען פון הילכערס וואָס פאַלן פון צעעפנטע טירן.

ער האָט געוואָלט לויפן אַנטקעגן די שטאָט־פייערלעך וואָס האָבן געמינעט אַהער. ער האָט געוואָלט גיין צו דער שטאָט, איבערלאָזן דאָס מעטשעט־בערגל מיט די וויקל־געסלעך, מיט די טרויעריקע ווייבער, אַוועק פון די גאַפּט־לעמפּלעך, פון ליימיקן הייפל מיטן פאַרוואָרלאָזטן פעלד.

ווען ער האָט דערהערט דעם פּערדס הירזשעריי איז ער גיך אַוועק צום שטעלעכל, געעפנט דאָס טירל און געגלעט דעם קאַרן איבער דעם רוקן און קאַרק, אַריינגעקוקט אים אין די אויגן.

פון אָפּעגעם הויפטירל האָט זיך געטראָגן דער פרישער ריח פון בליִענדיקן פעלד. אַ שאַרף־אָטעמדיק ווייען פון פעלדקימל, אַ פאַר־שיכּורנדיקער טעם פון בריִעכץ האָט זיך אָפּגעזעצט אויף זיין גומען.

ניין. ער וועט פון דאַנען ניט אַוועק. ער וועט דאָ בלייבן. ער מוז דאָ בלייבן.

מוינען איז שווער געווען זיך אַליין גובר צו זיין. ער האָט זיך געוואָרפן אויפן געלעגער, געקוקט אין די נאַכטיקע שויבן און געזוכט אַ באַשייד אויף זיין איינזאַמקייט און אויף דעם ווילן דאָ צו פאַרבלייבן.

ס'האָט דערוואַכט אין אים דאָס בלוט פון זיין פאָטער, דעם וואַרשעווער יונגערמאַן, וואָס האָט אויך קיין רו ניט געפונען אינעם דאָרף קוכאַר, און געלאָזט זיך אין דער גרויסער אומהיימלעכער וועלט. אָפט קומט צו גיין די מאַמע, אַ שטילע און רויִקע גייט זי איבער די האַרבסטיקע מאַזאָווּשע וועגן, זי גייט צו דער דאָרפסמיל נאָך פריש געמאָלן קאָרנמעל. ער געדענקט די היים: מען קלויבט איבער אויף ווינטער די קאַרטאָפל פון קעלער, דער זיידע שיט אַרום די שטוב מיט ערד... פויערים פירן קלאָפּטערס האָלץ... פאַר דער טיר רעדט מען גויִיש, דאָס דינגט זיך די מאַמע מיט אַ כאַפּטע גויִים... זיי שטייען מיט בלאַנקע העק און שאַרף־צייניקע זעגן... מען גייט דעם טאַטן אַנטקעגן... ער קומט אויף יום־טוב פון דער גרויסער שטאָט. נאָך יום־טוב בלייבט די מאַמע ווידער אַליין...

די שטאָלן זענען פוסט, די שייערן ליידיק. צעלאָפּן זענען זיך די פּעטערס איבער די אַרומיקע שטעטלעך, די הויך־ריידנדיקע, די אומרויִקע פּעטערס פון יידישן דאָרף קוכאַר — — —

ניין, מוינע וועט דאָ בלייבן. ער וועט אַרויס מיטן אַקער און אויפ־רייסן די פאַרווילדעוועטע ערד. ער וועט זיך דאָ איינשניידן ביז דעם טיפן ערדפּלייש, ביז די שיכטן, ווו ס׳גרייכן ניט די פאַרדאַרבנדיקע קרייטעכצער. ער וועט זייערע וואָרצלען אַרויסשליידערן אויף דער אייבערפלאַך און שפּעטער וועט זיי די ציינערדיקע בראָנע אויסקאַמען און צונויפזאַמלען אין קופּעס.

גוט איז אים צופוסנס פון די יהודה־בערג. אָפּט שווימען אָן די קילע בערג־שאָטנס. ס׳קייקלט זיך פונעם געסלביים מעטשעט אַ קינדעריש קול, אַ פרויען־רוף, אַן אייזל־געוויין און ס׳קוואָקען פון אַ הון. ציט זיך מוינע אויס אין זיין גאַנצער גרייס אויפן היי, און זיינע אויגן שווימען מיט די פרילינג־וואָלקנס צו די ווייטע ראַנדן פון די הימלען.

אינהאַלט

איין שאָטן פון ווײַנשטאָק 7
אויפן מעטשעט־בערגל 23
אין אַ פאַרלאָזטן דאָרף 45
אַ הויז ביים ים 66
ביים ראַנד פון מידבר 84
נאַקעטע וואָרצלען 103
צוויי ביימער 149
צופוסנס פון די הרי־יהודה . . . 154